STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02086

# FARGANGENE VELTN

Joseph Scheinberger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

# פארגאנגענע וועלטן

## (עולמות שחרבו)

איינצעלנע פונקען פון לעבן און שאפן פון רבינו הגדול איש האלקים קודש הקדשים רבן של ישראל

כ"ק אדוננו מורנו ורבנו

**מרן יואל טייטלבוים זי"ע**

אדמו"ר מסאטמאר וגאב"ד עיה"ק ירושלים ת"ו

ערשטער טייל

צוזאמענגעשטעלט און געשריבן
פון
הרב יוסף שיינבערגער

בעארבעט אויף אידיש און רעדאקטירט
פון
מנחם מנדל

ירושלים ה' תש"מ

All rights reserved
Jerusalem, Israel

©

כל הזכויות של הספר כולל התמונות
שמורות לעורך בלבד
מנחם מנדל

נדפס בישראל

Printed in Israel
דפוס "חמד" ירושלים



כ"ק רבינו הגה"ק איש האלקים מרן יואל טייטלבוים זצוק"ל

# פארווארט

די משנה אין צווייטן פרק פון מסכת אבות לערנט אונז: ״והוי מתחמם כנגד אורן של חכמים, והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה״.

דער רמב״ם ז״ל גיט עס צו ערקלעהרן ווי פאלגענד: ״דער תנא האט עס צוגעגליכן צו איינעם וואס ווארימט זיך ביים פייער, אויב ער וועט זיצן ווייט פון פייער, וועט ער געניסן פון דער היץ און בעקומען א נוץ פון דער ליכט, טאמער וועט ער אבער זיין פארנאכלעסיגט און זיך דערנענטערן צום פייער, וועט ער זיך אפברענען און אנשטאט א נוץ וועט עס איהם גאר שאדן. אט דאס איז דער מיין פון אונזערע חז״ל וועלכע באטאנען: הוי מתחמם ״כנגד״ אורן של חכמים, והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה״.

אויפן זעלבן וועג ערקלעהרט אויך דער רבינו יונה און ער זאגט: ״עס איז געגליכן צו איינעם וואס ווארימט זיך אנטקעגן א פייער, שטעהט ער ווייט פון דעם פייער ווי געהעריג, האט ער דערפון פארגעניגן און ווערט נישט אפגעבריהט, טאמער דערנעהנטערט ער זיך צו פיהל, בריהט ער זיך אפ. אזוי אויך דער וואס ווארימט זיך ביי די ליכט פון חכמים און געניסט פון זייער חכמה, דארף שטעהן פאר זיי ערנסט, מיט גרויס ציטער און עהרעפורכט א.א.וו. און ער זאל זיך נישט צו שטארק דערנעהנטערן צו זיי מעהר וויפל זיי דערנעהנטערן איהם״.

אויף דעם זעלבן וועג זענען מיר אויך געגאנגען, צו שטעהן פון דער ווייטנס, צונויפזאמלען בליאונג און בלומען, ווערטער און געשפרעכן פון דעם קדוש ה׳, דער צדיק פון אונזער דור און זיין קרוין, דער רבן של ישראל מרן יואל טייטלבוים זיע״א וועלכער איז פון אונז אוועקגענומען געווארן אין דעם ביטערן, אומגליקליכן טאג, אין כ״ו אב תשל״ט, און אונז פערלאזן צום בעדויערן.

מיר האבן זיך נישט צו פיהל דערנענטערט פארצושטעלן זיין גרויסקייט און שטארקייט, ווייל דער רבי זי״ע איז געווען פיהל העכער פון אונזערע מענטשליכע באגריפן, און מיר קענען זיך נישט דערוואגן צו צייכענען זיין געשטאלט פאר די אויגן פון די לייענערס, נישט מיר האבן די מעגליכקייט דאס צו טהון און נישט מיר וואגן עס אויסצופיהרן, פאר ציטער און מורא מיר זאלן זיך נישט אפבריהען אין זיין גרויסן פייער. מיר האבן דעריבער אויסגעפיהרט די עצה פון אונזערע הייליגע חז״ל, לויט ווי דער רמב״ם און רבינו יונה ערקלעהרן זיי, ״צו זיצן פון דערווייטנס פון פייער, געניסן פון זיין ווארעמקייט און בעקומען א נוץ פון דעם שיין״. און מיר דערוואגן זיך נישט אויפצוברענגען אויף אונזער געדאנק אז מיר האבן ערגענצט אונזער ארבעט און אז עס האט זיך אונז איינגעגעבן צו פארשטעלן ווי לעבעדיג די הויכקייט און הייליגקייט פון דעם רבין זי״ע און די גרויסקייט פון זיין תורה און צדקות, דאס וואס מיר דערצעהלן אין דער ספר, איז נישט מעהר ווי איינצעלנע טראפנס פון דעם גרויסן ים.

זאלן קומען גרעסערע און פיינערע פון אונז און אויספיהרן וואס מיר האבן אנגעהויבן, צוזאמענעמען און צונויפקלייבן אלעס וואס מיר האבן מיט אונזערע אויערן געהערט און מיט אונזערע אויגן געזעהן, צו דערצעהלן פאר דעם לעצטן דור וואס דער הייליגער צדיק האט אויפגעטהון אין נאהענט פון הונדערט יאהר, פון וועלכן מיר זאלן זיך אפלערנען ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן.

עס איז געגליכן צו איינעם וואס האט צוגעגרייט א קרוין פארן קעניג, איז דארטן אדורכגעגאנגען א קלוגער מענטש און זיך אנגערופן צו איהם: וויפל טייערע שטיינער, דימאנטן און בריליאנטן דו קענסט אריינזעצן אין דעם קרוין, זעץ אריין, ווייסטו פארוואס? ווייל זי וועט ענדליך ווערן אנגעטהון אויף דעם קאפ פון קעניג.

זיין זכות זאל אונז ביישטעהן און שיצן אויף אונז ביז אייביג.

אייר תש״מ    י.ש.    מ.מ.

# אינהאלט


ערשטער קאפיטל: **די זון איז אונטער געגאנגען** יא—כז

א קלאהרע, לויטערע שטים — צובראכן די געטשקעס — אליין אין קאמף — געזעהן פון פאראויס און געווארנט — נישט געביטן דעם טאן

צווייטער קאפיטל: **אין קאמף מיט די ציונים** כח—מב

די פראבע פון כהן גדול — נישט אפקעהרן פון רבין — פאראייניגן זיך איבער די צוימען — ווער איז געווען דער מספיד — דער ערגסטער שטאפל — די עדה החרדית איז בכח אלעמען צו ראטעווען

דריטער קאפיטל: **דערגאנגען די כוונה** מג—סה

אויך גדולים ווערן פערנארט מיט געלד — ואליו תשמעון — פאר ווענען דער פייערדיגער זייל — סוד ה׳ ליראיו — נאך דער הסתלקות איז קיין חרטה נישטא

פערטער קאפיטל: **העכער פון דעם דור** סו—פ

זיין גרויסקייט און הייליגקייט — דער לעצטער לייב — א הארץ פון א ראשון

פינפטער קאפיטל: **מוחל זיין** פא—פט

די העכסטע מדרגה — א מעביר על מדותיו — די פיינד פון דעם אויבערשטן

זעקסטער קאפיטל: **דער באגעגעניש מיט רבי ירוחם פישל פערלא** צ—קח

פון איין גאנצער געוועב — משפיע זיין בײדע זאכן — די טרומייטערס געהען נישט בירושה — שטענדיג באהעפט אין דעם בורא — האט נישט מורא פאר קיינעם

זיבעטער קאפיטל: **א פייערדיגער זייל** קט—קכב

וועלכע בעלי תשובה זענען גרעסער — מיט וועמען פארמעסט זיך דער יצר הרע — דער פסוק פון יואל — א סגולה צום זכרון — פערהארטעוועטע הערצער

אכטער קאפיטל: **טרעפליך געענטפערט** קכג—קלח

נישט ווי רב האי גאון — א צדיק אן גן עדן — זיבן זקנים — פינף זקנים — לאמיתה של תורה — המן הרשע ווייס נישט פון דעם מגן אברהם

נײנטער קאפיטל: **אזוי פיהל תורה און חכמה** קלט—קנב

אפגענארט די עלטערן — וואס קומט נאך ווידוי — א פאלשער בריוו — א אבסאלוטער ליגנד

צענטער קאפיטל: **ווי א פאטער צו קינדער** קנג—קע

ביים פארהערן פון חדר קינדער — שטענדיג ביי די תשב״ר — א נוץ פאר דער נשמה — בני תורה פארקלאגן זיך נישט — אויפן וועג צו תשליך

עלפטער קאפיטל: **מיט דער דעלעגאציע פון די עדה החרדית** קעא—קפד

די מצוה פון צדקה אנדערש פון אלע מצות — פון א אנדער וועג — זרועות עולם — מנהג של ישראל תורה — א סברא פון צדיקים

צוועלפטער קאפיטל: **געציילט די ווערטער** קפה—רב

נישט קיין משולח פון צפת — ארויסגעלאזן א ווארט — א נארמאלער קען נישט וואוינען מיט אומנארמאלע — אן תורה איז גארנישט דא

דרייצנטער קאפיטל: **א בעזוך פון צוויי גדולי תורה** רג—רטו

פדיון שבויים מיט קמחא דפסחא — די זעקסטע מדה — ג.ן תורה קען מען נישט זעהן — דינען דעם אויבערשטן מיט אלע כחות — מסירות נפש אויף תורה און מצות

פערצנטער קאפיטל: **א מנהיג ישראל** רטז—רל

התפשטות הגשמיות — א פאטער פאר אידן — יענעמס ליידן — דער פאסיגער מנהיג — מדן ועד באר שבע — דער ווייטער קוק

פופצנטער קאפיטל: **נגלה און נסתר** רלא—רמב

ביי דער פראבע פון קבלה — בקיאות אין זוהר — שלעכטע חלומות — אלע כתבי האריז"ל

זעכצנטער קאפיטל: **פיהל גרעסער** רמג — רנו

אן דעם שולחן ערוך איז מען נישט קיין גדול — א
ווייטע מחלוקת — טהרה פאר אלעמען — א מקור
פון דער גמרא זיך צו ראטעווען פון שווערד

זיבעצנטער קאפיטל: **די אויגן וואס בליקן ווייט** רנז — רעג

סייעתא דשמיא — פונקט פארקעהרט — ויבא יעקב
שלם — א קוויטל צום רב

אכצנטער קאפיטל: **צוגעוואונטשן א ברכה** רעד — רפט

וואס דארף וויסן א ראש ישיבה — ביים פארהערן די
בחורים — א ברכה פאר די קינדער — גאר א אנדער
ברכה

ניינצנטער קאפיטל: **א שמועס אין ירושלים** רצ — שח

דאס געזיכט פון א פרוש — וואס איז געווארן מיטן
צדוקי — נישט באהעפטן זיך מיט א רשע אפילו צו
תורה — די עצה אין נימוקי יוסף — מען דארף
עפענען די אויגן — ווען די תלמידים פיהרן

צוואנציגסטער קאפיטל: **וואס האט דער צדיק אויפגעטהון** שט — שיח

די לעצטע ביטע פון צדיקים — די איינציגע טרייסט
— דער פיהרער און פאסטאך — די פראגע וואס זיי
פרעגן — מיטן כח פון צדיק

ערשטער קאפיטל

# די זון איז אונטערגעגאנגען

א קלאהרע, לויטערע שטים — צובראכן די געטשקעס — אליין אין קאמף — געזעהן פון פאראויס און געווארנט — נישט געביטן דעם טאן

דער כלל ישראל איז פעריתומט געווארן.

דער הייליגער רבי, דער ג־טליכער מאן, מרן יואל טייטלבוים, איז ארויף אויפן הימל מיט שטורעם.

עס שטורעמט די גאנצע וועלט, עס קאכט דאס גאנצע תורה אידנטהום, עס רודערט די ערד אונטער אונז. די פונדאמענטן זענען צושטערט געווארן און עס איז מער קיין בעשיצער נישטא אויף אונזער דור.

אונזער דור איז מעהר נישט ווערד געווען זיך צו בענוצן און דערווארעמען זיך ביי דעם דאזיגן הימלישן ליכט, האט איהם דער אויבערשטער אוועקגענומען פון אונז און איינגעפלאנצט אין דער ישיבה של מעלה און מיר זענען געבליבן אין דער פינסטער, אונזער קרוין איז מעהר נישטא ביי אונז, ווי דורך א שטורעם איז ער פלוצלונג פארשוואונדן געווארן פון אונז. מיט א שטורעם איז ער אוועק און מיט א שטורעם האט ער זיך אויפגעהויבן.

די זון איבער אונז איז אונטערגעגאנגען און עס לייכט מעהר נישט. דער חתם סופר פון אונזער דור, ביי וועלכן מיר זענען געווען זיכער דאס מיר וועלן זיך שיצן אונטער זיינע פליגל ביז וואנען עס וועט קומען די צייט אונז אויסצולייזן, האט אונז צום באדויערן פארלאזן.

וויי צו די וועלט וואס האט אנגעווארן איהר פיהרער, וויי צו דעם דור וואס די זון איז פאר איהם טונקל געווארן.

דער ריז פון פריהערדיגע דורות, דער אורים ותומים, דער אויסגעוועהלטער פון ג־ט, די שווארץ־אפל פון דער וועלט, איז פון אונז צוגענומען געווארן.

שולדיג זענען מיר, ווייל מיר האבן געזינדיגט, און דעריבער האט אונז דער אויבערשטער אזוי בעשטראפט.

"והיה הקדוש ברוך הוא כביכול בוכה, מי יקום לי עם מרעים מי יתייצב לי עם פועלי און" (מדרש רבה ברכה) — כביכול דער אויבערשטער וויינט און זאגט, ווער וועט קענען ביישטעהן די רשעים? ווער וועט זיך שטעלן אין קאמף מיט די פאלשע זינדיגע?

★

פינף און זיבעציג יאהר האט ער געפאשעט געטריי די שאף וואס זענען געגאנגען נאך איהם, פון נאהנט און פון ווייט, און געלערנט מיט זיי תורה און יראת שמים, ער האט פאר זיי אויסגעפלאסטערט די ריכטיגע וועג, וואס ציהט זיך ביז דעם מעמד הר סיני, זיין שטים האט זיך געלאזט הערן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן, א קלאהרע, לויטערע שטים, א קלאהרע שפראך אין וועלכן מען קען נישט אפלערנען קיין פאלש פשט, א ריינע אמת׳דיגע שטים, אין וועלכן עס איז נישט אנגעקלעפט קיין פלעק פון א פרעמדע אפקלאנג. דער צער פון די הייליגע שכינה האט ארויסגערעדט פון זיין מויל, געשטראפט און געמאנט, דערנעהנטערט אידישע הערצער צו זייער פאטער אין הימל, און געקעמפט קעגן די אלע וואס זענען געשטאנען אויפן וועג.

"וויבאלד ער האט אנערקענט און שוין געוואוסט, האט ער אנגעהויבן צו ענטפערן אויף די פראגעס פון די מענטשן פון אור כשדים און דיסקוטירן מיט זיי, אויפווייזנדיג, אז די וועג אויף וועלכן זיי געהען איז נישט קיין ריכטיגע, ער האט צובראכן די געטשקעס, און גענומען לערנען דעם פאלק אז מען דארף דינען נאר דעם באשעפער פון דער וועלט — און אז מען דארף צושטערן און צוברעכן די אלע געטשקעס כדי דאס פאלק זאל דורך זיי מעהר נישט פארפיהרט ווערן — ער האט זיך אוועקגעשטעלט און אויסגערופן מיט א דונערדיגע שטימע צו די גאנצע וועלט — ער איז ארומגעגאנגען און אויסגערופן, צוזאמענגעקליבן דאס פאלק פון שטאדט צו

שטאדט און פון קעניגרייך צו קעניגרייך, ער איז געגאנגען און גערופן ביז וואנען ער האט דערגרייכט די לאנד כנען — ביז וואנען עס האבן זיך צו איהם צונויפגעקליבן טויזנטער און צענדליגער טויזנטער — אין וועלכן ער האט איינגעפלאנצט דעם דאזיגן וויכטיגן פרינציפ און פערפאסט דערויף ספרים — און עס איז געווארן אויף דער וועלט א פאלק וואס דערקענט אין דעם באשעפער" (רמב"ם הלכות עבודה זרה פרק א)

פינף און זיבעציג יאהר האט דער רבי זצ"ל געדונערט מיט זיין שטימע, די ריכטיגע אמת'ע שטימע. מיר האבן געהערט זיין שטים פון דעם פייער וואס האט אין איהם געברענט, נאהנט צו צוויי יובל־יאהרן און מיט אמאל איז דער דאזיגער שטים שטיל געווארן, עס איז שטום געווארן די שטימע וואס האט אומגעקערט צענדליגער טויזנטער צום ריינעם גלויבן.

די שטימע וועט מער נישט געהערט ווערן.

★

פיל גדולים און צדיקים זענען געווען איינפערשטענדיג מיט דער לויטערער וועג פון דעם רבין זצ"ל און זיי האבן מיטגעשטימט מיט זיין מיינונג וועלכע איז תורת אמת, אבער זיך ארויסלאזן אויף דער גרויסע וועלט, צוברעכן די געטשקעס און אויסרופן אין נאהמען פון ג־ט קעגן די אלע שטראמען, אין דעם איז נישט געווען זיינס גלייכן, ער איז דערמיט געווען א איינציגער אין זיין דור.

לאמיר דא ציטירן וואס דער ראב"ד איז משיג אויפן רמב"ם אויף דער אויבנדערמאנטער הלכה:

"א"א — ותמה אני, שהרי היו שם שם ועבר, איך לא היו מוחין? ואפשר כי מוחים היו, ולא אירע להם שישברו את צלמיהם".

— עס איז א וואונדער אויפן רמב"ם וואס ער זאגט אז אברהם אבינו איז געווען דער איינציגער, עס האבן זיך דאך דארטן געפונען



כ"ק אדמו"ר מסאטמאר
מרן ר' יואל טייטלבוים שליט"א
בעמ"ס „דברי יואל" ועוד ספרים

דער רבי זי"ע



דער רבי זי"ע

אויף שם און עבר, קען דען זיין דאס זיי האבן נישט פראטעסטירט?!
עס קען אבער זיין דאס זיי האבן טאקע יא פראטעסטירט, נאר עס האט זיך זיי נישט געמאכט צו צוברעכן זייערע געטשקעס.

דערויף לייגט צו דער "כסף משנה": "שם און עבר האבן טאקע געלערנט מיט זייערע תלמידים דעם אויבערשטנס וועג, זיי זענען אבער נישט ערוועקט געווארן צו ארויסגעהן אויפן גאס און עפנטליך אויסרופן אין נאהמען פון ג־ט, ווי אברהם האט עס געטהון, און דעריבער שטעהט ער טאקע פיהל העכער".

און דער "מגדל עוז" לייגט צו: "שם און עבר האבן זיך נישט מוסר נפש געווען זיך צו לאזן הרגענען אזוי ווי אברהם אבינו עליו השלום, וועלכער האט זיך מקריב געווען פארן באשעפער און באצאהלט דערפאר מיט זיין לעבן".

דאס איז דער סוד פון די גרויסקייט און איינציגקייט פון דעם רבין זצ"ל אין זיינע קאמפס־פאזיציעס קעגן די ציונות איבער איהר פיהל פארביגקייט, ער האט זיך נישט בעגנוגנט צו זאגן זיין מיינונג בלויז פאר זיינע חסידים און תלמידים, נאר ער האט געטהון אלע מעגליכקייטן דאס זיינע רייד זאלן זיך הערן אין די אויערן פון דעם גאנצן כלל ישראל.

"ואותר אני לבדי" — ער האט זיך נישט גערעכנט דערמיט וואס פיהל מאל, שטעהענדיג אויף דעם קאמפס־פעלד קעגן די ווידערשפעניגער אין ג־ט, איז ער געבליבן איינער אליין אין פראנט, און גדולים און חשובים זענען איינציגווייז ארויסגעפאלן, איבערלאזנדיג דעם רבין איינער אליין אנפיהרן דעם ריזן־קאמף קעגן די תורה־פיינט — דאן האט ער מעהר געוואוסט און געפיהלט פון זיין גרויס פעראנטווארטליכקייט, דאס פון אויבן האט מען איהם געשיקט אויף דער וועלט צו ראטעווען זיין דור פון די פייער צונגען פון די ציונים איבער איהם גאנצע ענטבלויזקייט.

היינט זענען שוין אלע מודה, דאס ווען נישט דער הייליגער קאמף פון דעם רבין זי"ע קעגן די צושטערער פון דאס אידנטהום, ווען נישט זיינע איבערמענטשליכע קאמפן מיט די פארשידענע

פארפיהרער, וואלטן מיר, אונזערע קינדער און אייניקלאך געכאפט געווארן אין דער ציונות, וועמענס גאנצער ציהל איז צו לייקענען אין ביאת המשיח און צוברענגען דעם אידישן פאלק זיי זאלן זיין ווי אלע אנדערע פעלקער.

דער רבי זי"ע מיט זיין הייליגן גייסט וואס האט איהם באהערשט שוין פון זיין יוגנד אן, האט פאראויס געזעהן דעם שלעכטן ווארצל און די טיפע טומאה וואס ליגט באהאלטן טיף אינווייניג פון דער ציונסיטישע אידעע, און דאס שלעכטס וואס דער אידישער פאלק וועט פון זיי ליידן אין די שפעטערע יאהרן, טעג און נעכט פלעגט ער קרעכצען און זיפצן אויף דעם וואס די ציונות האט אונז פארשאפט און אויף די רבנים און פיהרער וועלכע שטימען מיט זיי מיט און זעהען דערין א דערנענטערונג צו דער גאולה און א דערלייכטערונג פון דעם גלות-יאך.

"המגיד מראשית אחרית" — דאס וואס מיר פארשטעהען יעצט, אין דרייסיג יאהר שפעטער פון זינט עס איז ענטשטאנען די ציאניסטישע מדינה מיט איהר טריפה'ער געזעצגעבערישע הויז און איהרע גויאישע געריכטן, האט ער פון פאראויס געזאגט פיהל יאהרן נאך איידער זי איז געשאפן געווארן. ער האט נישט אדורכגעלאזט קיין שום שמועס אדער דרשה אין וועלכן ער זאל באטאנען און אויסדריקן זיין ציטער און שרעק פון דעם אומגליק און ליידן וואס די ציונות ברענגט אויף דעם כלל ישראל.

איך געדענק, אין יאהר תרצ"ב, ווען איך בין נאך געוועזן א אינגל, איז דער רבי זי"ע (דאן קראלער רב) געשטאנען אויף דער בימה אין ירושלים, אין די חסידישע שוהל פון די אונגארישע הייזער און גערונערט מיט זיין שטימע, אויף דעם וואס שטעהט אונז פאר, אויב מיר וועלן חס ושלום נישט אויסרייסן מיטן ווארצל דאס אומגליקליכע ציונות און זיך נישט קעגנשטעלן קעגן איהרע פארברעכנס, זיינע רייד האט דאן אויסגעזעהן ווי א ווייטער פערדאכט, ווי א זאך וואס קען גאר נישט מעגליך זיין.

יאהרן זענען אריבער, עס זענען דורכגעלאפן די יאהרן פון



אין די חסידים שוהל פון די אונגארישע הייזער

חורבן און פארניכטונג. די מדינה איז אויפגעשטאנען און געווארן א פאקט, צענדליגער און הונדערטער טויזנטער האבן פארלוירן זייער ריכטיגע וועג און נאר איינצעלנע זענען פארבליבן.

און אט איז געקומען דער שטורעם ווינד און אויסגעריסן אויך דעם לעבעדיגן בוים אונטער וועלכן מיר האבן זיך געשיצט און אנגעשפארט.

★

אין איינעם א שמועס האט מיר דער רבי זי"ע געזאגט, דאס עס איז אינטערעסאנט צו אנמערקן דעם לשון פון דעם אויבנדערמאנטן רמב"ם וואס זאגט וועגן אברהם אבינו "היה מהלך וקורא ומקבץ העם מעיר לעיר וממלכה לממלכה עד שהגיע לארץ כנען והוא קורא" — ער איז געגאנגען און גערופן און צוזאמענגעקליבן דעם פאלק פון איין שטאדט צו דער צווייטע, פון איין לאנד צו דער אנדערע ביז וואנען ער איז אנגעקומען צו דער לאנד כנען און ער האט ווייטער גערופן.

וועגן וואס באטאנט דא דער רמב"ם דאס אויך דאן ווען אברהם אבינו האט דערגרייכט די לאנד כנען האט ער זיך נישט אפגעשטעלט און ווייטער גערופן אין נאהמען פון ג־ט, ער האט דאך שוין פון פריהער געשריבן דאס אברהם אבינו האט אויסגערופן אין אלע שטעדט און אין אלע לענדער, און ממילא ווערט דאך אריינגערעכנט אויך די לאנד כנען, נאך וואס האט דער רמב"ם געדארפט ספעציעל דערמאנען אז אויך דארט, אין דער לאנד כנען האט זיך אברהם אבינו נישט אפגעשטעלט און אויסגערופן אין דעם נאהמען פון ג־ט?

— נאר עס ווייזט אויס — האט דער רבי זי"ע געזאגט — אז עס זענען דא אזעלכע וואס אין חוץ לארץ רופן זיי אויס אין נאהמען פון ג־ט מיטן פוהלן מויל. אן קיין ברעקל שרעק, אבער ווי נאר זיי קומען ארויף זיך באזעצן אין ארץ ישראל, בייטן זיי באלד דעם טאן... זיי הויבן אן אנערקענען אין דער נייער ווירקליכקייט, און ווענדן אן א אנדער שפראך מיט א נייעם גאנג, זיי באקומען א גאנץ

אנדערן גייסט אנקומענדיג אין לאנד, און דאס וואס אין חוץ לארץ איז געווען אסור ווערט דא ביי זיי מותר.

— אט דאס וויל דא דער רמב״ם בעטאנען מיט זיינע הייליגע ווערטער, אז אברהם אבינו טראץ דעם וואס ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט ער נישט געביטן דעם טאן און נישט געענדערט זיין אויסרופן, די זעלבע ווערטער און דער זעלבער רוף וואס ער האט פראקלאמירט אין חוץ לארץ, האט ער אויך דא, אין ארץ ישראל אויסגערופן.

״ראויים הדברים למי שאמרם״ — די רייד זענען ווירקליך צוגעפאסט צו דעם וואס האט עס געזאגט. דער דאזיגער פשט אין רמב״ם שפיגלט אפ די פעסטקייט און אמתדיגקייט פון דעם רבין זי״ע, וועמענס קלאהרע וועג וואס אנבעלאנגט צו ציונות און צו אלע וואס ווערן מיטגעצויגן נאך איהר, איז מיט קיין האר נישט געמינערט געווארן אויך דאן ווען ער איז ארויפגעקומען צו דער לאנד כנען, און אזוי ווי ער האט זיך געפיהרט אין חוץ לארץ, אזוי האט ער זיך אויך געפיהרט אין ארץ ישראל. די זעלבע ווערטער וואס ער האט געלאזט הערן אין זיינע יוגנד יאהרן, נאך פאר דער ערשטער וועלט קריג, אט די זעלביגע ווערטער האט ער געלאזט הערן אויך נאכן חורבן, און אויך נאכדעם וואס ער איז געראטעוועט געווארן פון טויטן־טאל און ארויפגעקומען אין ארץ ישראל. די פארשידענע ענדערונגען אין דעם צושטאנד פון אידישן פאלק, אין דער צייט פון פינף און זיבעציג יאהר פון זיין הנהגה, האבן נישט געריהרט קיין איין תג פון זיין תורה, נישט געמינערט קיין איינציגער אות פון זיין לעהרע, וועלכע איז אויסגעשניצט געווארן פון דעם כסא הכבוד.

מיר געדענקען זיינע פלאם פייערדיגע רייד ווען ער איז געשטאנען ארומגעוויקלט אין זיין טלית נעבן דעם ארון הקודש אין די שוהל פון שומרי החומות, וועלכע איז געווען איבערפוהלט און געפאקט מיט די נקיי הדעת פון ירושלים, גאוני תורה און געהויבענע חסידים. דער רבי איז דאן געשטאנען און געשריגן ווי א לייב,



די פרושים שוהל אין די אונגארישע הייזער



ביי א גרונדשטיין לעגן פון א הויז אין די אונגארישע הייזער זיצן: רבי ישראל משה דושינסקי, רבי יצחק יעקב ווייס גאב"ד, רבי משה ארי' פריינד ראב"ד, רבי יששכר דוב גולדשטיין

געווארנט קעגן דעם געפאהר וואס ליגט בעהאלטן אונטער דעם מאנטל פון דער ציאניסטישע אידעע און די רבנים פון דער רבנות הראשית וואס כשר'ן עס. ער האט אלארמירט און זיך געבעטן נישט צו פערכאפט ווערן אין זייער נעץ, ווייל זיי וועלן חס ושלום ברענגען א גרויסער אומגליק און צארן אויף דער וועלט, זייערע שאפונגען און טעטיגקייט פארלענגערט דעם גלות און פארפינסטערט די אויגן פון די אידן.

מיר גדענקען נאך ווי אזוי דער רבי זי"ע האט פארברענגט צוזאמען מיטן גאון און צדיק רבי משה קליערס זצ"ל, טבריה'ער רב, אין זיין וואוינונג וואס האט זיך געפונען נאהנט צום ציון פון רבי מאיר בעל הנס, ווי אזוי זיי זענען געזעסן און זיך בעראטן ווי צו ריינגן די לופט פון די אנשטעקיגע באקטעריען פון דער ציאניסטישע קרענק, וועלכע האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט און אנגעמאכט חורבנות צווישן דער יוגנד, דער רבי זי"ע האט זיך דאן אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און אויסגערופן:

— שולדיג זענען דערביי די רבנים וואס האבן זיך פארקויפט צו דער עבודה זרה פון די ציונים, וועלכע האבן אויפגעשטעלט דעם משרד הרבנות צו כשרן די ציונות, צו מורד זיין אין די דריי שבועות וואס דער אויבערשטער האט באשווארן דעם אידישן פאלק — זיי, זיי שאפן עס די אלע צרות און אומגליקן.

הרב החסיד רבי ברוך גרינפעלד ע"ה פון ירושלים האט עדות געזאגט, אז דער ציטער פארן עובר זיין אויף די שלש שבועות, האט שוין דער רבי זי"ע געלאזט הערן נאך איידער ער איז געזעסן אויף דער רבנות שטוהל פון קראלע. ווען ער איז נאך געווען גאר א יונגערמאן, האט ער שוין דאן אויסגערופן פאר זיינע געטרייע מענטשן, דאס ער איז זייער פארזארגט טאמער חס ושלום וועט דאס אויסרייסן די דאזיגע שלש שבועות צוברענגען א גרויסן אומגליק אויפן כלל ישראל, שוין דאן האט ער פאראויס געזעהן מיט זיין הייליגן גייסט, די צוקונפטיגע ביטערע צרות וואס קומען אן.

נאך גאר אין אנהויב, ווען עס האט נאר וואס אנגעהויבן צו

ארויסשפראצן די ציאניסטישע באוועגונג אין דער פארעם פון ״חובבי ציון״, האבן שוין זיינע גייסטיגע אויגן געזעהן די צרות וואס זיי טראגן אויף זייערע פליגל פארן גאנצן אידישן פאלק, ווען אלע זענען נאך גאנץ רוהיג געשלאפן, איז שוין זיין הארץ געווען וואך וועגן דעם צוקונפט. ער האט ווייט געקוקט און געבליקט אויף די שרעקליכע אומגליקן וואס שטעהען פאר אויב מען וועט נישט פון פאראויס אפשטעלן דאס שעדליכקייט, ער האט גערופן מיט באנומענע קולות צו אפהאלטן באצייטנס דעם געפאהר, אבער נישט אלע האבן זיך צוגעהערט צו זיין אויפרוף, נישט אלע האבן פערשטאנען זיין אלארם.

מיר האבן צוגעזעהן זיינע גייסטיגע ליידן ווען ער האט זיך געבעטן ביי אונז און מיר האבן איהם נישט צוגעהערט, דערפאר איז אויף אונז געקומען די דאזיגע צרה.

דער אויבערשטער האט בעהאלטן אין זיין היכל דעם דאזיגן בריליאנט, ביז וואנען עס וועט זיך הערן דאס שאלן פון דעם שופר פון משיח׳ן.

און ביז דערווייל, פארמאגט נישט אונזער אומגליקליכער דור קיין זאך און מיר אלע טאפן אין דער טונקל.

מיר, ארץ ישראל אידן, דארפן גיכער וויינען, ווייל אונז האבן פערלוירן אונזער באשיצער און די אלע וועגן און שטעגן זענען פארזייט מיט שטעכעדיגע דערנער, פיינט פון דרויסן און פון אינווייניג.

וואלטן מיר זוכה געווען, וואלטן מיר געלייענט אין דער תורה ״והתהלכתי בתוככם״, און יעצט וואס מיר האבן נישט זוכה געווען, דארפן מיר לייענען ״ויצא מבת ציון״.

דעריבער זאל ציון ביטער וויינען און ירושלים אויפהויבן איהר געשריי.



רבי משה קליערס.



דער ציון פון רבי מאיר בעל הנס




**דער רבי זי״ע אין די יונגע יאהרן**

צווייטער קאפיטל

# אין קאמף מיט די ציונים

די פראבע פון כהן גדול — נישט אפקעהרן פון רבין — פאראייניגן זיך איבער די צוימען — ווער איז געווען דער מספיד — דער ערגסטער שטאפל — די עדה החרדית איז בכח אלעמען צו ראטעווען

דאס איז געווען אין יאהר תרצ״ב. דער רבי זי״ע איז געקומען אויף א באזוך קיין ארץ ישראל דעם ערשטן מאל. די עהרליכע אידן אין ירושלים האבן איהם צוגעטיילט כבוד מלכים.

אין יענע צייט איז אין ירושלים נישט געווען קיין רב, ווייל אין חודש אדר פון יענעם יאהר איז נסתלק געווארן דער גאון און קדוש מרן רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי״ע, וועלכער האט געשיצט אויף ירושלים. דער קאמף מיט די ציונים און דער רבנות הראשית איז דאן געווען אין פוהלן ברען, און דא געפינט זיך די רעליגיעזע ירושלים אן א מנהיג.

די רבנים און גאונים, די מיטגלידער פון דעם בית דין, האבן זיך צוזאמענגעטראפן מיטן רבין זי״ע (אין ראזנבערג האטעל) צו בעקומען פון איהם זיין ברכה און דערמוטיקונג, מען זאל זוכה זיין צו אויפנעמען געווארן א רב וועלכער זאל אנפיהרן מיט דער הייליגער שטאדט ירושלים, די אידישע געמיינדע זאל נישט פערבלייבן ווי שאף אן א פאסטאך (דער גאון און צדיק מרן רבי יוסף צבי דושינסקי זי״ע איז אויפגענומען אויף דער רבנות אין ירושלים אין יאהר תרצ״ג און ער איז אנגעקומען אין ירושלים אין ו׳ אלול תרצ״ג און דורכדעם האט ירושלים צוריק אנגעטהון איהר קרוין). איז דער רבי געזעסן מיט די רבנים און פארברענגט מיט זיי א לאנגע צייט, זיי געשטארקט און ערמוטיגט זיי זאלן נישט לאזן שוואכער ווערן דעם קאמף און דער אויבערשטער וועט נישט פארלאזן זיין הייליגע געמיינדע.

ביי יענעם שמועס האט דער רבי זי״ע צווישן אנדערע געזאגט:

די גמרא ברענגט אין יומא (דף יט:) ווען דער כהן גדול האט געוואלט איינדרימלען, פלעגט מען איהם באשעפטיגן ביז עס איז



רבי יוסף חיים זאנענפעלד



רבי יוסף צבי דושינסקי

אנגעקומען די צייט וואס מען דארף שחט'ן דעם קרבן. פיהרט אויס די גמרא דאס מען האט איהם נישט באשעפטיגט מיט קיין מוזיק א.ד.ג. וואס זשע דען האט מען פאר איהם געזאגט? — "אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו" — אויב דער אויבערשטער וועט נישט בויען דאס הויז, האבן די בוי אונטערנעמער אומזיסט געהארעוועט.

פארוואס האט מען אויסגעקליבן צו לערנען דוקא אט דעם פסוק און עס לאזן הערן אין די אויערן פון כהן גדול אין משך פון די גאנצע יום כפור נאכט? דער בית המקדש האט דאך דאן עקזיסטירט, דער אויבערשטער האט דאך געלאזט בויען זיין הויז און געוואכט איבער ירושלים, אלעס פיהרט זיך מיט דער בעסטער ארדענונג, פארוואסזשע האבן די חז"ל געפונען פאר נויטיג איהם צו לאזן הערן דוקא אט דעם פסוק? געוויס איז עפעס בעהאלטן אין דעם?

מען קען עס אבער אזוי ערקלעהרן. לויט ווי עס איז בעקאנט, איז אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש געווען פיהל אפיקורסים און צדוקים, אויף אזוי ווייט, דאס מען האט געדארפט באשווערן אויך דעם כהן גדול, מורא האבנדיג טאמער איז ער אויך געכאפט געווארן אין מינות רח"ל. האט מען דעריבער אויסגעפרובירט דעם כהן גדול, צו ער איז ריין פון מינות דורך נאך א פראבע, מען האט איהם די גאנצע נאכט געלאזט הערן די הארבע ווארנונג, אז אויב דער אויבערשטער וועט נישט אויפבויען זיין הויז און אויב הקב"ה וועט נישט וואכן איבער זיין שטאדט, איז אומזיסט די הארעוואניע פון די בוי אונטערנעמער און די שומרים, ווייל אן דעם רצון הבורא קען ירושלים נישט עקזיסטירן און גערעטעוועט ווערן. אויב אזעלכע רייד זענען אריינגעגאנגען אין די אויערן פון דעם כהן גדול און ער האט דערויף גארנישט רעאגירט, ער האט זיך נישט קעגנגעשטעלט קעגן אזא לאזונג, איז עס א צייכן, אז ער פארמאגט נישט קיין מינות, ער איז ריין פון יעדן פערדאַכט, מען קען איהם רוהיג לאזן דינען אין קודש הקדשים.

— די זעלבע פראבע — האט דער רבי אויסגעפיהרט —

עקזיסטירט אויך אין אונזער צייט. אויב מען זאגט פאר א מענטשן, אז עס קען נישט עקזיסטירן קיין פרידן אין לאנד און די גאנצע לאנד וועט נישט קענען עקזיסטירן, נאר דאן אויב דער אויבערשטער וועט עס אויפבויען און וואכן איבער איהר, און דער צוהערער נעמט אן די רייד, איז עס א צייכן אז ער איז נישט געכאפט געווארן אין ציונות.

ביי יענעם שמועס איז געווען אנוועזנד אויך הגאון רבי ראובן שלמה יונגרייז זצ״ל, פון די גרויסע לוחמי מלחמות ה׳. האט זיך פון טיפעניש פון זיין הארץ ארויסגעלאזט א קרעכץ און ער האט זיך דאן אנגערופן צום רבי׳ן זי״ע: געוואלד, אוואו נעמען מיר נאך א רבי חיים זאנענפעלד!

האט זיך דער רבי זי״ע אנגערופן און געזאגט:

— אין אנהויב יהושע ווערט געזאגט, אז דער אויבערשטער האט אנגעזאגט יהושע׳ן: ״רק חזק ואמץ מאד לשמור לעשות ככל התורה אשר צוך משה עבדי, אל תסור ממנו ימין ושמאל״. טייטשט דער רד״ק אויפן ארט: אל תסור ממנו, קערט זיך אום אויף משה׳ן.

דאס מיינט, אז דער אויבערשטער האט אנגעזאגט צו יהושע׳ן ער זאל זיך נישט אפקעהרן פון משה רבינו, אויך נאך דער הסתלקות פון משה׳ן, אויך דאן זאל ער זיין באהעפט אין איהם.

אט די ווערטער האט דער רבי געזאגט צוריק מיט אכט און פערציג יאהר. דארפן מיר יעצט פערטייטשן די ווערטער פאר אונז אליין און זיי אויספיהרן, זיך נישט אפקעהרן פון רבי׳ן זי״ע אויך נאך זיין הסתלקות, און צו זיין באהעפט אין דעם רבי׳ן און זיין תורה ביז ער וועט אויפשטעהן ביי תחית המתים.

★

עס האט מיר דערצעהלט דער גאון און צדיק רבי יהודה אייזיקזאן זצ״ל (דער איידעם פון דעם עצי חיים זי״ע, געוועזן רב אין אחוזה, אין חיפה) דאס בשעת דער רבי זי״ע האט אמאל בעזוכט ביי איהם אין שטוב, אין חיפה, איז אריינגעקומען צו איהם אויף א בעזוך ר׳ יעקב כ״ץ ז״ל, דער אנפיהרער פון פא״י אין חיפה. דער רבי

זי"ע האט ווי זיין שטייגער געגומען רעדן מיט ביטערניש וועגן אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל וועלכע באהעפטן זיך מיט די ציונים און נעמען אנטייל אין זייערע אלע טעטיגקייטן. ער האט גע'טענה'ט אז די אגודה צושטערט און ברעכט איין אלע צוימען און גרעניצן, אפילו אזעלכע וואס די גרינדער פון אגודת ישראל האבן עס אליין בעצייטנס אויפגעשטעלט און געגומען אויף זיך כדי זיך צו דערווייטערן פון די ציונים, אויך אט די צוימען וואס זייערע רביים האבן אויפגעטהון רייסן זיי פולשטענדיג אויס.

האט ר' יעקב כ"ץ געגומען זיך פארענטפערן מאכנדיג א פלפול. ער האט געזאגט, אז טראץ דעם וואס דער רבי זי"ע איז גערעכט מיט זיינע טענות, און ווירקליך זענען דא פארבינדונגען און פאראייניגונגען מיט די חפשים אויף פיהל געביטן, אין געגנזאץ צו דעם ווילן פון די ערשטע גרינדער, אבער מען קען מלמד זכות זיין און זיי פערענטפערן, אז נאר די עסקנים און אנפיהרער פון דער אגודה און פועלי אגודה, נאר זיי באהעפטן זיך מיט די ציונים, דאגעגן די מאסן, די מיטגלידער פון די פארטייען אגודה און פועלי אגודה — זיי זענען נישט קיין פורצי גדר. זיי האבן נישט קיין שום פארבינדונג צו די ציונים. דער המון עם האט נישט קיין שום פארקעהר נישט מיט ציונות און נישט מיט די ציונים. עס קומט אויס, אלזא, דאס אין בעצוג צו די מאסן, זענען די צוימען וואס די ערשטע גרינדער האבן אויפגעשטעלט נאך געבליבן שטעהן, און דאס פאראייניגן זיך פון די אנפיהרער פוןביידע לאגערן רייסט נישט אויס די ספעציעלע צוימען — אזוי האט גע'טענה'ט ר' יעקב כ"ץ.

האט זיך אנגערופן דער רבי זי"ע און געזאגט, דאס אויב די אנפיהרער באהעפטן זיך מיט די ציונים און נעמען אנטייל אין זייערע מעשים איבער די קעפ פון די מאסן, דאן האבן די צוימען גאר קיין ווערד נישט. אויב עס עקזיסטירט צווישן די פיהרער א פריינדליכער בונד, צופאלן אלע ווענט, די גדרים זענען גאר קיין גדרים נישט און די גרעניצן זענען ווי קיינמאל נישט געווען.

— איך קען עס אייך אויפווייזן פון א משנה — האט דער רבי

ווייטער געזאגט — עס ווערט געברענגט אין פאה (פרק ב׳ משנה א׳) אז מען קען נישט איבערלאזן קיין פיאה פון איין פעלד אויף דער אנדערע. און נאך ווערט דארטן געזאגט (משנה ג׳) דאס ביי בוימער העלפט נישט קיין אנדער הפסק, עס זאל ווערן צוטיילט אויף צוויי פעלדער, נאר דאן ווען עס איז דא צווישןביידע פעלדער א צוים אין א הויך פון צעהן טפחים. אויב אבער די צווייגן ווערן פון אויבן צומישט איבערן גדר איינער אין אנדערן, אויב עס איז דא א באהעפטונג צווישן די הויכע צווייגן פון איבער דעם צוים, דאן האט דער צוים גאר קיין ווערד נישט. עס באקומט א דין ווי איין פעלד, עס ווערט אויס הפסק, און עס ווערט ווי איין פעלד.

און נאך האט מיר דערצעהלט דער אויבנדערמאנטער רבי יהודה אייזיקזאן ז״ל. ווען דער רבי זי״ע איז געווען ביי איהם אין שטוב אויף א בעזוך, איז דאן געקומען בעזוכן דעם רבי׳ן א עלטערער חשובער איד פון חיפה מיטן נאהמען רבי חיים חיימאוויטש, וועלכער האט זיין גאנצן לעבן געטהון אין עסקנות לשם שמים. האט ער דערצעהלט פאר דעם רבין זי״ע די היסטאריע פון שטאדט, וועלכע איז אין די ערשטע יאהרן געווען אויף א זייער נידריגן צושטאנד פון דער גייסטיגער געביט, די שנאה צו די תורה אידן איז געווען שרעקליך. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, דאס אין יאהר תרצ״ב ווען עס איז אנגעקומען די ידיעה קיין חיפה וועגן דער הסתלקות פון דעם גאון און צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי״ע, וועלכער איז זעכציג יאהר נאכאנאנד געשטאנען אין קאמף צו היטן אויף דער הייליגקייט פון ירושלים קעגן די פרעמדע ווינטן, האבן אייניגע פרומע עסקנים געוואלט אפריכטן אויף איהם א הספד אין דער שטאדטישער צענטראלע שוהל. האבן די גבאים פון שוהל, וועלכע האבן פארקערט צו דער מזרחי, בשום אופן נישט געוואלט ערלויבן מען זאל דארטן אפריכטן דעם הספד, מיט דער טענה: דאס ער האט גערודפט די ציונים א.א.וו.

האט זיך דער רבי זי״ע אנגערופן:

— מיר געפינען אין דער גמרא (שבת דף קנ״ג), אמר לי׳ אביי

לרבה, כגון מר, דסני לי׳ כולהו פומבדיתא, מאן אחים הספידא? אמר לי׳, מסתייא את ורבה בר רב חנן. — אביי האט געפרעגט פאר רבה׳ן, וויבאלד די איינוואוינער פון פומבדיתא (וואו רבה האט געוואוינט) האבן דיר פיינד, ווער וועט דיר מספיד זיין נאך דיין הסתלקות? האט דערויף רבה געענטפערט: עס איז גענוג פאר מיר אויב נאר דו מיט רבה בר רב חנן וועלן מיר מספיד זיין.

— לאמיר בעטראכטן — האט דער רבי זי״ע געזאגט — די גרויסקייט פון רבה בר נחמני. אויף דעם רבה בר נחמני ווערט געזאגט, דאס בשעת ער איז נסתלק געווארן, איז ארויס א בת קול פון הימל און אויסגערופן: וואויל איז צו דיר, רבה בר נחמני, וואס דיין קערפער איז טהור, און דיין נשמה האט פארלאזן דעם גוף מיט טהור (בבא מציעא דף פ״ו).

אט דער רבה בר נחמני, וועלכער האט געזאגט וועגן זיך, אז ער איז א איינציגער אין נגעים, א איינציגער אין אהלות (שם).

ווען רבה בר נחמני איז נסתלק געווארן איז אין פומבדיתא אראפגעפאלן א פתקא מן שמיא, א צעטל פון הימל וועלכער זאגט אן אז רבה איז נסתלק געווארן (שם).

אט דער רבה בר נחמני וועלכער האט א גאנץ יאהר פארמאגט אין זיין ישיבה פיהר הונדערט תלמידים און אין דער צייט פון ירחי כלה האט ער געהאט צוועלף טויזנט תלמידים.

אט דער רבה בר נחמני וועלכער האט גארנישט געגאסן פון דער וועלט, ער האט אפילו קיין ברויט נישט פארמאגט מיט וועלכן ער זאל קענען מאכן א עירוב (עירובין דף ס״ח), אפילו נישט קיין גערשטן ברויט (מועד קטן כ״ח).

רבה בר נחמני וועמענס שלאף איז געווען אזוי ווייניג, נישט מעהר וויפל עס שלאפט א פערד (סוכה דף כ״ו).

אט דער רבה בר נחמני, וואס אין דער צייט ווען עס איז געווען א מחלוקת אין דער מתיבתא דרקיע אויף א ספק, האבן זיי באשלאסן אז רבה בר נחמני וועט דערויף דעצידירן און פסקענען.




אויף א פראטעסט אין ווייסן הויז, נעבן רבין ז״ע דער סאטמאר רבי שליט״א

אויף אזא גרויסן מאן, זאל אביי זאגן, אז עס וועט נישט זיין ווער עס זאל איהם מספיד זיין?!

און צוליב וואס? דערפאר וואס ער האט זיך געאפפערט פארן אויבערשטן, ער האט אויסגעמוסרט די מענטשן פון זיין דור און קיינעם נישט געשוינט. ער איז נישט מיטגעגאנגען מיטן שטראם און געקעמפפט פארן אמת. אט דעריבער האט קיינער איהם נישט געוואלט מספיד זיין און דוקא אין פומבדיתא, די שטאדט וועלכע ער האט אנגעפיהלט מיט תורה!

וואס איז אבער געווען די ענדע? — עס איז ארויס א בת קול פון הימל און אויסגערופן אז ווער עס וועט זיך נישט בעטייליגן אין דעם הספד אויף רבה בר נחמני, וועט ליגן אין חרם! (בבא מציעא דף פ"ו) — — —

*

איינמאל האט דער רבי זי"ע אויסגערעדט פאר איינעם פון די רבנים וועלכער בעזייטיגט זיך שטענדיג ביי אלע קאמפפן וואס באלאנגען צו אידישקייט, ער זיצט זיך אפגעזונדערט אין שטוב און מען הערט נישט זיין שטים אויף קיין שום פארזאמלונג אדער דעמאנסטראציע א.ד.ג.

האט זיך דער רב פארענטפערט און געזאגט, אז איהם לוינט זיך מעהר ווען אט די אלע קאמפפן ווערן אנגעפיהרט דורך אנדערע, ווייל ער איז זייער פארנומען אין לערנען, ער פיהלט אז דער שר של שכחה שטארקט זיך איבער איהם און ער הויבט אן צו פארגעסן דעם לערנען, האט ער דעריבער באשלאסן וואס מעהר צו חזרן און לערנען, ער פארברענגט יעדע איבריגע מינוט נאך אמאל צו איבערחזרן וואס ער האט געלערנט, עס איז איהם פשוט א שאד די צייט צו פארברענגען דורך קומען צו פארזאמלונגען און זיך באטייליגן אין פראטעסטן און דעמאנסטראציעס, און דעריבער קען ער נישט נעמען קיין אנטייל זיך צו באטייליגן מיט די מאסן אויף די פייערליכע פארזאמלונגען אין די יום תפילות וואס קומען פאר אויף אידישע צרות א.א.וו.



אויף א פראטעסט: רעכטס דער רבי זי״ע, דער פאלטישאנער רב, לינקס: רבי יעקב קמנצקי, רבי משה פיינשטיין, רבי יעקב יצחק רודרמן, רבי יצחק הוטנר

האט זיך דער רבי זי"ע אנגערופן צו יענעם רב אנווייזנדיג אויף דעם אבות דרבי נתן (פרק כד) וואו עס ווערט געזאגט ווי פאלגענד:

...א מענטש קען לערנען תורה א צייט פון צוואנציג יאר און עס פארגעסן אין צוויי יאהר, ווי אזוי איז עס מעגליך? — אויב ער זיצט זעקס מאנאטן און חזרט נישט איבער, וועט ער צוקומען צו זאגן אויף טמא טהור און אויף טהור טמא, עס וועט אריבערגעהן צוועלף מאנאטן און ער וועט נישט חזרן, וועט ער ענדליך פערבייטן די חכמים איינעם אין אנדערן, אכטצן מאנאטן און ער וועט נישט חזרן, וועט ער פארגעסן די אנהויבן פון די גמרא'ס, עס געהען אריבער פיהר און צוואנציג מאנאטן און ער חזרט נישט, וועט ער ענדליך פארגעסן די אנהויבן פון די פרקים, און דורכדעם וואס ער זאגט אויף טמא טהור און אויף טהור טמא, און ער פארבייט די מימרא פון איין חכם אויפן אנדערן, ער פארגעסט די אנהויבן פון די גמרא'ס און די אנהויבן פון די פרקים, ביז ער וועט ענדליך בלייבן זיצן און שווייגן, און אויף איהם זאגט שלמה המלך (משלי כד) "נעבן א פעלד פון א פוילער מענטש בין איך אדורכגעגאנגען און נעבן א וויינגארטן פון א מענטשן אן א הארץ. ער איז אינגאנצן אויפגעגאנגען מיט שטעכעדיגע געוויקסן, און פארדעקט געווארן מיט דערנער און זיין שטיינערנער צוים איז צושטערט געווארן, וויבאלד די ווענט פון דעם וויינגארטן זענען איינגעפאלן, ווערט דער גאנצער וויינגארטן פארניכטעט".

דערפון זעהען מיר, אז דאס ערגסטע שטאפל איז דערמיט וואס מען זיצט און מען שווייגט, דאס איז נאך פיהל ערגער ווי דער וואס זאגט אויף טמא טהור און אויף טהור טמא, ווייל יענער האט נאך צום ווייניגסטן א שטיקל אנגעהעריגקייט צו הלכה. עס אינטערעסירט איהם נאך די דינים פון טומאה און טהרה און עס באלאנגט צו איהם, אבער דער וואס זיצט און שווייגט, ביי איהם איז שוין קיין שום אונטערשייד נישטא צו עס איז טהור אדער טמא, ער פארמאכט זיך אין שטוב און טיילט זיך אפ פון דער געזעלשאפט מיט זייערע זארגן, דער כבוד שמים געהט איהם גארנישט אן. עס זענען דעריבער זייער טרעפליך די אויבנדערמאנטע ווערטער, אז די ענדע וועט זיין

דאס ער וועט זיצן און שווייגן, ווארום דאס איז די נידעריגסטע שטופע צו וועלכן מען קען צוקומען, און דאס איז טאקע דאס ערגסטע, ווייל זיין גייסט איז אינגאנצן אפגעשניטן, ער זיצט און שווייגט און דער ווייטאג פון דער הייליגער שכינה באריהרט אים גארנישט.

*

איינמאל ווען דער רבי זי״ע איז געווען אין ירושלים, איז ער געקומען אויף א בעזוך אין דער הויז וואו עס געפינט זיך דער אפיס פון דער עדה החרדית (אין רחוב אדמון) און לכבוד דעם געשעהעניש זענען צוזאמענגעקומען די ״מועצת השבעים״ (זיבעציג ראטגעבער) פון די עדה און דער דאמאלסדיגער פארזיצער פון די עדה, הרה״ג רבי אליהו נחום פרוש גליקמן זצ״ל, האט געהאלטן א פיהל אינהאלטסרייכע דרשה, און דער רבי זי״ע האט דערויף אפגעענטפערט מיט א ווארימע ברכה פאר די עדה החרדית און איהרע אלע אנהענגער.

הרה״ג רבי אלי׳ פרוש האט דאן דערמאנט אין זיין דרשה, אז צוליב די הויפט פרינציפן און צוימען וואס די עדה האט גענומען אויף זיך, אריינגערעכנט אין דעם דער חרם אויף די שוהלעס, איז עס אומעגליך אז די עדה זאל זיך קענען פארברייטערן און זיך צושפרייטן, ווייל נישט אלע קענען נאכקומען און ביישטעהן די אלע באגרעניצונגען פון אונזערע רביים.

האט דערויף באמערקט דער רבי זי״ע און געזאגט:

— מיר געפינען אין דער גמרא כתובות (דף כז.) אז א שטאדט וואס איז איינגענומען געווארן דורך גוים, זענען אלע כהנות וואס געפינען זיך אין איהר פסול צו כהונה, דערויף זאגט די גמרא, דאס אויב אין שטאט געפינט זיך איין באהעלטעניש ראטעוועט עס אלע כהנות. פרעגט רבי ירמיה, ווי איז אז דער באהעלטעניש קען נישט אריינגעמען אין זיך נאר איינע, ווי איז דער דין? און די הלכה בלייבט, דאס אפילו עס געפינט זיך אין שטאדט נאר איין באהעלטעניש וואו נאר איינע קען דארטן אריינגעהן און זיך

אויסבעהאלטן, זענען אלע כהנות פון שטאדט כשר צו כהונה, ווייל יעדע איינע קען זאגן אז זי האט זיך אויסבעהאלטן אין יענעם באהעלטעניש.

— דערפון זעהען מיר — האט דער רבי געזאגט ווענדעדיג זיך צו רבי אלי׳ פרוש — דאס אפילו דער באהעלטעניש קען נישט אלעמען אריינעמען, פונדעסטוועגן קען זי אלעמען ראטעווען, דער עיקר איז אויב עס איז ווירקליך דא א באהעלטעניש, און דורך איהם ווערט די גאנצע שטאדט געראטעוועט.

— און אזוי איז אויך מיט אונזער עדה — האט דער רבי זי״ע אויסגעפירט — אפילו זי קען נישט אלעמען אריינעמען אין זיך, איז זי אבער בכח צו ראטעווען די גאנצע שטאדט.

די ציונים אין זייערע פארשידענע פארטייען בעהרימען זיך מיט זייער פאלשקייט, דאס זיי זענען די רעטער פון די הייפל איבערגעבליבענע אידן, אבער עס איז בעוואוסט און קלאהר פאר דעם וואס וויל וויסן דעם אמת, דאס זיי זענען דער הויפט אורזאך צו אלע צרות און ליידן און זיי האבן צוגעברענגט עס זאלן אומקומען אידישע נפשות דורך זייער רייצן זיך מיט די פעלקער און זייער איילגקייט ארויסגעהן צום קאמף, און אזוי האבן זיי געטהון די אלע יאהרן פון זינט עס איז געגרינדעט געווארן זייער לאנד ביז אהער. אט די זאכן זענען בעקאנט צו יעדערן וואס זיינע אויגן זענען נישט פארשטעלט געווארן, און יעצט קומען זיי זיך נאך באריהמען און זאגן דאס זיי זענען גאר די רעטער, זיי שטעלן זיך ארויס אלס רעטער כדי מען זאל נישט אויפמערקן זייערע שלעכטע מעשים, כדי זיי זאלן קענען ווייטער אנגעהן און נאך מעהר שלעכטס טהון. עס איז אבער א גרויסער געפאהר דערביי, און יעדער מענטש וואס דער אויבערשטער האט איהם באשענקט מיט פערשטאנד, זאל זיך דערווייטערן פון זיי ביזן לעצטן ברעג, און מיט זיי קיין שום פארקעהר נישט האבן.

(על הגאולה עמוד פג)



רבי אלי׳ פרוש מיט זיין מחותן רבי משה אייכלר



רבי אלי׳ פרוש מיט זיין פאמיליע

## דריטער קאפיטל

# דערגאנגען די כוונה

אויך גדולים ווערן פערנארט מיט געלד — ואליו תשמעון — פאר ווען מען דער פייערדיגער זייל — סוד ה׳ ליראיו — נאך דער הסתלקות איז קיין חרטה נישטא

עס איז געווען דעם לעצטן מאל וואס דער רבי זי״ע איז געווען אין ירושלים, ער איז דאן געווען אין דער וואוינונג פון הרב החסיד רבי ליפא שווארץ שליט״א. ביי זיין טיש זענען געזעסן איינינגע רבנים און ראשי ישיבה, עס האט זיך דאן אנטוויקלט א שמועס וועגן די בודזשעטן וואס די רעגירונג אין ארץ ישראל גיט פֿאר די תורה אנשטאלטן און וועגן די געלדער וואס דער משרד הדתות און די מועצה דתית גיט פאר זייערע רבנים און דיינים, דער רבי זי״ע האט זיך זייער געקאכט און ערקלעהרט די שעדליכע ווירקונג וואס דאס ברענגט צו, צו ווערן פארקויפט פאר דער כופרישער רעגירונג, ווארום דער וואס באקומט פון זיי א געלד שטיצע, אפילו אויב זיי בעטן נישט קיין אפצאל פאר דער שטיצע, אבער דאס אליין ברענגט צו מען זאל זיך אונטערווארפן אונטער זיי, עס וועט שפעטער נישט זיין קיין שום מעגליכקייט זיך קעגנשטעלן און זיי נישט פאלגן, ווייל די וואס גיבן דאס געלד ווערן ממילא די בעלי בתים אויף די וואס נעמען און געניסן פון זיי.

דער רבי זי״ע האט דאן ווייטער געצויגן זיין שמועס און געזאגט:

— בעטראכט נאר גוט און זעהט ווי אזוי עס איז געלונגען פאר קרח׳ן צוציהען צו איהם די שפיץ פון דער סנהדרין, די קריאי מועד אנשי שם און זיי אנרעדן זיך צובונטעווען קעגן משה רבינו און קעגן דעם אויבערשטן. סוף כל סוף זענען זיי דאך געווען תלמידי חכמים, יראי אלקים, משה רבינו אליין האט דאך זיי אויסגעקליבן צו זיין די פיהרער און צו שטעהן אין שפיץ, זיי זענען דאך אויך געשטאנען ביי דעם מעמד הר סיני און געהערט די שטים פון ג־ט, זיי האבן געזעהן ווי די שכינה רעדט ארויס פון משה רבינו׳ס מויל, ווי אזוי זשע האט קורח געקענט ווירקן אויף אזעלכע גדולים זיי זאלן ארויסגעהן מיט

א קאמף און קריגן אויף משה רבינו און דעם אויבערשטן? וואס איז דא טאקע געשעהן?

נאר ווי עס ווייזט אויס — האט דער רבי זי״ע אויסגעפיהרט — איז קרח געווען זייער א קלוגער, ער האט זיי געשענקט א בודזשעט, זיי אנגעשאטן מיט געלד, נישט בעטנדיג דערפאר קיין שום אפצאהל, ער האט געשיקט זיין געלד צו זיי מיטן צוועק פון אויפהאלטן די תורה, און זיי האבן גענאסן פון זיין געלד, שפעטער, ווען עס איז געקומען די צייט, האט קרח געשיקט צו זיי זאגן זיי זאלן מיטשטעהן מיט איהם אין זיין קאמף קעגן משה רבינו, אין זיין אויפשטאנד קעגן דעם אויבערשטן, האבן זיי נישט געהאט די העזה זיך קעגנשטעלן און איהם נישט צו פאלגן און דאס האט צוגעברענגט דעם גאנצן אומגליק.

דער רבי האט פארענדיגט זיין שמועס ווייל מען האט שוין גענדארפט דאוונען מנחה, דער עולם האט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער צו געהן אין שוהל אריין.

ארויסגעהענדיג פון רבי ליפא׳ס שטוב, קומט צו צו מיר א בעקאנטער ראש ישיבה און זאגט: איך בין געווען אנוועזנד ביים שמועס פון רבין זי״ע און עס וואונדערט מיר זייער ווי אזוי דער סאטמאר רב האט זיך אויסגעדריקט אין זיין שמועס, אז די ראשי הסנהדרין, די קריאי מועד אנשי שם, האבן גענומען געלד פון קרח׳ן און דאס האט זיי צוגעברענגט צו פיהרן דעם קאמף קעגן אויבערשטן און זיין קנעכט משה רבינו.

— איך בין קלאר אין אלע אגדות פון די חז״ל — האט יענער ראש ישיבה געטענה׳ט — און איך קען פעסטשטעלן אז עס ווערט נישט דערמאנט אין קיין שום ארט, אז דורכדעם וואס זיי האבן גענאסן פון קרח׳ס געלד, האט עס זיי געפיהרט צום פארניכטונג, נישט אין די חז״ל און נישט אין די ראשונים געפינט זיך אזא אויסדריק...

— אויב אזוי — זאג איך איהם — פארוואס זשע האט איהר נישט געפרעגט דעם רבין, פון וואו ער נעמט עס?



דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון רבי ליפא שוורץ



דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון רבי הערש פנחס מאשקאוויטש און רבי
עזריאל גליק

— איך האב נישט געהאט די העזה — ענטפערט דער ראש ישיבה.

איך זעלבסט האב געוואוסט אז יעדער ווארט וואס קומט ארויס פון דער הייליגער מויל פון רבין זי״ע איז הוילע תורה, און עס האט א מקור פון חז״ל אדער ראשונים, פונדעסטוועגן האב איך אויך געוואלט וויסן פון וואנען דער רבי האט עס גענומען צו זאגן אט די ווערטער. איך האב עס דערצעהלט פאר מיין פריינד הרב החסיד רבי הערש פנחס מאשקאוויטש, און ער האט עס געפרעגט דעם רבין, ווי א תלמיד וואס פרעגט זיין רבין, פון וואו איז דער מקור צום רבינ׳ס ווערטער.

— קוק אריין אין רש״י סנהדרין דף נ״ב — איז געקומען דער באלדיגער ענטפער פון רבין.

מיר האבן געעפנט די גמרא און דארט געפונען די רייד פון רש״י ווי פאלגענד:

״וויבאלד ער רעדט דא וועגן דער עדת קרח ברענגט ער עס, ווייל זיי זענען געווען תלמידי חכמים, ווי עס שטעהט אין פסוק נשיאי עדה קרואי מועד אנשי שם, און דערפאר וואס יענער רשע האט זיי פערנארט דורך דעם וואס זיי האבן גענאסן פון זיין געלד, איז עס געווען לייכט ביי איהם זיי איינצורעדן זיי זאלן איהם העלפן און מיטשטעהן אין דער קריגעריי און אויפשטאנד קעגן ג־ט״.

★

אין יאהר תשי״ט, ווען דער רבי זי״ע איז געפארן קיין ארץ ישראל, האב איך געהאט די זכיה מיטצופאהרן צוזאמען מיט דער גאנצער פמליא פון לאנדאן קיין ארץ ישראל. זייענדיג אויפן שיף, האט זיך אמאל ענטוויקלט א שמועס וועגן די גרויסקייט און הייליגקייט פון דעם גאון רבי יהושע לייב דיסקין זי״ע וועלכער איז געשטאנען אין שפיץ פון די ירושלימער קאמפן פון יאהר תרל״ז ביז דאס יאהר תרנ״ח.



דער רבי זי״ע אויף דער שיף: שטעהענדיג: רבי משה יצחק לעווינגער שליט״א



רבי חיים סאלאווייציג, בריסקער רב

איך האב דאן דערצעהלט פארן רבין זי״ע אז דער בריסקער רב, דער גאון רבי חיים סאלאווייציג זצ״ל האט געזאגט: אויף רבי יהושע ליב׳ן קען מען מיט רעכט זאגן ״ואליו תשמעון״, אבער איינער א גרויסער גאון אין ירושלים האט געזאגט מען זאל נישט דרוקן אזא ווארט, ווייל דער פסוק ״ואליו תשמעון״ ווערט געזאגט אין דער תורה נאר בלויז אויף א נביא.

דער רבי זי״ע וועלכער האט דאן אויסגעזעהן ווי ער דרעמלט האט רעאגירט אין קורצן און א זאג געטהון:

— רבי עקיבא איגר אין אורח חיים הלכות קדושה — — —

באלד האט זיך אבער דער רבי א טרייסל געטהון און אויסגערופן:

— נו, דער הייליגער אריז״ל, דער הייליגער אריז״ל — — — (דאס מיינט, אז וועגן דעם אריז״ל איז עס גאר אנדערש).

מיר זענען אנגעקומען אין ירושלים, גענומען א שולחן ערוך אורח חיים סימן קכה, וואו דער מחבר זאגט: דער צבור זאל נישט מיטזאגן מיטן חזן נקדישך נאר שווייגן, און אזוי זאגט דארטן דער ביאור הגר״א, דאס עס איז גלייך ווי קדיש וועלכן מען זאגט נישט מיט מיטן חזן.

דערויף מערקט דארטן אן דער רבי עקיבא איגר, אז אין דעם אריז״לס שריפטן ווערט געברענגט דאס מען זאל זאגן די גאנצע קדושה מיטן חזן ווארט ביי ווארט, און ער פיהרט אויס ״ואליו תשמעון״!

ווען איך האב דערצעהלט פון דער מעשה פאר דעם גאון און צדיק רבי דוד יונגרייז זצ״ל, האט ער אויסגערופן פוהל מיט התפעלות: מורא׳דיג, מורא׳דיג!

*

עס האט מיר דערצעהלט דער גאון און חסיד רבי חיים יעקב קלפהולץ זצ״ל, דאס אין יאהר תשי״ד האט ער זוכה געווען צו



רבי עקיבא איגר מיט די פויזנער דיינים



רבי חיים יעקב קלפהולץ

פארברענגעןביים רבין זי״ע אין ברוקלין, און ער האט אויפגעכאפט פיהל טייערע פערל און אינטרעסאנטע באמערקונגען וועלכע לייכטן ווי ברילאנטן, וואס זענען ארויס פון דעם רבינס הייליגן מויל, עס איז נאר א שאד וואס ער האט עס נישט אויפגעצייכנט אויפן פאפיר.

אלס ביישפיל וועלן מיר דא ברענגען איין באמערקונג.

רבי חיים יעקב האט אין א שמועס איבערגעזאגט פאר דעם רבין זי״ע וועגן דעם ענין פון דעם פייערדיגן זייל, וועגן וועלכן עס ווערט דערמאנט אין דער גמרא אז עס פלעגט פארקומען נאר פאר איינעם אדער צוויי אין דור (כתובות דף יז,) און ווען רב שמואל בר רב יצחק איז נסתלק געווארן, האט א פייערדיגער זייל פונאנדערגעטיילט צווישן דעם עולם און צווישן דעם נפטר, און די גמרא ברענגט דארטן אראפ, אז ער פלעגט טאנצן פאר דער כלה מיט דריי שטענגלאך פון הדסים און רבי זירא האט וועגן איהם געזאגט, אז דער אלטער פארשעמט אונז.

האט דער רבי זי״ע בעמערקט דערויף שטילערהייט: די חז״ל זאגן דאך אויף רב שמואל בר יצחק, דאס זיינע קליידער זענען שטענדיג געווען הייליג און ער איז אויף זיין לעבן קיינמאל נישט טמא געווארן (זעה ירושלמי יבמות פ״ב ה״ד).

★

נאכדעם וואס אין ירושלים איז נסתלק געווארן דער גאון און צדיק רבי זעליג ראובן בענגיס זי״ע, איז דער רבי זי״ע אויפגענומען געווארן אלס ירושלימער רב. מען האט איהם געשיקט די רבנות־שריפט אויף וועלכן עס האבן זיך אונטערגעשריבן די נקיי הדעת פון ירושלים אין דער שפיץ פון די גאונים און רבנים דער בית דין צדק זי״ע, דער אלטער גאון רבי איסר זלמן מלצר זי״ע און די גדולי חכמי התורה און מיטגלידער פון די עדה החרדית א.א.וו.

איך האב געהאט די זכי׳ צו אריינטראגן דעם רבי׳ן זי״ע דעם רבנות שריפט פון די עדה. איך געדענק דאס בשעת דער רבי האט איבערגעלייענט דעם טיטול ״מרא דארעא דישראל״, מיט וועלכן די



רבי זליג ראובן בנגיס

# כתר תורה

## כי תקדמנו ברכות טוב תשית לראשו עטרת פז
## ד' צבאות עמנו משגב לנו אלקי יעקב סלה.

כתר תורה. נזר ועטרה. עטירת תפארה. לראש גבר בכולא. שר התורה והיראה. הגאון הצדיק, עומד בפרץ וגודר גדר. אדי שבתבונה. על ישראל הדרתו. פאר דורנו ועטרת תפארתנו. תהלתו מי ימלל שבחו לספרה. מגזע קדושים וטהורים. קדוש יאמר לו.

## אדוננו מורנו ורבנו
# מרן יואל טייטלבוים שליט"א

## נרו יאיר ויזרח כאור השמש בצהרים בהר הקודש בירושלם.

ויהי בישורון מלך, מאן מלכי רבנן. בהתאסף יחד ראשי עם ה' אלופי עדתינו וטובי הקהלה, ובסיד עיה גדולי התורה אדירי ישראל בארה"ק ת"ו. כולנו כאיש אחד הסכמנו להגיש לסר כסא תורינו וצדקתו הנעלה. את נזר הקדש. ועטרת הרבנות הטהורה והמעולה. להיות לראשו עטרת יקרא דאורייתא המהוללת.

ומעתה בשם

## רב ואב בית דין
## לכל מקהלות האשכנזים בעיר הקדש ירושלם ת"ו יקרא,

וזהי ת"ע עמו. ויתנהו למעלה ללמדנו אורחות חיים. לשמנו בקרב הארץ לשם ולתהלה, ולתת שבט מושלים בידו ובמקל נועם דועה צאן מרעיתנו. במרעה דשן ושמן ירעינו כתום לבבו וכתבונות כפיו. הוא ידין, הוא יורה לנו דרך ה'. ובעצתו ינהלנו, עד כי יבא שילה.

ובשמי מרום ששון ושמחה, כי ישמח משה ובנו במתנת חלקו. יגיל יגיל יטב לב. וקדושת יום טוב אומר מקדש מקודש. על ויואל משה לשבת על כסא הרבנות בירושלם קרתא דשופריא. באורא דכיא ויהי בשמות אור ארצה,

ועתה רבנו הגדול הן גמר בשבתו על כסא ממלכתו בגולה. שוו ולמו אל עדתינו החרדית ועד העיר האשכנזי לכונן את משמרת ולעמוד את יסודותיה, ויהי ירין עמנת עם רבותים הגאונים והצדיקים דאשר עדהינו ב"ע, ישהוא בעזרה הבוטה עלינו מכל מכשול ופגע, הנה עתה הכנעה השעת למטענו פאר רב אליו לראש קהלתנו הקדושה. ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה, ישרש בנטיו עלינו, עלה ועלה אל הר הקדש ירושלם ת"ו, על כס הרבנות אשר עליו ישבו כפאות למשמר ארזיתא דאורייתא ראשונים כמלאכים נ"ע.

והיום הזה בחתאסף ראשי העדה החרדית להשים בידו עטרת, ועטיה מלוכה תפארת. כסינו פרושות השמחה לשוכן מרומים. כי יהי"ה עמו, ויעלה לציון ברנה, ונלך ביעו תחונה עיננו, ובוא יבוא ברנה אל המנוחה ואל הנחלה, ולא ימוך החקרה ולא ימוש היסודות אשר יסדו לנו רבותינו נ"ע מלכנים אשר על פיהם יסעו ועל פיהם יחנו, ואור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה, וימין ה' רוממה ועוד יבוא וימלוך וואל בצבין אמר עליך. בימין ובגבורות מיודת החרדית. והיתה לה' המלוכה,

ד' ממעון קדשו יעריף כל ברכתו על ראש אדונינו עין עדתינו יאריך ימים ושנים על ממלכתו, ויזכה להרים קרן עיר קדשנו והוא יכוננה עליון. ככן יהיה הר בית ה' בראש ההרים ומלאה הארץ דעה את ה' בבוא גואלנו רוח אפנו משיח ה' בב"א סלה,

כעתירת נחבי קהל עדת ה' מקהלות האשכנזים אשר בירושלם עיה"ק תובב"א. הבאים על החתום ועל הגליון.

בירחא כליתאי דהאי שתא שנת תש"ג לפ"ק

דער אויפנאמס שריפט אויף דער רבנות אין ירושלים



**רבי איסר זלמן מלצר**

עדה החרדית האט איהם באקרוינט, האט ער א שמייכל געטהון, ער האט זיך געווענדעט צו זיין רעכטע האנד און פערטרויאונגס מאן, הרב החסיד רבי יוסף אשכנזי שליט״א און זיך אנגערופן אויף א ווערטל: איך וואוין דא, אין ברוקלין און זיי דארטן רופן מיר אן ״מרא דארעא דישראל״.

האב איך זיך אפגערופן און געזאגט צום רבי׳ן זי״ע, אז דער גאון רבי ישראל שקלאווער זי״ע, דער מחבר פון ספר תקלין חדתין און א תלמיד פון גר״א זצ״ל, ווען ער שרייבט זיינע בריוו צו דעם גאון דער חתם סופר זי״ע, באקרוינט ער איהם מיט דעם טיטול פון ״מרא דארעא דישראל״.

רופט זיך אן דער רבי זי״ע: נו, דער הייליגער חתם סופר, דער הייליגער חתם סופר, ווער קען זיך פערגלייכן צו איהם, סוד ה׳ ליראיו, דער הייליגער חתם סופר.

דער שמועס האט זיך געענדיגט, אבער עס איז געבליבן ביי אונז א רעטעניש די ווערטער וואס דער רבי זי״ע האט דערמאנט אין מיטן שמועס ״סוד ה׳ ליראיו״, וואס פאר א שייכות האט עס צו דעם אויבנדערמאנטן שמועס? ווי קומט דא אין מיטן דערינען אריין אט דער פסוק? וואס האט דער רבי געמיינט דערמיט?

ווען איך האב עס שפעטער דערצעהלט פאר דעם גאון רבי דוד יונגרייז זצ״ל, וועלכער איז געווען קלאהר אין גאנץ בבלי און ירושלמי, ראשונים און אחרונים, האט ער צו מיר געזאגט:

איך וועל דיר ערקלעהרן די כוונה פון דעם רבי׳ן זי״ע:

דריי מאל ווערט דערמאנט אין ש״ס אויף רבי אלעזר׳ן דער טיטול ״מרא דארעא דישראל״ (נדה דף כ׳, יומא דף ט׳, גיטין דף י״ט).

פרעגט די גמרא אין נדה (כ:) פארוואס האט מען בעקרוינט רבי אלעזר׳ן מיטן טיטול מרא דארעא דישראל? — צוליב א מעשה פון א פרוי וועלכע האט אמאל געברענגט א שאלה פאר רבי אלעזר׳ן און וויבאלד ער האט אזוי טרעפליך געפסק׳נט האט מען אויף איהם געלייענט דעם פסוק ״סוד ה׳ ליראיו״.



רבי משה סופר, דער חתם סופר



פון רעכטס צו לינקס: רבי דוד יונגרייז, רבי זליג ראובן בנגיס

זאגט דערויף דער מהרש"א, אז דערפאר האט מען אויף איהם געליינט דעם פסוק "סוד ה' ליראיו", ווייל ער האט געוואוסט צו פסקענען מיטן שמעקן אליין. און מיר געפינען אויך ביי דעם מלך המשיח אויף וועלכן עס ווערט געזאגט דער פסוק "והריחו ביראת ה'", זאגט דערויף די גמרא אז ער וועט וויסן צו פסקנען דורך שמעקן.

— דערפון זעהען מיר — האט דער גאון רבי דוד יונגרייז אויסגעפיהרט — אז דער טיטול מרא דארעא דישראל ווערט געגעבן נאר פאר אזא איינעם וועלכער געפינט זיך אין דער מדריגה פון "והריחו ביראת ה'", און דאס האט דער רבי זי"ע געמיינט מיט די ווערטער "סוד ה' ליראיו".

און ווירקליך, יעדעס ווארט, יעדע תנועה וואס איז ארויסגעקומען פון דעם רבי'נס זי"ע מויל, איז געווען א גאנצע תורה. וואויל איז צו די וואס זענען דערגאנגען די טיפקייט פון זיינע רייד.

★

ווען דער רבי זי"ע איז געווען אין ירושלים, האט ער בעזוכט אין דער הויז פון הרב החסיד רבי סענדער אשכנזי זצ"ל. אין הויז איז דאן אויך געווען אנוועזנד דער גאון רבי שניאור זלמן וועבער זצ"ל, פרעשבורגער ראש ישיבה און א שטיקל פאמיליע מיט רבי סענדער'ן.

עס האט זיך דאן פערקניפט א שמועס וועגן איינעם א גרויסן גדול, וועלכער איז שוין דאן געווען אויפן עולם האמת און געווען א גרויסער גאון און א פייערדיגער קנאי, ער האט קיינעם נישט געשוינט, אפילו קיין גדולים.

איינער פון די אנוועזנדע האט זיך דאן ארויסגעכאפט מיט איניגע ווערטער וועלכע האבן זייער ווי געטהון דעם רבין זי"ע. יענער האט בתמימות א זאג געטהון, דאס עס איז גאנץ מעגליך, אז יענער גרויסער גאון האט אויפן עולם האמת געענדערט זיין טאן און



דער רבי זי"ע ביי א דרשה אין דער מאה שערים ישיבה אין ירושלים, נעבן
איהם: רבי סענדער אשכנזי

ער האט חרטה געהאט פון טייל ווערטער וואס ער האט געזאגט אויף די וועלט.

ווען דער רבי זי"ע האט עס געהערט, האט ער זייער שארף רעאגירט קעגן דעם, זאגנדיג, דאס ביי אמת'ע צדיקים לאזט זיך עס אינגאנצן נישט זאגן, ווייל פונקט ווי זיי האבן געהאלטן אויף די וועלט אזוי האלטן זיי אויך אויף יענע וועלט, און רבי שמעון האט זיך געוויס גענוג געערגערט אויף זיינע ווערטער.

איך געדענק דאס דער רבי זי"ע האט זיך דאן זייער געאיילט, ווייל איינער פון די חסידים פון תולדות אהרן איז דאן געקומען און איינגעלאדנט דעם רבי'ן צו קומען מיט איהם און מקיים זיין די מצוה פון שלוח הקן. דער רבי זי"ע האט דאן פערלאזן דאס הויז און געגאנגען מקיים זיין די מצוה פון שלוח הקן.

דער עולם וואס איז געווען אנוועזנד, איז געבליבן פארוואונדערט, אוואו געפינען מיר אז רבי שמעון האט זיך געערגערט אויף אזא זאך אדער עפעס ענליכעס? מען האט נאכגעזוכט און נישט געפונען.

רופט זיך אן מיין רבי, דער גאון רבי זלמן וועבער זצ"ל: איך וועל דורך די נאכט נאכזוכן אין ש"ס און מדרשים, מעגליך אז איך וועל געפינען א מקור צו די רייד פון רבי'ן זי"ע.

ער האט נאכגעזוכט און טאקע געפונען.

אין דער גמרא נזיר (דף נ"ב) ווערט געברענגט, אז רבי עקיבא האלט דאס א רביעית דם וואס קומט פון צוויי מתים איז אויך מטמא אין א אהל, און א ראי' האט ער געבראכט פון א פסוק, "ועל כל נפשות מת לא יבוא", וואו עס שטעהט מיט א לשון רבים.

זאגט דערויף רבי שמעון, ביי זיין לעבן האט רבי עקיבא מטמא געווען. אויב ער האט אזוי געהאלטן אויך נאך זיין הסתלקות, דאס ווייס ער נישט.

פיהרט אויס די גמרא, אז זיינע ציינער זענען שווארץ געווארן פון פיהל פאסטן.



דער רבי זי״ע אויף וועג צו שלוח הקן

זאגט דערויף רש״י, דאס דעריבער האט רבי שמעון אזוי פיהל געפאסט ביז וואנען זיינע ציינער זענען פארשווארצט געווארן, ווייל עס איז א שאנדע צו רעדן אזוי אויף רבי עקיבא׳ן, דאס נאך זיין הסתלקות האט ער חרטה געהאט.

און תוספות זאגט אויפן ארט, ווייל עס איז נישט קיין דרך ארץ אזוי צו רעדן אויף זיין רבי׳ן, און דעריבער האט ער דערויף פיהל יאהרן געפאסט.

דאס געזיכט פון רבי זלמן ווען ער האט אויפגעשיינט, וויבאלד ער איז דערגאנגען די כוונה פון דעם רבי׳ן זי״ע.

צו חנפנען פאר בעלי עבירה אדער צו ווייזן אז מען שטימט צו צו זייערע מעשים, איז עס פיהל ערגער ווי די עבירה אליין, ווייל דאס שאדט פיהל מעהר פאר דער וועלט, ווייל דורך דעם ווערן זייערע עבירות געכשרט.

(ויואל משה עמוד קה)

ווער עס פארמאגט נאר א ביסל שכל קען פארשטעהן דעם מוראדיגן אומגליק וואס האט אונז געטראפן בעוונותינו הרבים. וואס א באנדע פון מינים און אפיקורסים ר״ל האבן זיך גענומען און אויפגעשטעלט א רעגירונג פאר דער צייט, פון וועלכן אלע גדולים און צדיקים פון די פריהערדיגע דורות, פון זינט עס האט אנגעהויבן צו שפראצן דער טמא׳דיגער אידעע פון ציונות, האבן דערפאר זיך געשראקן און געציטערט, זייער הארץ האט זיך צוגאסן ווי וואסער פון גרויס שרעק זיי זאלן ח״ו נישט אויספיהרן זייער שלעכטן פלאן, און בעוונותינו הרבים זענען זיי אוועק אויף זייער רוה ארט און אונז איבערגעלאזן צום באדויערן צו זעהן אין דעם בראך פון אונזער פאלק, ה׳ ירחם.

(ויואל משה עמוד קג)



רבי שניאור זלמן וועבער

פערטער קאפיטל

# העכער פון דעם דור

זיין גרויסקייט און הייליגקייט — דער לעצטער לייב — א הארץ פון א ראשון

דאס איז געווען אין יאהר תרצ״ב, ווען דער רבי זי״ע איז געקומען אין ירושלים אויף זיין ערשטן בעזוך. מען האט מכבד געווען דעם רבי׳ן זי״ע צו האלטן א דרשה אום שבת אין די חסידישע שוהל פון די אונגארישע הייזער. די שול מיטן גאנצן גרויסן חצר זענען געווען איבערגעפיהלט מיט מענטשן, די דרשה אליין האט געדויערט עטליכע שטונדן.

ווען דער רבי זי״ע האט געענדיגט די דרשה און דער טויזנטער קעפיגער עולם האט זיך צושפרייט, האבן זיך צוזאמענגעזעצט נעבן איינעם פון די טישן פון שוהל איינינע פון די אלטע און חשובע אידן אין ירושלים. פון די סענץ פון שטאדט און געשמועסט צווישן זיך וועגן די גרויסקייט און הויכקייט פון דעם קראלער רב. האט זיך דאן אויסגעדריקט דער גאון און צדיק רבי ישראל יצחק רייזמאן זצ״ל (שפעטער איינער פון די מיטגלידער פון בית דין) און געזאגט: ווען דער רבי זי״ע וואלט געווען אין די צייטן פון בעש״ט זצ״ל, וואלט ער דאן אויך געווען א חידוש! האט דערויף צוגעלעגט הרב החסיד רבי שמואל דייטש און געזאגט: ווען דער רבי זי״ע וואלט געווען אין דער צייט פון חתם סופר זצ״ל וואלט ער דאן אויך געווען א וואונדער! רופט זיך אפ הרב החסיד רבי יוסף חיים שיינברגר און זאגט: ״ביי מיר איז עס קלאר אז דער רבי זי״ע איז דער צאנזער רב פון היינטיגן דור״. און דער מקובל רבי ישעי׳ אשר זליג מרגליות זצ״ל האט דאן אויסגעפיהרט: לויט מיין מיינונג איז ער דער בריסקער רב, דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין פון היינטיגן דור.

די דאזיגע בעגייסטערטע אויסדריקן האבן זיך אויסגעדריקט וועגן דעם רבי׳ן זי״ע די גדולי חכמי וזקני ירושלים אין דעם פריהערדיגן דור. עס איז אויך בעקאנט אז די זקני החסידים און די



די אונגארישע הייזער



רבי אשר זליג מרגליות אין מירון ביי די שמחה פון ל"ג בעומר, לינקס: רבי הערש מאשקאוויטש



צורת מרן הגה"ק מצאנז
בעל "דברי חיים" זללה"ה

**דער צאנזער רבי, רבי חיים האלבערשטאם**



זיצן: רבי פנחס עפשטיין, רבי ישראל יצחק רייזמן

זקני המתנגדים, אט די וועלכע זענען געוועןן מקורב ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע און די וועלכע האבן זיך געפונען אין דער מחיצה פון מרן רבי יהושע ליב דיסקין זי"ע בריסקער רב, די אזוי ווי די, פלעגן שטעהן פארן רבין זי"ע מיט ציטער און שרעק און זייער גאנצער קערפער האט זיך געטרייסלט שטעהענדיג ביי זיינע טישן, גדולי תורה און יראי השם פלעגן מהרהר בתשובה זיין אין יענע מינוטן ווען זיי זענען אריינגעקומען צום רבין זיך פראוועןן און דערלאנגען א קוויטל. א אינווייניגסטער ציטער האט דורכגענומען אלע ביינער אין דעם מאמענט ווען זיי זענען געקומען נאהנט צו זיין גרויסן פייער, טראץ דעם וואס דער רבי זי"ע אליין מיט זיין גרויס עניוות און ליבשאפט האט אויף קיין פאל נישט געוואלט ווארפן אויף קיינעם זיין שרעק. ער האט זיך באמיהט מיט אלע קרעפטן צו איינהאלטן זיין גרויסקייט און פארשטעלן זיין הויכקייט, אבער דאס אלעס האט גארנישט געהאלפן, א העכערע ציטערקייט האט ארומגענומען די אלע וואס זענען געקומען נעהנטער צו איהם, א פחד איז אויף זיי געפאלן.

און אויב די גדולים פון פריהערדיגן דור האבן פאר איהם געציטערט, אויב צדיקים, קדושים און טהורים האבן זיך פאר איהם געשראקן, ווער זענען אונז וואס מיר זאלן קענען דערצעהלן און פארשטעלן זיין גרויסקייט און הייליגקייט, ווי קענען מיר דען בעשרייבן זיינע מדרגות און עבודה, מיר ווען דאך קיינמאל נישט ענדיגן צו שרייבן, עס איז אבער גענוג פאר אונז צו וויסן אז מיר קענען איהם נישט, מיר מוזן זיך באגנוגענען דערמיט אז מיר זענען צוגעקומען צו דער באוואוסטזיין, דאס מיר קענען איהם נישט בעגרייפן, ער זעהט אויס אין אונזערע אויגן אין דער בחינה ווי עס ווערט געזאגט אין שיר הכבוד: "אדמך אכנך ולא ידעתיך, דימו אותך ולא כפי ישך, וישווך לפי מעשיך".

★

דאס האט פאסירט מיט העכער דרייסיג יאהר צוריק, נאהנט צו דער שאפונג פון די ציאניסטישע מדינה, ווען דער רבי זי"ע איז אנגעקומען קיין אמעריקע, איז דאן פארגעקומען א פארזאמלונג פון

רבנים, רביים און ראשי ישיבות וועלכע איז צוזאמענגערופן געווארן אין נאהמען פון דער אגודת הרבנים און אנדערע עסקנים. דער רבי זי"ע האט דאן גערעדט זייער שטרענג, פונקען פייער זענען געפלויגן פון זיין מויל אלארמירנדיג קעגן די אידעע פון אויפשטעלן א מדינה, דורך וועלכן מען איז עובר אויף די דריי שבועות וואס דער אויבערשטער האט באשוואוירן די אידן א.א.וו. איינער פון די אנוועזנדע ראשי ישיבות האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעמערקט אויף דעם שארפן טאן מיט וועלכן דער רבי זי"ע האט גערעדט, און אז זיי זענען נישט געוואוינט צו הערן אזעלכע שארפע רייד מיט אזא אויפברויז.

האט זיך דאן דער גאון רבי יצחק הוטנער אויפגעשטעלט אויף די פיס און איבעררייסנדיג איהם אין מיטן פון זיינע רייד האט ער אויסגערופן:

— אין דער פרשה נח זאגט דער פסוק, "וישאר אך נח", מאכט דערויף רש"י, דאס נח איז פארבליבן א פארווייטאגטער, ווייל ער האט פארשפעטיגט צו געבן עסן פארן לייב האט ער איהם א ביס געטהון, און אויף אים איז געזאגט געווארן דער פסוק אין משלי, הן צדיק בארץ ישולם — דעם צדיק צאהלט מען אפ אויף דער וועלט.

עס איז באמת נישט צו פארשטעהן. א יאהר צייט נאכאנאנד האט דער צדיק זיך בעמיהט צו שפייזן אלע באשעפענישן וואס געפינען זיך מיט איהם אין דער תיבה, מען קען זיך גארנישט פארשטעלן ווי שווער עס איז איהם אנגעקומען, זיי געבן עסן און טרינקען, רייניגן די שטיבער א,א,וו, וואס זשע טומלט זיך עס אזוי אויב ער האט איינמאל דורכן יאהר פארשפעטיגט צו געבן דעם לייב זיין עסן? עס איז געווען אזוי הארב דאס ער איז באלד אויפן ארט באשטראפט געווארן און דער לייב האט איהם א ביס געטהון? און דער פסוק זאגט נאך וועגן איהם, דאס מען האט איהם אפגעצאהלט זיין שטראף אויף דער וועלט?

נאר וויבאלד יענער לייב — האט רבי יצחק הוטנער ווייטער געזאגט — וואס איז געווען אין דער תיבה פון נח'ן איז געווען א



**רבי יצחק הוטנער**

איינציגער און דער לעצטער וואס איז דאן געבליבן אויף דער וועלט, א איבערבלייב פון אלע לייבן וואס זענען אומגעקומען ביים מבול, האט מען דעריבער געדארפט זייער אכטונג געבן און היטן אויף איהם ווי די שווארץ־אפל פון אויג, ער זאל אפילו מיט קיין קלייניגקייט נישט באריהרט ווערן, און וויבאלד נח האט עס נישט גענומען גוט אין בעטראכט, און פארשפעטיגט צו געבן איהם זיין עסן, איז ער באלד אויפן ארט געשטראפט געווארן.

— די לייבן פון דעם פריהערדיגן דור — האט רבי יצחק הוטנער פארענדיגט — זענען אלע אומגעקומען, מען האט זיי פארברענט אויפן שייטער הויפן, די איבערשטע מאכט האט אונז אבער איבערגעלאזן דעם סאטמארער רבין, דער איינציגער און לעצטער לייב פון דעם דור, דעריבער דארפן מיר ציטערן פאר איהם, זיך ווארעמען ביי זיין ליכט און אכטונג געבן זיך נישט אפצובריהען פון זיין ברענענדיגן קייל, אריה שאג מי לא ייראיִ!

אט די ווערטער זענען געזאגט געווארן מיט העכער דרייסיג יאהר צוריק, ווען אין אונזער וועלט האבן זיך נאך געפונען תורה ריזן און הייליגע אידן, וואס זאלן מיר היינט זאגן, ווען דער אוונד איז צוגעפאלן, די זון האט צוזאמענגענומען איהרע שטראלן, דעם אויבערשטנס גארטן איז פוהל מיט צושטערער און קיין וועכטער איז מעהר אויפן גארטן נישטא, ווייל ער איז ארויף מיט שטורעם צו די הויכע הימלען. ״אם בארזים נפלה שלהבת מה יגידו אזובי קיר״ — אויב דער פלאם האט זיך אנגעכאפט אין די טענענבוימער וואס שיצן אויף אונז און זיי זענען שוין מעהר נישטא, ווער ווייס וואס עס וועלן יעצט אפארבעטן די מאך פון די ווענד, וויסנדיג אז עס איז יעצט נישטא דער, פאר וועמען זיי האבן ביז יעצט געציטערט, און עס ציטערט די הארץ און עס שרעקט דער צוקונפט.

★

דער גאון רבי אברהם קלמנוביץ זצ״ל, מירער ראש ישיבה און דעם רבינ׳ס א געטרייער פריינד, האט מיר אמאל דערצעהלט, דאס אמאל האט איהם דער רבי זי״ע ערקלעהרט דעם אונטערשייד

צווישן די ראשונים און אחרונים. דער אינהאלט פון רבינ׳ס רייד זענען געוועזן ווי פאלגענד:

— די גמרא זאגט אין עירובין (דף נ״ג) אמר רבי יוחנן לבם של ראשונים כפתחו של אולם ולבם של אחרונים כפתחו של היכל. — רבי יוחנן זאגט, די הארץ פון די ראשונים איז ווי דער אריינגאנג צום אולם און די הארץ פון די אחרונים ווי דער אריינגאנג צום היכל. זאגט דערויף רש״י: פתח אולם רחבו עשרים ושל היכל עשרה. — דער עפענונג פון דעם אולם איז ברייט צוואנציג און פון היכל — צעהן.

דאס איז דער פשוטער פשט, אבער עס איז דא אין דעם א טיפער געדאנק, ווארום אין דער אמת׳ן איז שווער צו פארשטעהן, אויב די חז״ל ווילן אונז געבן א בעגריף פון דעם אונטערשייד צווישן א הארץ פון א ראשון און הארץ פון א אחרון, פארוואס האבן זיי עס געדארפט אזוי פארשטעלן, אז די הארץ פון א ראשון איז ברייט צוואנציג און פון א אחרון — צעהן, פארוואס האבן אונז די חז״ל ערקלעהרט אזא הויכן ענין אין דער פארעם פון א מאס פון איילן? און ווייטער איז שווער צו פארשטעהן, אויב דער אונטערשייד מעסט זיך אין דער מאסשטאב פון איילן, האט מען דאך געקענט גאנץ פשוט זאגן אז די הארץ פון א ראשון איז ברייט צוואנציג און די הארץ פון א אחרון איז ברייט צעהן, אבער וואס פאר א שייכות האט עס צו דעם אולם און דעם היכל, און אויב די חז״ל האבן עס דוקא געוואלט פארבינדן מיטן בית המקדש, האבן זיי דאך אויך דאן עס געקענט פשוט ארויסזאגן, אז דאס הארץ פון די ראשונים איז ווי די ברייט פון אולם און דאס הארץ פון די אחרונים ווי די ברייט פון דעם היכל, פארוואס דריקן זיי זיך אויס אז עס איז גלייך ווי דער עפענונג פון אולם?

— דא ליגט אבער א טיפער דערהער — האט דער רבי זי״ע געזאגט — צו לאזן לערנען פאר די שפעטערע דורות, צו וויסן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן די ערשטע דורות און צווישן די לעצטע דורות.



דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון רבי יוסף אשכנזי אין שעראן ספרינגס

די ראשונים, זענען שטענדיג געווען אין דער מדרגה פון ראשונים, עס איז ביי זיי נישט געווען קיין איין סעקונדע אין לעבן וואס זיי זענען נישט געווען אין דער ראם פון ראשונים. א ראשון מיינט, דאס ער שטעהט אין דער דאזיגער מדרגה פון זינט ער איז געקומען צום פארשטאנד ביז וואנען ער פארלאזט די וועלט, ווען ער לערנט איז ער א ראשון, ווען ער עסט אדער שלאפט איז ער א ראשון, ווען ער רעדט אדער אפילו ווען ער מאכט א פעלער, פערבלייבט ער א ראשון, א "הוה אמינא" פון א ראשון אדער א אפפרעג, אדער אפילו א חרטה פון די ראשונים איז אויך א גאנצע תורה, עס איז נישטא קיין שום געדאנק, באוועגונג אדער שאפונג וואס זאל ארויסגעהן פון דעם ראם, א הארץ פון א ראשון איז שטענדיג אפן.

אנדערש איז אבער די הארץ פון א אחרון, פון היינטיגע דורות, אמאל געפינט ער זיך אין א הויכע מדרגה און אמאל נישט, עס וועגט זיך ארויף און אראפ, אמאל טרעפט ער ריכטיג און אמאל נישט, נישט אלעס וואס קומט ארויס פון זיין מויל איז תורה און נישט יעדער באוועגונג זיינע איז א ריכטיגע, אמאל איז זיין הארץ אפן און אמאל פערשלאסן.

— עס איז בעקאנט — האט דער רבי זי"ע אויסגעפיהרט — אז דער אולם פון בית המקדש האט גאר קיין טהירן נישט געהאט, מען האט איהם קיינמאל נישט געקענט צושליסן, די עפענונג איז געווען אפן בייטאג און ביינאכט, עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייט עס צושפארן אפילו אויף א קליינע וויילע — דאס איז די הארץ פון ראשונים.

אנדערש איז אבער געווען ביים היכל, דארטן האבן יא עקזיסטירט טהירן, אמאל זענען זיי געווען אפן און אמאל פערשלאסן און דאן האט עס נישט געהאט דעם דין פון א היכל (די קרבנות וואס זענען דאן געשחטן געווארן זענען געווען פסול, זעה עירובין דף ב׳) און דאס איז דער מוסטער פון א הארץ פון א אחרון.

— דער סאטמארער רבי — האט דער גאון רבי אברהם



רבי אברהם קלמנוביץ

קלמנוביץ אויסגעפיהרט — האט א הארץ פון א ראשון, ווי איינער פון די פריהערדיגע דורות.

און יעצט, איז די דאזיגע גרויסע הארץ, אויך צוגענומען געווארן פון אונז.

״רבי חייא האט געזאגט, איך האב געזעהן דעם קבר פון רבי״ן און פארגאסן דערויף טרערן״.

אין די זמירות פון שבת ווערט געזאגט: ״הוא אשר דיבר לעם סגולתו, שמור לקדשו מבואו ועד צאתו״, האט דער שינעווער רבי זי״ע געטייטשט: ווער קען עס זיין א רעדנער (א פיהרער) פארן אידישן פאלק, נאר אט דער וואס ער איז הייליג פון זינט ער איז געקומען אויף דער וועלט ביז ער האט איהר פארלאזן.

דער אויבערשטער האט געטהון א חסד מיט היינטיגן דור, אריינפלאנצנדיג אין איהם א הארץ פון ראשונים, און יעצט איז געקומען א ענדע צו די דאזיגע פלאנצונג, און די הארץ איז איבערגעריסן געווארן.

און ווי זאגן מיר ראש השנה פאר מעריב (אין דעם פיוט אחות קטנה): ״ווען וועסטו ארויפנעמען דיין טאכטער (דאס אידישע פאלק) פון גרוב? און צוברעכן איהר יאך פון דעם ארעסטהויז? גיב א קוק און זעה, איהר פארמעגן האט דער פאלק אינגאנצן צוריסן, און פון איהר גוטס זיך אנגעזעטיגט און יעדערער צוגערויבט, איהר הארץ האבן זיי צוריסן, און פונדעסטוועגן האבן זיי נישט פארלאזן די וועגן פון ג־ט. — — —

און ווירקליך איז דאס הארץ פון אידן דורכגעלעכערט געווארן ביזן פינטל, דער הייליגער ארון איז בעהאלטן געווארן, און פונדעסטוועגן האבן זיי דיינע וועגן נישט פארלאזן, יא, טראץ דעם אלעס!

דער אויבערשטער איז אונזער עדות, דאס מיר וועלן זיך נישט אוועקריהרן פון די וועגן פון רבי״ן זי״ע, מיר וועלן נישט אפנויגן רעכטס אדער לינקס פון אלעס וואס ער האט אונז באפוילן אין זיין

גאנצן לעבן, מיר וועלן נישט ענדערן אפילו ווי א קוצו של יו״ד פון דעם וואס ער האט אונז געלערנט. זיין הייליגער ספר ״ויואל משה״ (דער רבי האט מיר געזאגט אז דעם דאזיגן ספר האט ער אליין פערפאסט פון אנהויב ביז צום ענד, און יעדער אות האט ער אליין געשריבן) וועט אונז פיהרן ביזן ענד פון אלע דורות, און פון איהם וועלן מיר נישט אפטרעטן.



**דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון די רביצין תליט״א**
**מיט רבי יוסף אשכנזי שליט״א אראפגעהענדיג פון שיף**

פינפטער קאפיטל:

# מוחל זיין

די העכסטע מדרגה — א מעביר על מדותיו — די פיינד פון דעם אויבערשטן

איינמאל איז צום רבין זי"ע געקומען דער גאון רבי עמרם בלום זצ"ל פון קליוולאנד, וועלכער איז געווען דארטן רב פון דער קהלה "שומרי שבת". ער האט אויסגעגאסן פארן רבין זיין ביטער הארץ. אזוי ווי ביי איהם אין שוהל געפינען זיך אייניגע עזות פנימ'ער, פראסטאקעס און עמי הארצים, פוסטע לעהדיגגעהער, וועלכע האבן זיך ארגאניזירט קעגן איהם און צאפן איהם זיין בלוט, זיי פארשעמען איהם און טהוען איהם אן די גרעסטע שאנדעס פאר אלעמען אין די אויגן, ער ליידט דערפון שרעקליך.

האט דער רבי זי"ע גענומען די מסכתא אבות, אויפגעמישט דארטן דעם זעקסטן פרק, וואו עס ווערט אראפגעברענגט די ברייתא פון רבי מאיר: "רבי מאיר אומר כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה, ולא עוד אלא שכל העולם כולו כדאי הוא לו וכו' ונהנין ממנו עצה ותושיה, ונותנת לו מלכות וממשלה, ומגלין לו רזי תורה ונעשה כמעין המתגבר וכנהר שאינו פוסק וכו'.

— גיט נאר א קוק, רבי עמרם — זאגט ווייטער דער רבי זי"ע — דענקט נאך גוט די רייד פון רבי מאיר, ווי ווייט דער מענטש וואס לערנט תורה לשמה איז זוכה, דאס די גאנצע וועלט געניסט פון איהם מיט הילף און מיט עצות, דאס הייסט אז מען געניסט פון איהם מיט זיין תורה, זיין תפלה און ברכות, די גאנצע וועלט ווערט דורך איהם געשפייזט, ער באקומט אויך מאכט און הערשאפט א.א.וו.

אבער וואס ווערט אויסגעפיהרט אין דער ברייתא פון רבי מאיר? וואס איז די העכסטע מדרגה, די העכסטע שטופע צו וועלכן דער מענטש וואס לערנט תורה לשמה איז זוכה? וואס איז דער גרעסטער לוין וואס רבי מאיר פארשפרעכט פאר די וואס לערנען

תורה לשמה, נאכדעם וואס זיי האבן שוין דערגרייכט צו באקומען מאכט און הערשאפט, וואס איז דער לעצטער הויכפונקט?

— "ומוחל על עלבונו" — דאס איז דער שפיץ צו וועלכן עס דערגרייכט דער מענטש וואס לערנט תורה לשמה! — אט מיט די ווערטער פארענדיגט רבי מאיר די ברייתא: — ומוחל על עלבונו"!

דאס הייסט — פיהרט אויס דער רבי זי"ע — אז נאך אלעס, נאכדעם וואס דער מענטש איז צוגעקומען צו אזעלכע וואונדערליכע דערגרייכונגען, ער זאל זיין ווי א שפרודלדיגער קוואל, ער זאל זוכה זיין צו בעקומען מאכט און הערשאפט, אז די גאנצע וועלט זאל געניסן פון זיין ליכט, און בעקומען פון איהם הילף און רעטונג, לערע און אנווייזונג, טראץ דעם דארף אט דער גליקליכער מענטש זיין גרייט צו אויפנעמען באליידיקונגען און שאנדעס, און דער תנא רבי מאיר פארשפרעכט איהם נישט דאס ער איז פארזיכערט אז ער וועט נישט באקומען קיין שאנדעס, ער פארשפרעכט נאר פאר יעדן מענטשן וואס וועט לערנען תורה לשמה און וועלכער איז שוין צוגעקומען צו הערשאפט, דאס ער וועט זיין א מוחל על עלבונו, ער וועט מוחל זיין אויף אלע באליידיקונגען.

דאס מיינט אונז צו זאגן, אז טראץ די אלע מעלות צו וועלכן עס האט דערגרייכט אט דער וואס לערנט תורה לשמה, איז נאך גאנץ מעגליך ער זאל ווערן באליידיגט און פארשעמט. עס איז נאך רעכט דאס ער זאל האבן געגנערס וואס זאלן איהם אנטהון די גרעסטע בזיונות, טראץ זיין גרויסקייט און הויכקייט.

דאס לערנט אונז, אז אפילו דער גרעסטער ריז, פון וועלכן די וועלט געניסט פון איהם אזוי פיהל, קען נאך אויך ליידן פון מענטשן פארשידענע באליידיקונגען — נאר די ברייתא פון רבי מאיר פאדערט פון איהם ער זאל מוחל זיין אויף די באליידיקונגען.

און עס קען זיין אז דאס איז דער פשט אין די ענדע פון דער ברייתא: "ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים" — דאס מיינט, אז אט די מדה צו מוחל זיין אויף באליידיקונגען, שטעלט דעם מענטשן העכער איבער אלע זיינע מעשים.




ביים עמפפאנגען פון רבי יצחק יעקב ווייס אין ירושלים. רעדט: רבי עמרם בלום



דער רבי זי"ע אין בני ברק

— רבי עמרם — האט דער רבי זי״ע פארענדיגט זיין שמועס — מען דארף קענען מקבל זיין עלבונות, און מען דארף מוחל זיין, מוחל זיין— — —

און ווירקליך, מוחל זיין, מוחל זיין, דאס איז געווען די מדה און אייגנשאפט פון דעם הייליגן רבין זי״ע, און יעדן אינדערפרי, פלעגט ער מתפלל זיין און בעטן ביים דעם באשעפער, עס זאל קיין שום שלעכטס נישט געשעהן מיט זיינע געגנער, און אז ער איז זיי מוחל מיטן גאנצן הארצן (אזוי האט מיר דערצעהלט איינער פון די משמשים וועלכער האט נאכגעשפירט די הייליגע וועגן פון רבין זי״ע).

אזא פארגעבער, וואס איז אויף אלעס מוחל איז נאך נישט אויפגעשטאנען אין דור, און מעגליך אויך נישט אין די פריהערדיגע דורות.

איך געדענק, אין ניו יארק האט זיך געפונען א גרויסער רשע, וועלכער איז געווען א בעקאנטער שרייבער אין דער צייטונג ״פארווערטס״. ער האט פארעפנטליכט אין דער צייטונג גיפטיגע ארטיקלען קעגן דעם רבין זי״ע, געשאטן פעך און שוועבל אויף דעם רעכענונג פון רבין זי״ע איבער די שפאלטן פון די בלעטער פון דעם דאזיגן אפיקורסישן צייטונג וואך נאך וואך, דער רבי זי״ע האט פון אלעס געוואוסט, ווי אויך פון די בייזוויליגע באשולדיגונגען וואס יענער רשע שרייבט אויף איהם, אבער דער רבי זי״ע, נישט נאר וואס ער האט איהם נישט געשאלטן, נישט נאר וואס ער האט נישט געגעבן קיין וואונק מען זאל איהם ענטפערן, נישט נאר וואס ער האט זיך צוריקגעהאלטן פון די אלע אנפאלן, נאר פיהל גרעסער האב איך צוגעזעהן מיט מיינע אויגן.

די מעשה איז אזוי געווען:

אין יענע צייט וואס דער רשע האט געלעסטערט דעם נאמען פון הייליגן רבין זי״ע איבער די רייהען פון יענעם טריפה׳נעם צייטונג צוזאמען מיט די בילד פון רבין זי״ע, האב איך געטראכט ביי מיר, דאס מען טאר אויף אזא זאך נישט פארשווייגן, איך האב דאן

בעשלאסן אליין אראפצוגעהן צו יענעם אפיקורסישן שרייבער און איהם אויסרעדן.

איך בין אוועק צו דער רעדאקציע פון יענעם צייטונג וועלכע האט זיך געפונען אין איסט־סייד, איך האב זיך געפרעגט אויף דעם צימער פון יענעם שרייבער, ביי דער טהיר איז ערשיינען זיין חבר הרב שורין, זאג איך צו איהם, אז איך וויל כאפן א שמועס מיט יענעם שרייבער. ער האט מיר אריינגעפיהרט אין דעם ארבעטס צימער, אין וועלכן עס איז געזעסן דער שרייבער. איך האב געבעטן פון הרב שורין צו פארלאזן דעם צימער, ווייל איך בין פאראינטערעסירט צו רעדן מיט זיין חבר אונטער פיהר אויגן. הרב שורין האט נישט געהאט דערצו קיין גרויסן חשק, אבער אויפן וואונק פון זיין חבר האט ער פארלאזן דעם צימער.

דאן האב איך זיך געוועונדעט צו יענעם שרייבער און געפרעגט: ערשטנס וויל איך וויסן צו ער האלט זיך פאר א גלויביגער איד? געוויס! — האט ער מיר דערויף געענטפערט. אויב אזוי — זאג איך ווייטער צו איהם — ווי אזוי ציטערסטו נישט פארן איבערשטן צו פער׳סמ׳ען מיט דיינע גיפטיגע ארטיקלען די אלע לייענערס פון דעם צייטונג, און פארזייען אין זייערע הערצער א שנאה צו דעם צדיק הדור און קעגן די אלע וואס ציהען נאך איהם. ווי גרויס איז דער חלול השם וואס ער שאפט מיט זיינע בייזוויליגע אויסגעטראכטע באשולדיקונגען וואס ער פארעפנטליכט, פונקט ווי דער נאצישער צייטונג "שטירמער" אין זיין צייט. א.א.וו.

דער שרייבער איז ממש ארויס פון די כלים. ער האט מיר בעפאלן מיט א שרעקליכער כעס און געשריגן דאס ער וועט נישט אפשטעלן זיינע ארטיקלען קעגן דעם רבין זי״ע. פארקערט, ער וועט נאך שרייבן וואס מעהר גיפטיגער און מיט מעהר שנאה ווי ביז איצט.

און ווירקליך האט טאקע יענער שרייבער נישט אפגעשטעלט מיט זיינע גיפטיגע ארטיקלען. און דערנאך האט ער זיי אלע צוזאמענגענומען און עס אפגעדרוקט אין א בעזונדער אומווירדיגן ספר.



רבי יוסף שיינבערגער רעדט אויף א פראטעסט, נעבן איהם: דער סאטמארער
רבי שליט״א

איך געדענק, דאס איך האב דאן דערצעהלט פארן רבין זי״ע וועגן די גרויסע חוצפה און עזות פנים פון יענעם שרייבער. ביים רבין האט זיך דאן געפונען איינער פון די בחורים, פון די משמשים, האט יענער ארויסגעלאזן פון זיין מויל א קללה אויף דער רעכענונג פון יענעם שרייבער.

רופט זיך אן דער רבי זי״ע צו מיר: איך האב נאך אויף מיין לעבן נישט ארויס געלאזט פון מיין מויל קיין קללה אויף קיין שום מענטשן. נישט מיטן מויל און אויך נישט שריפטליך. און נאך האט מיר דאן געזאגט דער רבי זי״ע, אז דער רמב״ם אין משנה תורה, שעלט קיינמאל נישט פאר קיינעם אויסער איין מאל, ווען ער רעדט וועגן די צדוקים, דריקט ער זיך אויס: ״הצדוקים מהרה יאבדו״ (הלכות יוהכ״פ פ״א) — די צדוקים זאלן אינגיכן אומקומען!

דער רבי זי״ע איז טאקע געווען א מעביר על מדותיו, ער האט געשוויגן און מוחל געווען, אבער דער אויבערשטער האט זיך אנגענומען פאר דעם כבוד פון זיינע צדיקים.

עס איז נישט אוועק קיין סאך צייט און יענער שרייבער איז קראנק געווארן און געשטארבן.

ווען איך האב זיך דערוואוסט אז ער איז געשטארבן, האב איך אויפגעהויבן דעם טעלעפאן און געקלונגען צו דער רעדאקציע פון ״פארווערטס״ און פארגעלייענט פאר דעם שרייבער הרב שורין די פאלגענדע ווערטער פון דעם רמב״ם:

״כל הפורשין מדרכי צבור והם האנשים שפרקו עול המצות מעל צוארן וכו׳ וכן האפיקורסין- וכו׳ אין מתאבלין עליהן אלא וכו׳ לובשין לבנים ומתעטפים לבנים ואוכלים ושותים ושמחים, שהרי אבדו שונאיו של הקדוש ברוך הוא, ועליהם הכתוב אומר הלא משנאיך ה׳ אשנא״ — די אלע וואס טיילן זיך אפ פון די וועגן פון צבור, דאס זענען די מענטשן וועלכע האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם יאך פון די מצות, ווי אויך די אפיקורסים, טרויערט מען נישט נאך זיי, נאר מען קליידט זיך אן אין ווייסן, מען עסט און מען

טרינקט און מען פריידט זיך, ווייל עס זענען דאך פארלוירן געגאנגען די פיינד פון דעם אויבערשטן, און אויף זיי זאגט דער פסוק: דיינע פיינד, רבונו של עולם, האב איך אויך פיינד!




**דער רבי זי״ע באגריסט דעם קייסער קאראל**

## זעקסטער קאפיטל

# דער באגעגעניש מיט רבי ירוחם פישל פערלא

פון איין גאנצער געוועב — משפיע זייןביידע זאכן — די טרומייטערס געהען נישט בירושה — שטענדיג באהעפט אין דעם בורא — האט נישט מורא פאר קיינעם

ווען דער רבי זי״ע איז נאך געווען אין קראלע, איז ענדע יאהר פון תרצ״א אנגעקומען צו איהם א בריוו פון די שטאדט טבריא, געשריבן פון דעם גאון און צדיק רבי יעקב חי זריהן, דער ספרדישער רב אין טבריא, אין וועלכן ער ווענדעט זיך צום רבין זי״ע מיט א ביטע פאר ״איינעם פון די שיירי כנסת הגדולה, א אמת׳ער גאון, וועמענס נאהמען עס איז רבי ירוחם פישל פערלא, און ער וואוינט אין די בתי מחסה וואס אין דער אלטע שטאדט ירושלים, ער וויל איבערדרוקן זיין מורא׳דיגער חיבור אויף דעם ספר המצוות פון רבינו סעדי׳ גאון, אבער ער האט נישט די מעגליכקייט דערצו, בעט ער דעריבער דעם רבין ער זאל איהם שיקן א סומע געלד צו העלפן איהם איבערדרוקן זיינע ספרים וועלכע וועלן בעלייכטן די וועלט״

(עס איז אינטערעסאנט צו באצייכענען א נייעס אין דעם דאזיגן בריוו וואו דער גאון רבי יעקב חי זריהן שרייבט אויפן רבין זי״ע גרויסע און לאנגע טיטולען, צווישן אנדערע שרייבט ער אויך אזא טיטול אויפן רבין זי״ע: — ״חלוק לבן שאין לו אימרא״ וועלכע האט גאר קיין אפטייטש נישט.

ווען דער גאון רבי אשר שולמן פון טבריא האט אמאל געזען דעם קאפי פון דעם בריוו ביים גאון רבי יעקב חי זריהן, האט ער איהם געפרעגט וואס עס מיינט אט דער טיטול, האט איהם רבי יעקב חי זריהן אזוי געענטפערט:

— מיר געפינען אין גמרא (ע״ז ל״ד א) מיט וואס האט משה רבינו געדינט אין די שבעת ימי המילואים? זאגט רב כהנא מיט א ״חלוק לבן שאין לו אימרא״, זאגט דערויף רש״י אין תענית (דף י״א ע״ב) אזוי פשט: ״עס איז געווען געוועבט פון איין פאדים דאס גאנצע העמד, און נישט ווי אונזערע קליידער וואו די ארבל זענען שפעטער צוגענייט צום קלייד״.



**רבי יעקב חי זריהן**



רבי אשר שולמן

דער חתם סופר אין עבודה זרה (אויפן ארט) גיט עס אזוי צו ערקלעהרן: "דער כהן אין די בגדי לבן איז געגליכן צו א מלאך ה', צום איש לבוש הבדים, נאר דער מלאך לבוש הבדים, איז גאנץ פון אנהויב באשאף, ווייל אזוי איז ער בעשאפן געווארן און ער וועט זיך מעהר נישט ענדערן, דאגעגן דער כהן, האלט זיך אין איין היילגן פון קינדווייז אן ביז וואנען ער דערגרייכט צו די מדרגה פון לבוש הבדים, און דעריבער ווערט זיין העמד געמאכט פון שטיקלאך לייוונט און צוגענייט, ווייל ער ווערט נישט פארענדיגט מיט איין מאל, אבער משה רבינו עליו השלום, ביי וועלכן באלד פון געבורט אן, ווי נאר ער איז ארויסגעקומען אויף דעם וועלט, איז די שטוב אנגעפיהלט געווארן מיט ליכטיגקייט, און נאך איידער ער איז באשאפן געווארן זאגט שוין וועגן איהם דער פסוק "בשגם הוא בשר", איז דעריבער זיין העמד געמאכט פון איין פאדעם, פון איין שטיק.

— אט דאס איז געווען מיין כוונה — האט רבי יעקב חי זריהן אויסגעפיהרט — מיטן באצייכענען דעם קראלער רב מיטן טיטול "חלוק לבן שאין לו אימרא", ווייל איך קען איהם פאר א קדוש עליון פון געבורט אן, אויך ביי איהם איז ביי זיין קומען אויף דער וועלט אנגעפיהלט געווארן דאס אידישע הויז מיט ליכטיגקייט, איז ער אויך אין דער זעלבע בחינה פון איין גאנצער געוועב, א גאנצער בגד).

דער רבי זי"ע האט זיך געאיילט צו ענטפערן אויף דער ביטע און ער האט געשיקט דורך דעם כולל שומרי החומות, א וויכטיגע סומע געלד פאר הרב ירוחם פישל פערלא. הר"ר פנחס דוד קליין, שפעטער דער סעקרעטאר פון כולל, איז אליין אראפגעגאנגען צו די אלטע שטאדט און איבערגעגעבן די סומע געלד אין דער האנט פון רבי ירוחם פישל פערלא.

דאס איז געוויס נישט געווען קיין גרויסער נייעס, ווייל פון שטענדיג אן פלעגט זיך דער רבי זי"ע פיהרן צו ענטפערן און נאכקומען אויף יעדע ביטע, בעזונדער ווען דא האט איהם



לינקס: רבי פנחס דוד קליין

רעקאמאנדירט דער ספרדישער רב פון טבריא, איז עס דעריבער נישט געווען קיין בעזונדער נייעס וואס דער רבי האט באלד געשיקט זיין הילף.

וואס עס איז אבער יא אינטערסאנט און מערקווירדיג, דאס ווען דער רבי זי״ע איז געווען צום ערשטן מאהל אין ירושלים, האט ער אין א טאג צוויי נאך זיין אנקומען, זיך געווענדעט צו הרה״ח רבי יעקב אייזנבאך, וועלכער האט נישט אפגעטראטן פון רבין די גאנצע צייט וואס ער האט פארברענגט אין ירושלים (ער איז געווען דער גבאי פון דער חסידים שוהל אין בתי אונגארן, וואו דער רבי זי״ע האט געפיהרט טישן און געדאוונט ווי אויך געהאלטן זיין דרשה) און צו איהם געזאגט: איך בעט אייך רבי יעקב, איהר זאלט אריבערפיהרן די סומע געלד צו הרב ירוחם פישל פערלא וואס וואוינט אין די בתי מחסה (דאס איז געווען א צוגאב צו די געלד וואס ער האט איהם געשיקט דעם פריהערדיגן יאהר פון קראלע).

רבי יעקב איז געווען זייער צופרידן אויסצופיהרן די שליחות פון רבין זי״ע, ער איז באלד אוועק צו די אלטע שטאדט, אריינגעגאנגען צו דער וואוינונג פון רבי ירוחם פישל פערלא און איהם דערלאנגט דאס געלד, זאגנדיג דערביי דאס דער קראלער רב שיקט עס פאר איהם.

דאס געזיכט פון דעם אלטן גאון האט אויפגעלויכטן, ווען ער האט געהערט אז דער קראלער רב געפינט זיך אין ירושלים.

רופט זיך אן רבי ירוחם פישל פערלא און זאגט: עס געהט מיר אויס דאס הארץ זיך צו טרעפן מיט דעם רבין, אבער זייענדיג אין דער עלטער פון פינף און אכטציג יאהר, קען איך זיך נישט ערלויבן, זיך צו פיהל אנשטרענגען, דאך, לכבוד דעם גרויסן צדיק און גאון, וועל איך זיך באמיהען אליין אראפצוגעהן צו איהם.

— איך האב זוכה געווען צו לערנען ביי מיין רבין דער גאון און צדיק, דער מלאך פון ג־ט מרן יהושע ליב דיסקין זי״ע — האט רבי ירוחם פישל ווייטער געזאגט — און יעצט גלוסט מיר דאס הארץ צו



דער רבי זי"ע אין די מיטעלע יאהרן

מקבל פנים זיין און זיך צו זעהן מיט דעם קראלער רב, מיין הארץ ציהט זייער צו איהם — — —

רבי יעקב אייזנבאך פרובירט איהם אפצוהאלטן און ער זאגט: אפשר וועט גאר דער קראלער רב וועלן קומען צו אייך אין דער וואוינונג, איך וועל פרובירן ריידן מיט איהם...

— חס ושלום — האקט איהם איבער דער גאון רבי ירוחם פישל — צוליב מיר זאל זיך באמיהען אזא גרויסער צדיק?! חלילה! חלילה!

באלד ווי רבי יעקב אייזנבאך (פעסטער) האט פארלאזן דאס הויז פון רבי ירוחם פישל'ען, האט ער געבעטן פון א בחור וואס האט זיך דאן געפונען ביי איהם אין הויז, ער זאל איהם צופיהרן צו דער ראזנבערג האטעל, ער זאל קענען נעמען שלום ביים קראלער רב.

דער אלטער גאון איז באלד אוועק צו דער ראזנבערג האטעל, און ווי נאר דער רבי זי"ע האט איהם דערזעהן, האט ער זיך געגעבן א הויב אויף פון ארט, מיט א אויסערגעוויינליכער כבוד און איהם געזעצט נעבן איהם.

דער אלטער גאון האט גענומען דאסווארט און אנגעהויבן:

— מיר זאגן אין די תפילות: "מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה", דאס מיינט אז דער אידישער פאלק דארף געהאלפן ווערן אין צוויי הינזיכטן: א) מאטרעאליסטישע באדערפעניש, פרנסה. ב) א קלאהרע שיטה, א ריינע דעת תורה, ווייל זייער פערשטאנד איז באגרעניצט.

דאס איז די פליכט און אויפגאבע פון דעם מנהיג פון אידן ביי היינטיגע צייט, ער זאל משפיע זיין אויף דעם אידישן פאלק סיי גשמיות און סיי א קלאהרער מיינונג און א פעסטע שיטה.

— עס איז זיכער ביי מיר — זאגט ווייטער רבי ירוחם פישל — אז דער רבי זאל לעבן, איז אראפגעקומען פון די הויכן כדי משפיע זיין פאר אונזער דור אט דיביידע זאכן.

רבי ירוחם פישל האט געבעטן דאס אלע אנוועזנדע זאלן



**רבי יעקב אייזנבאך (פעסטער)**

פארלאזן דעם צימער, ער וויל רעדן מיטן רבין אונטער פיהר אויגן, אלע זענען באלד ארויסגעגאנגען ווי אויך דער גבאי הרה״ח רבי פייוויש אשכנזי, און א לאנגע צייט זענעןביידע געזעסן און געשמועסט צווישן זיך.

שפעטער, ווען די טהירן זענען געעפנט געווארן, איז דער גאנצער עולם וואס איז געשטאנען אין דרויסן אריין אינווייניג, און מען האט נאך אויספיעט צו הערן די ענדע פון דעם שמועס וואס איז דאן פארגעקומען צווישן דעם רבין זי״ע און דעם גאון רבי ירוחם פישל (וועלכע איז דאן פארצייכנט געווארן דורך איינעם פון די אנוועזנדע).

דער אלטער גאון האט געזאגט: דער כלל ישראל האט פערלוירן היינטיגס יאר א הייליגן מנהיג, וועמענס שטים עס איז געהערט געווארן פון איין עק וועלט ביז צו דעם אנדערן, דאס איז דאך דער גאון און צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד, וועלכער האט געקעמפט און זיך געאפפערט פאר ג־ט און פאר זיין תורה, און זיין קאמף איז בעקאנט געווארן איבער דער גאנצע וועלט, דער נאמען פון ג־ט איז פארהייליגט געווארן, דער קידוש השם איז געווען זייער גרויס, און יעצט — האט דער אלטער געקרעכצט — וואו נעמט מען א מנהיג ער זאל ציהען ווייטער דעם קאמף, וועמענס שטים זאל דערגרייכן איבער דער גאנצע וועלט און זיין ווירקונג זאל זיין גרויס אויפן אידישן פאלק?

האט דער רבי זי״ע דאן אזוי געזאגט: עס שטעהט אין דער תורה: דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה׳ן: מאך פאר דיר צוויי טרומייטערס, מיט וועלכן דו וועסט צונויפרופן די געמיינדע און די לאגערן וועלן ווייטער ציהען, און ווען מ׳וועט דערמיט פייפן, וועט זיך די גאנצע געמיינדע פארזאמלען צו דעם אריינגאנג פון אהל מועד״.

מיר געפינען אין ספרי, אז די אלע כלים וואס משה רבינו האט געמאכט אין דער מדבר, זענען כשר זיך דערמיט צו בענוצן אויך אויף די שפעטערדיגע דורות אויסער די טרומייטערס.



רבי ירוחם פישל פערלא



דער רבי זי"ע אין א שמועס מיט רבי שמואל וואזנער שליט"א

דאס מיינט, אז אלע כלים וואס משה רבינו האט געמאכט, זענען אריבער צו יהושע'ן, און פון יהושע צו די זקנים, איין דור צום אנדערן, אזוי אלעס, דער ארון, דער שולחן, די מנורה, דער כפורת, די כרובים, א.א.וו. אלעס וואס משה רבינו האט געמאכט, איז געווען סיי פאר זיין דור, און סיי פאר די שפעטערדיגע דורות, עס איז איבערגעגאנגען פון איין דור צום אנדערן.

די איינציגע כלים וואס זענען נישט אריבער פון איין דור צום אנדערן, זענען געווען די טרומייטערס, וועלכע האבן פארמאגט די אייגנשאפט צוזאמענרופן דאס גאנצע פאלק צום אריינגאנג פון דעם אהל מועד.

(רש"י ענדע פרשת וילך זאגט, דאס דעם לעצטן טאג וואס משה רבינו האט צוזאמענגערופן אלע אידן, האט מען נישט געבלאזן מיט די טרומייטערס, ווייל דער פסוק זאגט "עשה לך" אבער נישט פאר יהושע'ן, און שוין דאן, נאך ביי זיין לעבן זענען זיי בעהאלטן געווארן נאך איידער ער איז נסתלק געווארן, צו מקיים זיין דעם פסוק "ואין שלטון ביום המות").

— דערפון זעהען מיר — האט דער רבי זי"ע אויסגעפיהרט — אז אלעס קען מען אריבערפיהרן דורך ירושה פון איינעם צום אנדערן. דעם ארון, די לוחות, דער שולחן, די מנורה, א.א.וו. אבער די טרומייטערס, אט דער געהיימער קראפט וואס ליגט אין זיי, צוזאמענקלייבן דעם גאנצן אידישן פאלק צו דעם אריינגאנג פון אהל מועד, אט דעם קראפט צו רעדן און דער גאנצער פאלק הערט און פאלגט, אט דעם קראפט צו ערוועקן מיט איין מאל די גאנצע וועלט, אט דער קראפט קומט אראפ דירעקט פון הימל צו דעם וואס איז דערצו זוכה, דאס געהט נישט איבער בירושה פון איינעם צום אנדערן, דערצו דארף דער מנהיג אליין זוכה זיין מען זאל עס איהם געבן פון הימל, דאס איז א בעזונדערע זכי', און דער דערבארימדיגער ג-ט שענקט אט דעם קראפט צו דעם פיהרער פון פאלק אין יעדן דור, צו יענעם מנהיג וואס דער קעניג פון דער וועלט האט איהם ליב, דער צדיק הדור ווע‏מענס רייד עס ווערן געהערט

איבער דער גאנצער וועלט און ווי רש״י זאגט אויפן פסוק ויקהל משה — דאס ער זאמלט נישט צוזאמען די מענטשן מיט די הענד, נאר זיי קלויבן זיך צונויף לויט זיינע רייד.

מיט דעם האט זיך דער שמועס געענדיגט.

און מיר וועלן אייך אויספיהרן: דער רבי איז עס געווען אט דער וועלכן דער אויבערשטער האט אויסדערוויילט צו לאזן הערן זיין שטים אין דער הויך, און זיין שטים איז געגאנגען פון איין עק וועלט ביזן אנדערן, די גאנצע וועלט האט געוואוסט אז די הייליגע תורה רעדט ארויס פון זיין האלז, און מיט זיין רוף קען ער אויפשטעלן די גאנצע וועלט אויף איהרע פיס, ער האט געוואוסט ווי אזוי צו שאלן און אויפרודערן די וועלט, ביי יעדן זאך וואס ריהרט אן דעם כבוד שמים, ער איז דאס געווען וואס האט געקענט מיט זיינע רייד אויפשטורמען די גאנצע וועלט און זיי לערנען תורה מיט א קלאהרע שיטה.

ווען דער פאסטאך איז נסתלק געווארן, זענען אויך די טרומייטערס צוגענומען געווארן.

*

איינמאל איז געקומען צום גאון און צדיק רבי דוד יונגרייז זצ״ל, איינער א שארפער למדן און זיך געוואלט דינגען אויף א פסק הלכה וואס דער רבי זי״ע האט דאן געפסקנט וועגן א דין אין שמיטה וואס האט זיך דאן פאקטיש געהאנדלט. יענער למדן איז געקומען מיט א גאנצן פאק ראיות און בעווייזן מיט וועלכן ער האט געוואלט אפווענדן דעם פסק פון רבין זי״ע.

רופט זיך אן רבי דוד יונגרייז און זאגט צו יענעם למדן:

— איך וועל אייך דערצעהלן א מעשה וואס איז פארגעקומען אין דער צייט פון דעם חתם סופר, ווען ער איז נאך געווען גאר יונג, און געלערנט ביי זיין רבין דער גאון און קדוש רבי נתן אדלער זצ״ל.

די מעשה איז אזוי געווען:

ווען דער חתם סופר זצ״ל איז נאך געווען יונג און זיך געפונען



רבי משה סופר, דער חתם סופר

אין פראנקפורט ביי זיין רבין רבי נתן אדלער, איז פארגעקומען א שאלה וועגן א מקוה. איינער א עלטערער רב האט געפסלט די מקוה (צוליב זיין כבוד דערמאנען מיר נישט זיין נאהמען), דאגעגן רבי משה סופר האט עס געכשרט.

מען האט דערלאנגטביידע פסקים צום קדוש רבי נתן אדלער, ער זאל דעצידירן ווער עס האט ריכטיג געפסקנט.

צום ערשט האט רבי נתן אדלער איבערגעקוקט דעם ענטפער פון זיין תלמיד רבי משה סופר, און באלד נאכדעם ווי ער האט עס געענדיגט איבערלייענען האט ער אויסגערופן: נו, די הלכה איז אזוי ווי איהם.

— אבער רבי — האט זיך אנגערופן איינער פון די אנוועזנדע — איהר האט דאך נאך נישט איבערגעקוקט דעם ענטפער פון דעם אלטן רב וואס דינגט זיך מיט זיין פסק, ער ווענדט דאך אף דעם פסק?!

רופט זיך אן רבי נתן אדלער און זאגט: איך קען רבי משה סופר, דאס ער איז באהעפט אין דעם אויבערשטן יעדע מינוט און יעדע סעקונדע. דער נאהמען פון ג־ט שטעהט אים שטענדיג פאר די אויגן און א גאנצן טאג איז ער אין דער בחינה פון "וה' עמו", באהעפט צו ג־ט, און ממילא האט ער סייעתא דשמיא צו קענען פסקנען ווי די הלכה (זעה גמרא מגילה דף ו' ע"ב).

מיט גרויס געריהרטקייט האט זיך דער גרויסער אדלער אויפגעשטעלט אויף די פיס און אויסגערופן: "והוא באחד ומי ישיבנו" — רבי משה סופר איז שטענדיג באהעפט אין דעם אחד, אין דעם בורא יתברך שמו, "ומי ישיבנו", ווער קען איהם אפווענדן, און ווער קען זיך דינגען מיט איהם און זיך קעגנשטעלן זיין פסק!

וואס איז שייך צו ראיות און פלפולים, דאס קען יעדער למדן בעווייזן, אבער דערפאר זאל מען ענדערן דעם פסק, די הלכה? דאס איז אוממעגליך — מי ישיבנו!

— די זעלבע ווערטער — האט דער גאון רבי דוד יונגרייז




רבי דוד יונגרייז רעדט ביי די פומפצן יעהריגע מסיבה פון ישיבת המתמידים

אויסגעפיהרט — קען מען זאגן אויפן סאטמאר רבין שליט״א (זצ״ל), אויב ער האט אזוי געפסקנט, איז אזוי די הלכה, ווייל דער אויבערשטער איז מיט איהם, וה׳ עמו, ווייל ער איז אויך דבוק און באהעפט זיינע אלע יאהרן אין דעם רבונו של עולם, והוא באחד, און דעריבער, ומי ישיבנו — ווער קען זיך דינגען מיט איהם.

אויפן פסוק ״ואתה פה עמוד עמדי״, ווערט געטייטשט: ״ואתה פה״ — פאקטיש ביסטו דא, צווישן מענטשן אבער אין דער אמתן ביסטו ״עמוד עמדי״ — באהעפט מיט מיר, מיט די שכינה הקדושה.

אויפן פסוק רועה אבן ישראל (פרשת ויחי) טייטשט רש״י: ער איז געוועזן א פאטער פאר אידן און א איינציגער זון צו דער הייליגע שכינה (זעה דעם זוהר הקדוש אין פרשת משפטים אויפן פסוק ואם לבנו ייעדנה).

איך געדענק, ווען די עדה החרדית האט אויפגענומען דעם רבין זי״ע אלס נשיא פון די עדה, האט מיר דאן געזאגט דער דאמאלסדיגער רב, דער גאון און גדול רבי זעליג ראובן בענגיס זצ״ל, א טרעפליכע אפשאצונג אויף דעם ווען פון דעם ״נשיאות קרוין״ וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויפן קאפ פון רבין זי״ע.

די גמרא זאגט אין הוריות (דף י׳): ״איזהו נשיא זה מלך, שנאמר (ויקרא ב) מכל מצות ה׳ אלקיו, שאין על גביו אלא ה׳ אלקיו״ — דער נשיא מיינט מען דעם מלך, ווי עס שטעהט אין פסוק וואס רעדט וועגן נשיא: ״מכל מצות ה׳ אלקיו״ — וואו איבער איהם איז נישטא נאר דער אויבערשטער.

דאס מיינט: אז א נשיא ביי אידן איז דער זין, אזא איינער וואס האט נישט קיין מורא פאר קיינעם אין דער וועלט, נאר פארן אויבערשטן!

— אט דאס איז דער זין פון דעם נשיא פון די עדה — האט דער גאון רבי זעליג ראובן בענגיס אויסגעפיהרט — ווייל דעם סאטמאר רבין שליט״א (זצ״ל) פאסט טאקע אט דער קרוין, ער האט נישט קיין מורא פאר קיינעם אויף דער וועלט, אויסער פארן אויבערשטן אליין!



פון לינקס צו רעכטס: רבי משה בלוי, רבי זליג ראובן בנגיס, רבי יעקב קלמס
דער בילגורייער רב, ביי דער גרונדשטיין פון שכון הרבנים

## זיבעטער קאפיטל

# א פייערדיגער זייל

וועלכע בעלי תשובה זענען גרעסער — מיט וועמען פארמעסט זיך דער יצר הרע — דער פסוק פון יואל — א סגולה צום זכרון — פערהארטעוועטע הערצער

ווען דער רבי זי״ע איז געווען אין ירושלים אין יאהר תרצ״ב, האט ער ווי בעקאנט געהאלטן א גרויסע דרשה אין דער חסידים שוהל פון די אונגארישע הייזער. די דרשה האט ענטהאלטן פלפול, דרוש און מוסר, צווישן אנדערע האט זיך דער רבי זי״ע אפגעשטעלט אויף דעם מאמר וואס די חז״ל זאגן, אז אויף דעם ארט וואס בעלי תשובה שטעהען, קענען נישט שטעהן קיין צדיקים גמורים (ברכות דף ל״ד ע״ב).

האט דער רבי זי״ע עס ערקלעהרט, אז דאס איז נאר דאן אויב עס האט זיך ביי זיי געטראפן א עברה, דער יצר הרע האט זיך איבער זיי געשטארקט און זיי האבן איהם נישט געקענט בייקומען, און דערנאך ווען זיי טהוען תשובה, שטעהען זיי העכער פון צדיקים. דאגעגן אזעלכע וואס טהוען שטענדיג עבירות, טאג טעגליך, איז אפילו אויב זיי טהוען שפעטער תשובה, זענען זיי אבער נישט גערעכנט חשובער פון צדיקים גמורים, און אזוי האלט אויך דער רבנו תם.

צווישן דעם עולם איז אויך געווען אנוועזנד איינער פון די גדולי התורה אין ירושלים, הרב הגאון רבי שלמה אהרן ווערטהיימער, פון די חשובע אידן אין כולל שומרי החומות, ווען ער האט געהערט אז דער רבי זי״ע דערמאנט וועגן דעם ענין דעם נאמען פון רבינו תם, האט ער באמערקט שטילערהייט צו די דערנעבנדיגע און געזאגט: איך ווייס גאר נישט פון אזא רבינו תם?

דער רבי זי״ע האט נישט געהערט די באמערקונג פון רבי שלמה אהרן ווערטהיימער און ער האט ווייטער ממשיך געווען זיין דרשה, אריבערגעהענדיג פון איין ענין צום צווייטן, ווען די שכינה רעדט ארויס פון זיין האלז.



רבי שלמה אהרן ווערטהיימער

אויף מארגן, זונטאג, איז רבי שלמה אהרן ווערטהיימער געקומען צום רבי'ן זי"ע אויף א בעזוך צו איהם אין האטעל, מכבד געוועזן דעם רבי'ן מיט זיינע ספרים וואס ער האט מחבר געווען, און דער רבי האט איהם פארבעטן צו זיצן.

האט רבי שלמה אהרן ווערטדיימער אנגעהויבן: אין דער אמת'ן בין איך נישט קיין חסיד, ווייל איך פארקעהר צו דער פרושים געמיינדע אין ירושלים וועלכע פיהרן זיך אין דעם וועג פון ווילנער גאון זצ"ל. אבער פארן כח התורה האב איך שטענדיג התבטלות, און וויבאלד איך האב נעכטן, שבת, געהערט די דרשה פון רבי'ן פון וועלכן איך בין ארויס פון התפעלות, בין איך געקומען אפגעבן דעם רבין א וויזיט.

ווי נאר רבי שלמה אהרן האט געזאגט דאס ער איז נישט קיין חסיד, האט דער רבי זי"ע באמערקט מיט א שמייכל און געזאגט: דער רמב"ן זאגט דאך אז א מענטש האלט זיך נישט פאר "נישט קיין חסיד"...

רופט זיך אן רבי שלמה אהרן: איך ווייס גארנישט פון אזא רמב"ן?!

דער רבי זי"ע מיט זיין גרויסע עניוות וואס האט גאר קיין גרעניץ נישט געהאט, האט דערויף גארנישט געענטפערט, ער האט זיך געמאכט ווי ער ווייס נישט וואס צו ענטפערן, און געלאזט רבי שלמה אהרן'ען ווייטער רעדן.

און רבי שלמה אהרן האט טאקע ווייטער געצויגן זיין שמועס.

— פאר אלעס — האט ער געזאגט — וויל איך פרעגן דעם רבין, וואס ער האט דערמאנט נעכטן אין זיין דרשה אין נאמען פון רבנו תם, אז דאס וואס די חז"ל זאגן "במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד במחיצתם", איז עס נאר געזאגט געווארן ביי אזעלכע וואס טרעפט אמאל ווען זיי באגעהען א עבירה, אבער נישט אויף אזעלכע רשעים וועלכע טהוען שטענדיג עבירות.

רופט זיך אן דער רבי זי"ע מיט א שמייכל און זאגט: רבי שלמה

אהרן, איך האב דאך יעצט געהערט פון אייער מויל אז איהר געהערט צו די פרושים, ווי אזוי זשע קומט עס איהר זאלט נישט וויסן, דאס דער גר"א אליין אין זיין ביאור אויף דעם שולחן ערוך אורח חיים, ברענגט דעם רבנו תם, וועלכן איך האב נעכטן דערמאנט ביי דער דרשה!

זיצט רבי שלמה אהרן און וואונדערט זיך: אוואו געפינט זיך אזא ביאור הגר"א, וואו ער ברענגט אראפ אין נאמען פון רבנו תם, וועגן דעם ענין פון בעלי תשובה? מאדנע, זייער מאדנע.

אזוי ווי ער זיצט אזוי און טראכט, רופט זיך אן דער רבי זי"ע צום גבאי הרב החסיד רבי פייוויש אשכנזי, און בעט פון איהם ער זאל א קוק טהון צו עס געפינט זיך אין האטעל א שולחן ערוך מיטן ביאור הגר"א.

רבי פייוויש האט געזוכט און נישט געפונען.

דער שמועס האט זיך ווייטער פארצויגן וועגן פארשידענע ענינים, ביז וואנען מען איז צוגעקומען צו רעדן וועגן די רבנות הראשית. דער רבי זי"ע האט זיך שטארק געבייזערט אויף דעם וואס ער האט געהערט, אז עס געפינען זיך אין ירושלים אייניגע תלמידי חכמים וואס האבן זיך פארקויפט פאר דער רבנות הראשית און זיי בעקומען שטעלעס און געהאלט פון דעם דאזיגן ארט וועלכער נוצט ווי א געוועהר אין די הענד פון די ציונים. דער רבי זי"ע האט דאן געקרעכצט און געזאגט, דאס דא אין ירושלים פארמעסט זיך דער יצר הרע דוקא מיט די תלמידי חכמים, און עס איז א מורא'דיגער חילול השם אז תלמידי חכמים זאלן זיך פארקויפן פאר דער ציאניסטישע רבנות אן שאנדע. אין דעם היינטיגן דור, בעזונדער אין ירושלים דארף מען שטארק קעמפפן מיט דעם דאזיגן יצר הרע וואס פארמעסט זיך דוקא מיט די תלמידי חכמים.

דער רבי זי"ע קאכט זיך זייער ביי דעם שמועס און שפרינגט ממש אויף פון זיין זיץ. רבי שלמה אהרן פרובירט אריבער פיהרן דעם שמועס אויף א אנדער טעמע און ער מערקט אן גלייך צום פינטל.



דער רבי זי"ע אין דער באגלייטונג פון רבי פייוויש אשכנזי

— איך האב היינט געלערנט אין סוכה (דף נ״ב ע״א) — זאגט רבי שלמה אהרן — דאס דער יצר הרע האט זיבן נעמען. דער אויבערשטער רופט איהם אן רע, משה רופט אים ערל, דוד רופט איהם טמא, שלמה רופט איהם שונא, ישעי׳ רופט אים מכשול, יחזקאל רופט אים אבן, ״יואל״ רופט אים צפוני, ווייל דער יצר הרע איז בעהאלטן אין דעם מענטשנ׳ס הארץ, און ער רייצט זיך מ׳ט די תלמידי חכמים מעהר פון אלעמען.

— דער רבי שליט״א וועמענס נאמען איז ״יואל״ — זאגט ווייטער רבי שלמה אהרן — האט טאקע באנומען דעם יצר הרע פון היינטיגע צייט און איהם אנגערופן מיטן ריכטיגן נאמען צפוני. ווייל ער פארמעסט זיך ווירקליך מיט די תלמידי חכמים, און נוצט אויס זייער ארעמקייט און נויט זיי אריבער צופיהרן צו דער רבנות הראשית. און אזוי ווי דער רבי האט יעצט געזאגט איז עס טאקע ווירקליך אזוי, דאס היינטיגע צייט דארף מען פארלעגן די גרעסטע קרעפטן צו קעמפפן מיט אט דעם יצר הרע וואס האט זיך פארנומען אויף ירושלים אריינצונארן אין זיין נעץ די תלמידי חכמים, אבער דער רבי מעג זיין זיכער דאס מיר וועלן איהם בייקומען, און דער אויבערשטער וועט נ׳שט פארלאזן זיין הייליגע שטאדט.

רופט זיך אן דער רבי זי״ע און זאגט: מיר דארפן מתפלל זיין צו השם יתברך עס זאל זיין ימין ה׳ רוממה. און דאס איז אלעס!

רבי שלמה אהרן וועלכער איז געווען זייער א שארפער און האט פארמאגט א שנעלע תפיסה, האט זיך באלד אויפן ארט אנגערופן: נו, אזוי איז עס טאקע ווירקליך, ווייל דער פסוק אויפן נאמען ״יואל״ וואס מען זאגט ענדע שמונה עשרה פאר יהיו לרצון, איז דאך ״ימין ה׳ רוממה ימין ה׳ עושה חיל״.

ביי יענעם שמועס איז אויך געווען אנוועזנד הרב החסיד רבי יחיאל יהודה שלעזינגער. ווען ער איז געקומען צוריק אהיים, האט ער געפרעגט זיין שווער, דער גאון און צדיק רבי וועלוול מינצבערג זצ״ל, ער זאל איהם ערקלעהרן די רייד פון רבין זי״ע.

האט דער גאון רבי וועלוול מינצבערג איהם אזוי געענטפערט:



רבי וועלוול מינצבערג

— דער רבנו תם וואס דער קראלער רב האט דערמאנט אין זיין דרשה, ווערט געברענגט אין ביאור הגר״א אין אורח חיים (סי׳ נ״ג סעי׳ ה׳) ווי פאלגענד: ״וכמ״ש רבנו תם דעל שבא לידו עבירה במקרה ושב, על זה אמרו במקום שבעלי תשובה עומדין״.

און דער גאון רבי וועלוול מינצבערג האט צוגעגעבן, דאס ווי עס ווייזט אויס, מיינט דער גאון דעם ספר הישר לרבנו תם שער העשירי.

און דאס וואס דער קראלער רב האט דערמאנט פון דעם רמב״ן וועלכער זאגט אז עס איז נישט דער שטייגער פון א מענטשן זיך צו האלטן פאר נישט קיין חסיד, אט דער רמב״ן ווערט געברענגט אין שיטה מקובצת אויף כתובות (דף י״ט).

★

עס האט מיר דערצעהלט הר״ר יחיאל יהודה שלעזינגער אין נאהמען פון זיין שווער הגאון רבי וועלוול מינצבערג זצ״ל, וועלכער האט איהם דערצעהלט, דאס ער האט אמאל געהאט א תלמיד וואס האט זיך פאר איהם פערקלאגט, אז זיין זכרון איז זייער שוואך און ער פארגעסט אלעס וואס ער לערנט, האט ער געשיקט יענעם תלמיד צום רבי׳ן זי״ע ווען ער איז געווען אין ירושלים. דער תלמיד איז געקומען צום רבי׳ן און זיך פארקלאגט פאר איהם וועגן זיין זכרון. רופט זיך אן דער רבי: ווער איז נאך געווען אזוי גרויס ווי רש״י, און ער לערנט אונז א סגולה אויף זכרון, צו מאריך זיין ביי די ברכה פון חונן הדעת, אויב דו וועסט אזוי טהון, וועט דיין זכרון ווערן פעסט און שטארק.

עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט און יענער תלמיד האט טאקע באקומען א וואונדערליכן זכרון, ער איז געווארן א נייער מענטש. רבי יחיאל יהודה אליין האט אין א יאהר שפעטער פארהערט יענעם תלמיד און ער האט געקענט די גאנצע מסכת בבא מציעא אויסנווייניג.

האבן די לומדים גענומען נאכזוכן אוואו געפינט זיך אזא רש״י, און זיי האבן נישט געפונען. מען איז אדורכגעגאנגען דעם גאנצן




רבי יחיאל יהודה שלזינגר אלס מלמד אין דער תלמוד תורה פון כולל שומרי
החומות

תנ"ך מיטן פירוש רש"י אבער אן ערפאלג. האט רבי יחיאל יהודה שלעזינגער א פרעג געטהון דעם גאון רבי פינחס עפשטיין זצ"ל וועלכער איז געוועזן זיין שכן אין דער בתי מחסה, אין די אלטע שטאדט, (שפעטער ירושלימער ראש־בית־דין). ענטפערט איהם רבי פינחס: אט די רש"י מוז זיין אין דער גמרא עבודה זרה.

האט מען נאכגעזוכט און טאקע געפונען, וואו רש"י זאגט מפורש (דף ח' ע"א) "אם משכח תלמודו מאריך בחונן הדעת" — "אויב ער פארגעסט זיין לערנען זאל ער מאריך זיין ביי דער ברכה פון חונן הדעת".

דער גאון רבי וועלוול מינצבערג האט אמאל ביי א שמועס געזאגט: מיר געפינען אין דער גמרא (ברכות דף י"ז ע"ב) אויפן פסוק שמעו אלי אבירי לב, זאגט רב אשי אז דאס זענען די מענטשן פון דער שטאדט מחסיא, "דקא חזי יקרא דאורייתא תרי זימני בשתא ולא קמגייר גיורא מינייהו" — דארטן, אין דער שטאדט מחסיא, וואו רב אשי האט אנגעפיהרט מיט זיין ישיבה, פלעגן צוויי מאל א יאהר, אין חודש אדר און אין חודש אלול, זיך צוזאמענקומען א ריזיגער עולם כדי צו לערנען פון רב אשי די דינים פון יום טוב און דאן פלעגט א פייערדיגער זייל אראפגעהן איבער זיי, אלע האבן דאן געזעהן ווי גרויס עס איז דער כבוד התורה, און וויבאלד די אלע איינוואוינער פון שטאדט האבן עס צוגעזעהן מיט זייערע אויגן און פונדעסטוועגן האבן זיי זיך נישט מגייר געוועזן, איז עס דערפאר ווייל זיי האבן פארהארטעוועטע הערצער.

— דאס זעלבע קען מען זאגן וועגן דעם רבין זי"ע — האט רבי וועלוול אויסגעפיהרט — די גאנצע פאלק זעהט דעם דאזיגן גרויסן מאן, ממש ווי א פייערדיגער זייל, קיין געהיימניס איז פאר איהם נישט פארהוילן, ער איז אינגאנצן הייליג און לויטער, ווי אזוי קען מען שטעהן פון דערווייטנס און זיך נישט באהעפטן צו איהם מיט די גרעסטע פארבינדונגען? — צו דען זיינען מיר נישט דורכדעם אין דער בחינה פון אבירי לב?

★



פון רעכטס צו לינקס: רבי אברהם אהרן שיינברגר, רבי פנחס עפשטיין, רבי
עמרם בר״י בלוי, רבי צבי ווייננמן



ביים אונטערגעבן פון די אלטע שטאָדט ירושלים צו די אראבער. פון לינקס:
רבי וועלוול מינצבערג, רבי בן ציון חזן

מיר האבן געלערנט אין דער ברייתא, רבי יוסי זאגט: ווי צו זיי, צו די מענטשן, וועלכע זעהען און ווייסן נישט וואס זיי זעהען, זיי שטעהען און ווייסן נישט אויף וואס זיי שטעהען — זיי שטעהען אויף איין זייל און זיין נאהמען איז צדיק, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק ״וצדיק יסוד עולם״ (חגיגה דף י״ב ע״ב).

— ״אוי להם לבריות״ — אויך צו אונז איז אך און ווי, ווייל מיר האבן געזעהן דעם ״צדיק יסוד עולם״ ווען ער איז געווען ביי אונז און מיר האבן נישט געוואוסט וואס מיר זעהען, א הימלישער פייער האט זיך געפונען אין אונזער דור און מיר האבן נישט פארמאגט דאס הארץ צו דערגרייכן זיין ווערד און גרויסקייט, מיר האבן נישט געהאט קיין פערשטאנד צו פארשטעהן אז ער איז דער געזאלבטער פון ג־ט, דער איינציגער פון דור און פון פיהל דורות, וואס לעבט און געפינט זיך אין אונזער דור און צווישן אונז.

נישט נאר מיר האבן איהם נישט בעגריפן, נאר אויך די גדולים פון זיין דור האבן איהם נישט בעגריפן.

נאר יעצט, ווען דער רבי זי״ע געפינט זיך שוין נישט אויף אונזער וועלט, הויבן מיר אן צו טראכטן און פערשטעהן וועגן די גרויסקייט פון דער אבידה וואס מיר האבן פערלוירן, נאר ערשט ווייסן מיר אז מיר האבן איהם נישט געקענט!

> אויב מיר ווען נעמען די אלע פרצות פון דעם דור מיט די אלע פיהל עבירות וואס ווערן אפגעטהון איבער דער גאנצע וועלט און עס ארויפלייגן אויף איין זייט פון א וואגשאל, און אויפן צווייטן זייט פון דעם וואגשאל ווען מיר ארויפלייגן די ציוניסטישע מדינה, וועט עס אלעס איבערוועגן, ווייל דאס איז דער ווארצל און אורזאך פון דעם אבי אבות הטומאה פון די אלע אבות נזיקין פון גאר דער וועלט, און זיי זענען עס וואס זענען מטמא די גאנצע וועלט.
>
> (ויואל משה עמוד יא)



דער רבי זי"ע זייענדיג אין ירושלים

## אכטער קאפיטל

# טרעפליך געענטפערט

נישט ווי רב האי גאון — א צדיק אן גן עדן — זיבן זקנים — פינף זקנים — לאמיתה של תורה — המן הרשע ווייס נישט פון דעם מגן אברהם

ווען דער רבי זי״ע איז געווען אין ירושלים האט מען איהם מכבד געווען צו זיין סנדק אויף א ברית וואס איז פארגעקומען אין דער קארלינער שוהל, דער מוהל איז געווען דער גאון רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ״ל, ביז וואנען מען האט געברענגט דאס קינד זענעןביידע צדיקים געזעסן און געמיטליך געשמועסט. צווישן אנדערע האט דאן הרב דושינסקי דערצעהלט פארן רבין זי״ע, דאס אין דער צייט פון דעם ענגלישן מאנדאט איז אנגעקומען אין לאנד א קאמיסיע אין נאהמען פון דער ענגלישער רעגירונג צו אונטערזוכן די באציהונגען צווישן די אידן און אראבער אין לאנד, אויך ער איז דאן ערשיינען פאר דער קאמיסיע אין נאהמען פון דער ארטאדאקסיע, און ווען ער האט געהאלטן אין מיטן זיין ריידע, האט איהם דער פארזיצער פון דער קאמיסיע, דער לארד פיל, א פרעג געטהון, וואס איז זיין מיינונג וועגן דעם פראבלעם פון דעם ארויפקומען פון די פרייע עלעמענטן קיין ארץ ישראל, צו האלט דער רב אז עס איז א מצוה זיי ארויפברענגען קיין ארץ ישראל?

אויף דער דאזיגער פראגע האט דער רב געענטפערט צו דעם לארד פיל, דאס עס איז נישט מעגליך צו וויסן פון פאראויס און באשטימען ווער עס איז א אונרעליגיעזער.

אין דעם דאזיגן ענטפער איז געווען א קלאהרער וואונק, דאס אויב מען ווייס זיכער אויף איינעם אז ער איז א אומרעליגיעזער להכעיס, טאר מען איהם נישט ארויפברענגען קיין ארץ ישראל.

דער דאזיגער ענטפער — האט הרב דושינסקי דערצעהלט — האט זייער אויפגערעגט די ציונים, בעזונדער די מזרחי, און איינער פון די פיהרער פון מזרחי האט דאן געשריבן אויפן צייטונג ״הצופה״. אז די ריידע פון הרב דושינסקי פאר די גוים האט נישט



ביי דער פיל קאמיסיע. לינקס: רבי יוסף צבי דושינסקי מיט רבי זליג ראובן בנגיס

געברענגט קיין גרויס כבוד פאר אידן, וויבאלד לויט זיינעווערטער דארף מען נישט צולאזן קיין אונרעליגיעזע אידן ארויפצוקומען קיין ארץ ישראל.

האט דער רבי זי״ע זיך אנגערופן מיט א שמייכל: נו, יענער מזרחיסט, ווייס איך נישט צו ער קריגט אויף רב האי גאון אדער נישט?

דער שמועס וואלט זיך ווייטער געצויגן, נאר פונקט דאן האט מען אריינגעבראכט דעם קינד, דער שמש האט אויסגערופן: ״ברוך הבא״, און דער שמועס איז איבערגעהאקט געווארן.

וועלכן רב האי גאון האט דא דער רבי געמיינט? מען האט געפרעגט פאר לומדים, תלמידי חכמים און קיינער האט נישט געוואוסט צו ענטפערן.

נישט געפינענדיג קיין אנדער וועג, האט זיך איינער געוואגט אריינצוגעהן צום רבין און איהם געפרעגט אוואו געפינט זיך די רייד פון רב האי גאון?

דער רבי האט אויפן ארט געענטפערט, דאס אין ערוך (ערך עשר) ווערט געברענגט, דאס מען האט געפרעגט פון רב האי גאון, וועגן דעם ערשטן פרק אין מסכתא כלים וואו עס ווערט אראפגעברענגט צעהן קדושות און ווירקליך רעכנט אויס די משנה עלף קדושות? האט רב האי גאון געענטפערט, אז ארץ ישראל ווערט נישט אריינגערעכנט צווישן די קדושות, ווייל ביי די אנדערע קדושות, איז דא א כבוד פארן איבערשטן ווען מען דערלאזט נישט אריינקומען דארטן אפילו אביסל טומאה אדער מען האלט אפ א טייל מענטשן זיי זאלן דארטן נישט אריינקומען, דאגעגן ביי סתם ארץ ישראל איז אזא סארט קדושה נישטא!

★

דער גאון רבי אברהם חיים נאה האט מיר דערציילט, דאס דער רבי זי״ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט פאר איהם, אז נישט אלע צדיקים זענען זוכה אריינצוגעהן אין גן עדן. האט זיך רבי אברהם



רבי אברהם חיים נאה

חיים נאה געוואונדערט און געפרעגט, ווי קען עס מעגליך זיין מען זאל זיין א צדיק און נישט זוכה זיין צו גן עדן?

האט איהם דער רבי געענטפערט: רבי אברהם חיים, איהר האט נישט געזעהן ווי דער ערוך פערטייטשט די גמרא ראיתי בני עלייה והם מועטים?

איז רבי אברהם חיים געגאנגען אריינקוקן אין ערוך און דארטן געפונען ווי ער לערנט פשט, ראיתי בני עלייה והן מועטין, איך האב געזעהן ברוח הקודש, אין דער זעהונג פון א חלום, אז די צדיקים פון היינטיגן דור, וועלכע זענען ווערד אריינצוגעהן אין גן עדן זענען זייער ווייניג!

*

דער גאון רבי אשר שולמן פון טבריא האט דערצעהלט, דאס ער האט אמאל באגלייט דעם רבין זי״ע ארויסגעהענדיג פון דער מערה פון רבי שמעון בר יוחאי, געהענדיג צו דעם הייליגן ציון פון דעם תנא רבי יוחנן הסנדלר, און אויפן וועג האט רבי אשר א זאג געטהון צום רבין זי״ע, דאס אין חז״ל ווערט נישט דערמאנט צו רבי יוחנן הסנדלר האט געלעבט לאנג צו נישט, עס ווערט נאר דערמאנט אז ער איז געווען א תלמיד פון רבי עקיבא, אבער עס איז דאך בעקאנט אז די תלמידים פון רבי עקיבא זענען נסתלק געווארן ווען זייער רבי האט נאך געלעבט, ממילא קען מען נישט וויסן צו רבי יוחנן הסנדלר האט מאריך ימים געווען אדער נישט.

דער רבי זי״ע האט איהם איבערגעהאקט אין מיטן שמועס מיט א מאך מיט דער האנד און געמיטליך געזאגט: די חז״ל רעכענען דאך אויס רבי יוחנן הסנדלר צווישן די זיבן זקנים, איז דאך קלאהר אז רבי יוחנן הסנדלר האט מאריך ימים געווען און דערגרייכט צו א הויכן עלטער.

— אבער רבי — רופט זיך אן רבי אשר צום רבין — אוואו ווערט עס דערמאנט אין חז״ל אזא זאך אז עס זענען געווען זיבן זקנים? און אז אויך רבי יוחנן הסנדלר ווערט צווישן זיי אריינגערעכנט?



מירון



דער רבי אראפגעהענדיג פון די בתי ווארשא אין ירושלים

האט איהם דער רבי זי״ע געענטפערט: זייט מוחל און קוקט אריין אין ירושלמי, מסכת חגיגה אין פרק חומר בקודש...

רבי אשר אלס גרויסער חסיד איז נישט געגאנגען נאכזוכן צו עס ווערט טאקע אזוי דערמאנט אין דעם ירושלמי און ער האט געזאגט: די רייד פון רבין זי״ע זענען גענוג באגלויבט ביי מיר, און איך האב נישט וואס נאכצוזוכן נאך זיינע ווערטער.

(דארטן אין ירושלמי אין אנהויב פון דריטן פרק אין חגיגה ווערט געזאגט: "מעשה שנכנסו שבעה זקנים לעבר את השנה בבקעת רימון ומי היו: רבי מאיר ורבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון ורבי נחמיה ורבי ליעזר בן יעקב ורבי יוחנן הסנדלר).

*

עס איז געווען איינמאל, ווען דער רבי זי״ע האט געהאלטן א דרשה פאר א גרויסן עולם אין ירושלים, האט זיך דער רבי זי״ע דאן ארויסגעכאפט אייניגע ווערטער וועלכע האבן אויסגעזעהן ווי נישט אויסגעהאלטן, דער רבי זי״ע האט דאן דערמאנט אין זיין דרשה די מעשה פון תלמי המלך וואס האט באפוילן איבערצוזעצן די תורה אויף דער יונישער שפראך, יענער טאג, האט דער רבי דאן געזאגט, איז געווען אזוי ביטער פאר אידן, פונקט ווי דעם טאג וואס איז געשאפן געווארן דער עגל א.א.וו.

אבער אנשטאט צו זאגן אז עס זענען דאן געווען צוויי און זיבעציג זקנים, ווי עס שטעהט מפורש אין דער גמרא מגילה (דף ט), האט זיך דער רבי זי״ע דאן ארויסגעכאפט און געזאגט, אז די מעשה איז פארגעקומען מיט "פינף" זקנים.

צווישן די צוהערער האט זיך אויך געפונען א תלמיד פון רב קוק, האט זיך יענער צולאכט און גענומען אפשפאטן פון רבין זי״ע זאגנדיג:

ווי אזוי איז פלוצלונג געווארן פון צוויי און זיבעציג זקנים אויף פינף זקנים? די גמרא אין מגילה זאגט דאך קלאר אז עס זענען דארטן געווען צוויי און זיבעציג זקנים. און ווידער פון וואו נעמט

עס דער רבי צו זאגן אז יענער טאג איז געווען ביטער פאר אידן ווי דער טאג וואס מען האט געשאפט דעם עגל, א זאך וואס ווערט גארנישט דערמאנט אין קיין ארט?

ווען הרה"ג רבי שמואל מועד זצ"ל (א בעוואוסטער ירושלימער בעהאלטענער גאון) האט געהערט ווי יענער קוק'ניק בלאזט פון זיך און ער געהט ארום אין די שטיבלאך פון מאה שערים און לאכט אפ פון דעם רבין זי"ע, האט ער איהם גוט אויסגעזידלט אויסרופנדיג: דו גרויסער עם הארץ! ווי קומסטו צו רעדן אויפן סאטמאר רב, עס איז דאך אין היינטיגן דור כמעט נישטא ווער עס זאל פארשטעהן זיין פשוטע שיחת חולין און ווער ביסטו וואס ביסט נישט ווערד צו דערמאנען אפילו זיין נאהמען און דו האסט נאך די העזה צו אפלאכן פון זיינע ווערטער? עס איז דאך א מפורשער מסכת סופרים (פ"א ה"ז) וואו עס שטעהט קלאר: "מעשה בחמשה זקנים שכתבו לתלמי המלך את התורה יונית, והיה היום קשה לישראל כיום שנעשה העגל, שלא היתה התורה יכולה להתרגם כל צרכה" — יעצט וועסטו זיך שוין מעהר נישט דערוועגן צו אויסרעדן א ווארט אויפן הייליגן סאטמאר רבין...

*

אין דער צייט וואס דער רבי זי"ע איז געקומען אין ירושלים ביי זיין ערשטן וויזיט, איז צו איהם אמאל אריינגעקומען דער גאון רבי אשר שולמן, פון די חשובע רבנים אין טברי־ה און געבעטן ביים רבי'ן א ברכה ער זאל זוכה זיין צו מכוון זיין ביי זיין לערנען לאמתה של תורה.

דער רבי זי"ע האט איהם געבענטשט און שמייכלענדיג געזאגט:

— געוויס מיינט איהר, רבי אשר, לויט דעם פשט פון דעם ר"ח און רבינו תם...

דער רבי זי"ע האט דאן נישט ערקלעהרט וואס זיין כוונה איז געווען מיט די ווערטער, און קיינער האט דאן נישט פארשטאנען וואס ער האט געמיינט דערמיט.



**רבי שמואל מועד**



**רבי אשר שולמן**

ביז איינער א גרויסער תלמיד חכם האט שפעטער אויסגעפונען, דאס תוספות אין גיטין (דף ו׳ ע״ב ד״ה א״ר יצחק) קריגט אויף רש״י און עס ווערט דארט אראפגעברענגט, אז דער ר״ח און רבינו תם זאגן, אז אמיתה של תורה געהט ארויף אויף מזוזה און דערפאר ווערט עס גערופן אמיתה של תורה, ווייל עס ווערט אין איהר געשריבן יחוד מלכות שמים.

דערפון לערנען מיר, אז אמיתה של תורה איז דער זין פון יחוד מלכות שמים.

*

דאס איז פארגעקומען ביי דער סעודה פון פורים אין ירושלים, אין יאהר תש״ו, און ביים רבינס טיש איז דאן געזעסן א ירושלימער בדחן, וועלכער האט זיך באמיהט צו פריילאך מאכן דעם רבין זי״ע מיט די אלע טיש זיצערס, ער האט זיך ארויפגעשטעלט אויפן טיש און גענומען זאגן גראמען, זינגען ניגונים און מאכן קונץ שטיק, דער רבי זי״ע איז דאן געווען פארנומען מיט דער מצוה פון חייב אדם לבסומי בפוריא.

ווען מען האט דערלאנגט צום טיש עופות־פלייש, האט זיך דער בדחן געווענדעט צום גבאי מיט א ניגון און געזאגט: פארוואס דערלאנגסטו נישט קיין בהמה פלייש? בשלמא אין ערב יום כפור — זאגט ווייטער דער בדחן — גיט מען נאר עופות פלייש, ווייל אזוי האט געוואלט דער מגן אברהם (אין שולחן ערוך אורח חיים סי׳ תרי״ח), אבער פורים קען מען דאך ברענגען צו דער סעודה בהמה פלייש?

דער רבי זי״ע וועלכער איז געווען זייער ציטעריג אין דעם כבוד פון די ראשונים, האט דא געפיהלט אז די ווערטער וואס דער בדחן האט דא ארויסגעזאגט קען זיך אויסטייטשן ווי א באריהרונג אין דעם כבוד פון דעם מגן אברהם, וועלכער איז געווען דער גדול הדור און וועמענס תורה מיר טרינקען מיט דארשט, און כאטש דער בדחן האט דא גארנישט געמיינט צו טשעפען אדער אנריהרן דעם כבוד פון דעם מגן אברהם, איז אבער דער אויסדריק ״ווייל אזוי האט

דער מגן אברהם געוואלט״ אויסגעקומען ביים רבין ווי א גרינגשעצונג.

און טראץ דעם וואס עס איז געווען פורים און דער רבי איז געווען פארנומען מיט דעם חייב איניש לבסומי, האט ער זיך א טרייסל געגעבן פון ארט און פראטעסטירט אין דעם פארם פון א ווערטל אנרופנדיג זיך צום בדחן:

— נישט המן הרשע האט געוואוסט פון דעם מגן אברהם און אויך דו קענסט נישט דעם מגן אברהם!

דער בדחן האט באלד געפיהלט, דאס ער האט זיך ארויסגעכאפט פון מויל מיט נישט קיין גוטן אויסדריק, און אז דער רבי זי״ע האט דערויף שטארק פאראיבל, ער האט פארלארן דעם מוט צו ווייטער זינגען און פריילאך מאכן, און באלד אראפגעגאנגען פון טיש און מעהר קיין בדחנות נישט געזאגט.

נעבן דעם רבי׳ן זי״ע איז דאן געזעסן זיין איידעם, דער סעמיהאלער רב, האט ער אין דער שטיל א פרעג געטהון דעם רבין, וואס פאר א פארבינדונג האט עפעס המן צום מגן אברהם?

דעם רבינס געזיכט האט אויפגעשיינט און ער האט זיך אנגערופן:

— אין תרגום שני אויף דער מגלת אסתר ווערט געזאגט, אז המן האט גערעדט שלעכטס אויף די אידן פאר דעם קעניג אחשורוש, טענה׳נדיג דאס זיי פארברענגען זייערע אלע טעג מיט די יאהרן אין תפלות און סעודות א.א.וו. און זיי האבן נישט קיין ווערד פארן קעניג ער זאל זיי דערפאר לאזן לעבן. צווישן אנדערע האט איהם המן דאן געזאגט אז די אידן פיהרן זיך, אז דעם ניינטן טאג אין דעם מאנאט תשרי, אין ערב יום כפור, מאכן זיי א סעודה פון בהמה פלייש און עופות פלייש.

אט דערפון זעהען מיר — האט דער רבי זי״ע אויסגעפירט מיט א שמייכל — אז המן הרשע האט נישט געוואוסט פון דעם פסק פון מגן אברהם.



דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון זיין איידעם דער סעמיהאלער רבי אין
דער אלטע שטאדט ירושלים

דער סעמיהאלער רבי איז ממש אויפגעשפרונגען פון ארט הערנדיג דעם טרעפליכן ענטפער פון דעם רבין זי"ע, טראץ דעם וואס ער איז אזוי פארנומען אין דער בסומי.



**דער סעמיהאלער רבי, רבי חנני׳ יום טוב ליפא טייטלבוים**



דער רבי זי״ע אין ירושלים

נײַנטער קאַפּיטל

# אזוי פיהל תורה און חכמה

אפגענארט די עלטערן — וואס קומט נאך ווידוי — א פאלשער בריוו — א אבסאלוטער ליגנר

עס איז געווען אין דעם יאהר ווען דער רבי זי״ע האט געוואוינט אין ירושלים, איז איינמאל אריינגעקומען צו איהם איינער פון די גדולי המוסר, דער גאון און צדיק רבי שמואל הלל שיינקער זצ״ל, (א איידעם פון דעם גאון און קדוש רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי״ע), ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבן דעם רבין זי״ע און ארומגערעדט וועגן די תלמידי הגר״א זצ״ל, פון די וואס זענען ארויפגעקומען קיין ירושלים און געגרינדעט די געמיינדע פון די פרושים. רבי שמואל הלל האט זיי שטארק געלויבט און באוואונדערט זייער גרויסקייט און הייליגקייט, ווי ווייט זיי זענען געווען אפגעזונדערט פון די וועלטליכע זאכן און פון זייערע הויכע מדרגות.

רבי שמואל הלל זיצט און דערצעהלט, און דערווייל האט דער רבי זי״ע כמעט ווי געדרימלט אדער עס האט אזוי אויסגעזעהן, און רבי שמואל הלל דערצעהלט איין מעשה נאך די אנדערע, צווישן אנדערע האט ער דערצעהלט:

— אין ענדע פון דעם יאהר תקס״ט, איז ארויסגעפאהרן פון ליטע די דריטע גרופע פון די תלמידים פון דעם ווילנער גאון ז״ל, מיטן צוועק ארויף צו געהן קיין ארץ ישראל. אין שפיץ פון אט דער גרופע איז געשטאנען דער גאון און צדיק רבי ישראל שקלאווער זצ״ל (דער מחבר פון פירוש תקלין חדתין אויף דעם ירושלמי שקלים) מיט זיין גאנצע פאמיליע, צוזאמען מיט איהם איז אויך מיטגעפאהרן איינער פון די גרויסע תלמידים פון גאון זצ״ל, רבי חיים ב״ר טוביה הכהן זצ״ל, מיט נאך פערציג פאמיליעס, וועלכע האבן זיך געציילט ארום הונדערט און פופציג נפשות.

זייענדיג אין מיטן ים, אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האט אויסגעבראכן א שרעקליכער שטורם, ריזיגע כוואליעס האבן

געדראהט צו דערטרינקען די שיף. די מאטראזן זענען געווען זייער פארלוירן. די פרויען האבן אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין, און די מענער האבן געזאגט תהלים מיט גרויסע קולות, עס איז געווען ממש מורא׳דיג.

מיט אמאל שטעלט זיך אויף דער גאון רבי ישראל שקלאוור און רופט אויס אז אלע מענער פון דער גרופע, פון גרויס ביז קליין, זאלן זיך צוזאמענקומען אין איין צימער, כדי צו געפינען א עצה ווי אזוי צו ראטעווען די שיף וועלכע קען יעדע מינוט אראפזינקען אין די טיפענישן פון ים.

ווען אלע זענען זיך צוזאמענגעקומען, האט רבי ישראל אויסגערופן, דאס זיין מיינונג איז, אז יעדערער פון די גרופע זאל זיך מתוודה זיין אויף די זינד וואס ער איז בעגאנגען אין זיין לעבן, אט דער וידוי וועט זיין א פארגעבונג אויף זיין זינד. אזוי ארום וועט דער אויבערשטער אננעמען אונזער תשובה און דער ים וועט זיך איינשטילן.

די אלע אנוועזנדע האבן צוגעשטימט צום פארשלאג, זיך מתוודה זיין אויף די זינד און די שאנדע פון דעם וידוי וועט זיין א כפרה. רבי ישראל האט באפוילן דאס מען זאל אנהויבן די רייה פון דעם קלענסטן פון דער גרופע און אזוי געהן כסדר ביז דעם גרעסטן.

האט זיך אויפגעשטעלט דער קלענסטער און אינגסטער פון דער גרופע און געזאגט:

— רבותי, איך האב נאכגעזוכט און געפונען ביי מיר א גרויסע זינד וואס איך בין בעגאנגען אין מיינע יונגע יאהרן, איך וויל זיך דערויף מתוודה זיין און תשובה טהון.

די מעשה איז אזוי געווען:

מיין פאטער זצ״ל האט געוואוינט נעבן דער וואוינונג פון דעם ווילנער גאון זצ״ל, טהיר ביי טהיר, א דינע ווענטל פון האלץ האט פונאנדערגעטיילט צווישן דער וואוינונג פון דעם גר״א זצ״ל מיט אונזער וואוינונג. דער פאטער זצ״ל האט געהאט גרויס חשק זיך

איינצוהערן דעם קול תורה פון דעם גאון זצ"ל, וועלכע האט זיך גוט ארויסגעהערט פון דעם דינעם ווענטל בייטאג און ביינאכט, און דערפאר האט מיין פאטער כמעט נישט פארלאזן זיין וואוינונג א גאנצן מעת לעת כדי צו זוכן פרנסה פאר די הויז געזינד, ווייל זיין הארץ איז איהם אויסגעגאנגען צו פארנעמען דעם אפקלאנג פון דעם גאון'ס שטים, איז ער דעריבער געזעסן דעם גאנצן מעת לעת ביי איהם אין שטוב און געלאשן זיין דארשט מיט דעם קול תורה פון דעם גאון זצ"ל.

ביי אונז אין הויז איז דעריבער געווען גרויס דער הונגער, עס איז נישט געווען וואס צו עסן און מיט וואס זיך צו בעקליידן, אין שטוב זענען מיר געווען צוועלף קינדער. די מוטער האט אנגעפיהרט מיט א קליינע שפייז קראם דורך וועלכן זי האט ארייגעברענגט פרנסה קוים אויף צו לעבן, די ענגשאפט אין שטוב איז געווען שרעקליך, און מיין הארץ איז מיר פשוט צוגאנגען פון גרויס רחמנות אויף מיינע עלטערן און די עלף ברידער און שוועסטער וואס האבן זיך געפונען אין שטוב.

איז מיר דעמאלס איינגעפאלן א געדאנק ווי אזוי צו פארגרינגערן דעם יאך אין שטוב. איך בין דאן אלט געווען ניין יאהר, האב איך מיר בארעכנט איך זאל דערצעהלן אין שטוב און זיי אנזאגן א גוטע בשורה, אז פון דעם מארגנדיגן טאג וועט מען איינפיהרן אין דעם חדר וואו איך לערן צו געבן אומזיסטע מיטאג מאלצייטן, אזוי ארום וועל איך שוין נישט דארפן קומען אהיים עסן מיטאג. איך האב געגלויבט דאס דורך דעם וועט ווערן עפעס לייכטער אין שטוב, ווייל פון מיין טייל פון דעם מיטאג מאלצייט וועט ווערן צוטיילט פאר די איבריגע קינדער פון שטוב.

איך האב טאקע אזוי געטהון, אהיים קומענדיג פון חדר, האב איך דערצעהלט פאר מיין פאטער פון די נייעס וואס איז איינגעפיהרט געווארן אין חדר און איהם געזאגט אז פון מארגן וועל איך נישט קומען אהיים מיטאג צום עסן, ווייל מיר וועלן באקומען צו עסן א מיטאג מאלצייט אין חדר.




דער רבי זי"ע ביי א מסיבה פון כ"א כסלו



דער ווילנער גאון, רבי אליהו

דער פאקט איז אבער נישט געווען אזוי, קיין עסן אין חדר האט מען אונז נישט געגעבן, איך האב געהונגערט און מיינע עלטערן האבן געמיינט אז איך עס אין חדר, אזוי האט זיך עס געצויגן גאנצע צוויי יאהר, וואו איך האב קיין מיטאג מאלצייט נישט פארזוכט און אזוי ארום אפגענארט מיינע עלטערן.

איך בין זיך יעצט מתוודה אויף מיין דאזיגן יוגנד זינד און דער אויבערשטער זאל מיר דערויף מוחל זיין — דאס איז דער איינציגער זינד וואס איך דערמאן זיך יעצט און אויף וועלכן איך בין זיך מתוודה פאר אייך אלעמען.

טרערן האבן גערונען פון די אויגן פון אלע אנוועזנדע, צוהערנדיג אט דעם וידוי!

באלד נאכדעם האט זיך דער גאון רבי ישראל שקלאווער אויפגעשטעלט, ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאגט:

— רבונו של עולם! אין די תפילות פון יום כפור זענען מיר צו דיר מתפלל: "פנה נא אל התלאות ואל לחטאות" — קוק זיך איין צו אונזערעליידן און נישט צו אונזערע זינד, איצט בעט איך פון דיר, רבונו של עולם, פונקט דאס פארקערטע: "פנה נא לחטאות"! קוק זיך צו און זעה וואס זענען אונזערע זינד, דער אינגסטער פון אונזער גרופע האט נישט געפונען קיין אנדער זינד אויף וועלכן צו אנהענגען דעם שטראף פון דער שטורעמדיגן ים, ווי צוליב דעם וואס ער האט אלס קינד אפגענארט זיינע עלטערן, כדי צו פארגרינגערן זייערע ליידן, ער איז דעריבער אויסגעשטאנען און געלערנט תורה הונגעריג. רבונו של עולם! קוק זיך צו אויף אונזערע זינד, אויף אזעלכע זינד און בעפויל אויף דעם שר של ים ער זאל איינשטילן דעם שטורם!

באלד ווי רבי ישראל האט פארענדיגט זיינע ווערטער, איז דער שטורם-איינגעשטילט געווארן און די שיף איז זיך ווייטער געפאהרן איהר וועג.

נאך דעם וואס דער ים איז איינגעשטילט געווארן, האט זיך די גאנצע גרופע אוועקגעשטעלט און געזאגט דעם "מזמור לתודה"

מיט גרויס התלהבות. עס איז דארטן געווען א גרויסער קידוש השם, אלע האבן געזעהן אז נאר אין דעם זכות פון די אידן און זייערע תפלות האט זיך דער ים איינגעשטילט.

ווען רבי שמואל הלל שיינקער האט פארענדיגט צו דערצעהלן אט די מעשה, האט דער רבי זי״ע נאך געהאלטן פארמאכט די אויגן און עס האט אויסגעזעהן ווי ער דרימלט. מיט אמאל רופט ער זיך אן צו רבי שמואל הלל׳ן:

— נו, נאך ווידוי קומט טאקע צו זאגן מזמור לתודה. משה רבינו האט דאך עס דערפאר מתקן געווען! — — —

דער רבי זי״ע האט ווידער אויסגעזעהן ווי ער דרימלט און רבי שמואל הלל האט געהאלטן אין איין דערצעהלן נאך און נאך.

וואס איז געווען די כוונה פון רבין זי״ע מיט זיינע רייד, וועלכע האט נישט קיין שום ערקלעהרונג.

דער גאון רבי יוסף דינקליס פון ירושלים (שפעטער אין בני ברק) האט אונז שפעטער געגעבן צו ערקלערן די רייד פון רבין זי״ע, ער האט ארויסגענומען א ירושלמי אויף דער גמרא שבועות, און פאר אונז געוויזן אינווייניג (פ״א ה״ה) ווי פאלגענד:

״והתודה עליו (ויקרא טז) אמר רבי תנחומא בשם ריש לקיש, בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא למשה והתודה עליו וגו׳ התחיל משה ואמר מזמור לתודה, על שם והתודה עליו״ — דערויף קומט דער פני משה און זאגט, אז משה רבינו האט געדאנקט און געלויבט דעם אויבערשטן דערפאר וואס ער ווערט באוויליגט דורך ווידוי.

*

דער גאון רבי אברהם יפה׳ן זצ״ל, דער נאבהאראדאקער ראש ישיבה אין אמעריקע, איז איהם נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיטן רבין זי״ע נאר איין מאל אין זיין לעבן, און דער איין מאליגער באגעגעניש האט זיך טיף איינגעקריצט ביי איהם אין הארץ, און רבי אברהם יפה׳ן פלעגט עס שטענדיג דערמאנען מיט הייליגן ציטער.



רבי יוסף דינקליס

דאס איז געווען ביי א שמחה פון א שבע ברכות וואס איז אפגעריכט געווארן ביי איינעם פון די תלמידים פון דער נאבהאראדאקער ישיבה וועלכער האט זיך משדך געווען מיט די טאכטער פון איינעם פון די סאטמארער חסידים, דער רבי זי״ע האט באעהרט די שמחה און איז ערשיינען צו דער סעודה, צו דער רעכטער זייט פון רבין זי״ע האט מען אוועקגעזעצט דעם גאון רבי אברהם יפה׳ן, דער ראש ישיבה און מוסרניק.

עס האט זיך אנטוויקלט א שמועס צווישן דעם רבין זי״ע און צווישן דעם גאון רבי אברהם יפה׳ן, דער לעצטער האט גענומען דערצעהלן פארן רבין זי״ע וועגן די גרויסקייט און די אויסגעארבעטע מידות פון די גרינדער פון דער מוסר באוועגונג, און ווי ווייט זיי האבן געשטרעבט צו די מידה פון אמת וועלכע איז געווען דער פונדאמענט פון זייער לעבן.

רבי אברהם יפה׳ן האט דאן דערצעהלט פארן רבין זי״ע וועגן די מדה פון אמת וועלכע איז געווען ממש איינגעזאפט אין די בלוטן פון די גדולי המוסר, אלס ביישפיל, האט ער דערצעהלט ווי פאלגענד:

דער גאון און קדוש רבי זונדל סאלאנטער (פון דעם יאהר תקצ״ט ביז דעם יאהר תרכ״ו האט ער געלעבט אין ירושלים, ער איז אונטערגעשריבן אין שפיץ פון אלע גדולי ירושלים אויפן חרם איבער די שוהלעס וועלכע לערנען פרעמדע שפראכן, ער איז געווען א גרויסער בעל מוסר און דער שווער פון דעם גאון רבי שמואל סאלאנט, ירושלימער רב) איז אויף זיין עלטער געווען שוואך און געליטן אויף זיינע אויגן, עס איז איהם געווען שווער צו שרייבן און לייענען. איינמאל האט ער באקומען א דרינגענדן בריף פון איינעם פון זיינע תלמידים אין חוץ לארץ אין וועלכן ער בעט איהם צו מתפלל זיין פאר זיין פרוי, וועלכע איז נישט געזונד, זי זאל אינגיכן געהיילט ווערן.

דער גאון און צדיק רבי זונדל סאלאנטער האט געשיקט רופן זיין הויז מענטש און איהם געבעטן אנשרייבן איינעגע ווערטער צו




**רבי שמואל סאלאנט**

זיין תלמיד, ביי וועלכן ער זאל איהם מעלדן אז ער איז מתפלל פאר איהר געזונד, און ער, דער צדיק רבי זונדל, וועט זיך דערנאך אונטערשרייבן אויף דעם בריוו.

דער משמש האט אפגעשריבן א קורצן בריוו אין וועלכן ער שרייבט, דאס מיר זענען מתפלל פארן געזונד פון דיין פרוי זאל לעבן א.א.וו. און דערנאך האט ער דערלאנגט דעם בריוו צום צדיק רבי זונדל סאלאנטער ער זאל זיך דערויף אונטערשרייבן.

ווי נאר רבי זונדל האט אויסגעשטרעקט די האנד זיך אונטערצושרייבן, האט ער באלד חרטה געהאט און צוריק געצויגן די האנד, זאגנדיג צו זיין משמש: איך קען נישט חתמנען אויף א פאלשע זאך, איך בעט, שרייב איבער נאכאמאל דעם בריוו און דאן וועל איך חתמענען.

— פארוואס איז דער בריוו פאלש? — וואונדערט זיך דער משמש — איך האב דאך געשריבן נישט מעהר און נישט ווייניגער אזוי ווי דער רבי האט מיר געהייסן שרייבן, איך האב דאך גארנישט געענדערט?!

האט איהם רבי זונדל סאלאנטער דערויף געענטפערט: איך האב דיר געהייסן שרייבן אז "איך בין מתפלל" מיט א לשון יחיד, און דו האסט געשריבן מיט א לשון פון א רבים "מיר" זענען מתפלל, דאס זעהט דאך אויס ווי ליגנד, ווייל איך בין דאך נאר איינער.

דער משמש האט באלד איבערגעשריבן דעם בריוו, לויט דעם ווילן פון רבין.

— אויף אזוי ווייט האט יענער גאון און צדיק מדקדק געווען אויפן אמת — האט רבי אברהם יפה׳ן אויסגעפיהרט זיין ערצעהלונג — טראץ דעם וואס מען האט עס געקענט פארענטפערן אז עס איז מעהר עניוות צו שרייבן מיט א לשון רבים, אבער דער אמת איז געווען ביי איהם איבער אלעס.

האט זיך דער רבי זי״ע אנגערופן און געזאגט:

— נו, נאך די דעה פון דעם רמב״ן איז עס טאקע א

אבסאלוטער ליגנד, ווען עס האנדלט זיך וועגן א איינצעלנער מתפלל, טאר ער זיך נישט בענוצן מיט א לשון רבים.

רבי אברהם יפה׳ן האט מיר אין א צייט ארום געזאגט, דאס א צייט לאנג נאך אט דער באגעגעניש האט ער זיך באמיהט צו געפינען אוואו דער רמב״ן זאגט אזעלכע ווערטער, ער האט געזוכט און גענישטערט און נישט געפונען, ביז וואנען ער האט עס ארויסגעלאזט פון געדאנק. טראכטנדיג דאס ער האט זיכער נישט גוט געהערט וואס דער רבי זי״ע האט איהם דאן געזאגט.

— אין א צייט ארום — האט מיר רבי אברהם יפה׳ן געזאגט — האט דער אויבערשטער בעלויכטן מיינע אויגן און איך האב עס געפונען מפורש אין דער רמב״ן, איך וואונדער זיך צו עס געפינט זיך נאך אזא איינער אין היינטיגן דור וועלכער זאל פארמאגן אין זיך אזוי פיהל תורה און חכמה.

רבי אברהם יפה׳ן האט געעפנט פאר מיר א חומש שמות, אין דער סדרה בא, אויפן פסוק ועתה שא נא חטאתי אך הפעם, און מיר געוויזן די רייד פון רמב״ן, וואו עס שטעהט פונקט ווי דער רבי זי״ע האט איהם דאן געזאגט.

דער רמב״ן זאגט דארטן אויפן פסוק (שמות י יז) אז פרעה האט געזאגט מיטן לשון העתירו, אלס לשון רבים, צוביידן, צו משה און צו אהרן, טראץ דעם וואס פרעה האט געוואוסט אז משה אליין איז מתפלל צום אויבערשטן, ווייל משה רבינו האט איהם שטענדיג געזאגט למתי אעתיר לך, והעתרתי אל ה׳, אפרוש כפי אל ה׳, מיט א לשון יחיד. און דער רמב״ן פיהרט אויס: ״כי לא ידבר משה בזה לשון רבים שלא יוציא שקר מפיו״ — משה רבינו האט נישט גערעדט מיט א לשון רבים כדי ער זאל נישט ארויסלאזן קיין ליגנד פון זיין מויל.

> א זאך וואס פארמאגט אין זיך מינות און כפירה רח״ל, איז געוויס פוגם אפילו מיטן טראכטן, ווייל מינות איז פיהל הארבער פון עבודה זרה.
>
> (ויואל משה עמוד ז)



רבי אברהם יפה'ן



דער רבי שטייגט אראפ פון דער באַן אין ירושלים, צוזאמען מיט איהם: רבי
יוסף שיינברגר, רבי אברהם ראטה

צענטער קאפיטל

# ווי א פאטער צו קינדער

ביים פארהערן פון חדר קינדער — שטענדיג ביי די תשב"ר — א נוץ פאר דער נשמה — בני תורה פארקלאגן זיך נישט — אויפן וועג צו תשליך

איינער פון די ירושלימער גרויסע תלמידי חכמים, מוהר"ר ר' אלתר יברוב ז"ל, וועלכער איז געווען א מלמד אין דער תלמוד תורה עץ חיים און איינער פון די געטרייע מענטשן פון דער עדה החרדית, האט אמאל איינגעבעטן דעם רבין זי"ע ער זאל פארהערן זיינע תלמידים, דער רבי זי"ע האט צוגעשטימט צו זיין ביטע און מען האט אפגעשטימט א צייט אין דעם טאג ט"ו אב אין די מיטאג שטונדן. רבי אלתר איז דערפון געווען זייער צופרידן און צו די באשטימטע צייט האט ער געברענגט זיין גאנצן חדר צו דער וואוינונג פון דעם רבין זי"ע אין ירושלים, דער רבי זי"ע האט אויפגענומען די קינדער מיט גרויס פריינדליכקייט, זיי געבענטשט און דערנאך זיי פארהערט אין דער גמרא בבא בתרא וועלכע זיי האבן יענעם זמן געלערנט.

דער רבי זי"ע האט זיי געשטעלט פארשידענע פראגן אין דעם פרק וואס זיי האבן געלערנט (פרק יש נוחלין) און ער איז געווען זייער צופרידן, ווייל די קינדער האבן געקענט קלאהר אויף אויסנווייניג דעם גאנצן פרק און עס גוט ארויסגעהאט, אויך דער איידעם פון רבין זי"ע, דער גאון און צדיק פון סעמיהאלי זצ"ל, האט זיי געשטעלט פארפלאנטערטע פראגן און די קינדער האבן געענטפערט אויסגעצייכנט. איינער פון די תלמידים האט געזאגט אויף אויסנווייניג דעם גרויסן תוספות אין בבא בתרא (דף קכה) און עס איז געווען טאקע צו בעוואונדערן.

ווען דער תלמיד האט געענדיגט זאגן דעם תוספות, נאך איידער ער האט אויסגעלאזן די לעצטע ווערטער פון תוספות, האט איהם דער רבי פארלאפן דעם וועג און מיט א שמייכל פון צופרידנהייט האט ער פאראויס געזאגט די לעצטע ווערטער פון דעם תוספות,



דער רבי זי״ע אין דער בעגלייטונג פון זיין איידעם דער סעמיהאלער רבי
געהענדיג צוריק פון כותל מערבי



רבי יוסף צבי דושינסקי, דער ערשטער רעכטס: רבי אלתר יברוב

מיט א בעזונדער געשמאקן טאן: "והיינו על כרחך כרבי" — מוז מען זאגן אזוי ווי דער רבי...

דער רבי זי"ע איז ארויס זייער צופרידן פון דעם פארהערן און ער האט גראטולירט דעם מלמד רבי אלתר יברוב אויף זיין גרויסער דערפאלג צו קענען איינפלאנצן אין זיינע תלמידים קלאהרע ידיעות אין דער תורה מיט גרויס פארשטאנד.

ווען די תלמידים האבן זיך געהאלטן ביים געזעגענען פון דעם רבין זי"ע, האט זיך דער רבי ווידער געווענדעט צו די קינדער און זיי געפרעגט, וויפל זאכן עס האט פאסירט אין דעם היינטיגן טאג, אין ט"ו אב?

האבן אלע קינדער ווי איינער געענטפערט:

— אין דעם טאג זענען די שבטים ערלויבט געווארן צו חתונה האבן איין שבט מיטן אנדערן, דעם טאג איז דער שבט בנימין ערלויבט געווארן צוריק צו זיין מיט די אידן, דעם טאג האבן אויפגעהערט צו שטארבן די מתי מדבר, אין דעם טאג האט הושע בן אלה צושטערט די וועכטער וואס ירבעם האט געשטעלט נישט צו דערלאזן די אידן ארויפגעהן קיין ירושלים, אין דעם טאג איז ערלויבט געווארן צו בעגראבן די געהרגעטע פון ביתר, און אין דעם טאג האט מען אויפגעהערט צו שניידן האלץ פאר די מערכה.

האט דער רבי זי"ע ווידער געפרעגט: וואס איז עס פאר אזא יום טוב וואס מען האט אויפגעהערט צו שניידן האלץ פאר די מערכה פון מזבח, וואס איז דא דערמיט זיך צו פרעהען?

האבן די תלמידים געענטפערט: דער רשב"ם אויפן ארט ערקלעהרט, אז די שמחה איז געווען דערפאר ווייל אין יענעם טאג האט מען געענדיגט צו טהון אזא גרויסע מצוה.

רופט זיך אן דער רבי זי"ע צו די קינדער: עס איז דא נאך א פשט, די שמחה איז געווען דערפאר, ווייל דייענדיג פארנומען מיטן שניידן די האלץ פאר דער מערכה, האט מען אין דער צייט נישט געקענט לערנען, אבער יענעם טאג וואס מען האט אויפגעהערט צו

שניידן, האט מען פון היינט אן געקענט מעהר לערנען און דעריבער האט מען עס באשטימט אלס יום טוב.

— אט דער פשט — האט דער רבי דאן אויסגעפיהרט — איז נישט מיינער, דאס זאגט דער רבינו גרשום אין בבא בתרא (דף קכא:).

*

איך האב אמאל געהערט פון דעם הייליגן מויל פון רבין זי"ע א וואונדערליכער געדאנק וועגן ערציהען תינוקות של בית רבן. מיר וועלן עס שרייבן אין קורצן:

די גמרא זאגט אין שבת (דף קנג.) "אמר ליה רב לר' שמואל בר שילת, אחים בהספידא, דהתם קאימנא" — פערטייטשט עס רש"י: נאך מיין שטארבן זאלסטו זיך אנשטרענגען אין מיין הספד און דערווארעמען דעם עולם, כדי די אלע אנוועזנדע זאלן זיך ערוועקן און פארגיסן מיט טרערן — דהתם קאימנא, ווייל דארטן וועל איך שטעהן ביים הספד און איך וועל הערן ווי אזוי דו וועסט אונטערווארעמען דעם עולם.

די גמרא אין פשטות איז נישט צו פארשטעהן.

אין דער גמרא שבת (דף קיט) ווערט געזאגט: רב יהודה זאגט אין נאהמען פון רב. דאס וואס שטעהט אין פסוק: אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו, אל תגעו במשיחי דאס זענען די תינוקות של בית רבן ובנביאי אל תרעו, דאס זענען די תלמידי חכמים.

און אין בבא בתרא (דף ח) דרשנט די גמרא דעם פסוק: ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד. אז דאס זענען די מלמדי תינוקות. פרעגט די גמרא, ווי וועמען צ.ב.ש.? זאגט רב אזוי ווי רב שמואל בר שילת.

אזוי ארום קען מען ערקלערן דעם פשט אין גמרא. אז רב וועלכער דרשנט דעם פסוק פון אל תגעו במשיחי אויף תינוקות של בית רבן, דרשנט אויך דעם זעלבן מאמר פון ומצדיקי הרבים אז עס ווערט געמיינט אזא איינער ווי רב שמואל בר שילת, ער האט זיך

דעריבער געוועדעט פאר זיין הסתלקות צו רב שמואל בר שילת און צו איהם געזאגט: איך בעט דיר, דו זאלסט אנווארעמען דעם עולם ביי מיין הספד, דו זאלסט האלטן איבער מיר א פייערדיגן הספד, און טאקע נאר דו, דער מלמד פון די תינוקות של בית רבן, דיר וויל איך אז דו זאלסט מיר מספיד זיין ווען מיין צייט וועט קומען.

און פארוואס דוקא דו? "דהתם" קאימנא, ווייל איך וועל שטענדיג בלייבן צוגעבונדן מיט די תינוקות של בית רבן, אפילו אויך נאך מיין פטירה, און דעריבער וויל איך פון דיר אז דו זאלסט מיר מספיד זיין פאר זיי, פאר די תינוקות של בית רבן, "דהתם" ווייל דארטן אין די חדרים און תלמודי תורה, ביי די תינוקות של בית רבן, בין איך שטענדיג געוועזן און איך וועל שטענדיג זיין, דארטן איז מיין ארט! איך האב נישט קיין שענערן און בעסערן ארט נאר נעבן די תינוקות של בית רבן וועלכע לערנען ביי דיר בטהרה, דארטן וועסטו מיר טרעפן.

און א מפורשע ראי' אז דער "התם קאימנא" מיינט מען אין די תלמודי תורה, ביי די תינוקות של בית רבן, ווייל מיר געפינען אין דער גמרא בבא בתרא (דף ח) אז רב שמואל בר שילת האט געזאגט צו רב: השתא נמי דעתאי "להתם", און רש"י אויפן ארט איז מפרש: להתם לתינוקות. דערפון זעהען מיר קלאהר אז דער להתם האט ער געמיינט אויף די תינוקות של בית רבן, און אזוי אויך דא, ביים הספד, איז געוועזן זיין כוונה אויפן להתם, איבער די תינוקות של בית רבן.

*

ווען דער רבי זי"ע איז געוועזן אין ירושלים (אין כ"ה אדר תש"ו) האט ער זיך אמאל צוגעקיהלט און דער דאקטאר האט איהם געראטן נישט ארויסגעהן פון שטוב אייניגע טעג, ער האט אזוי געטהון.

אין דעם דריטן טאג, האט דער רבי זי"ע געוואלט ארויסגעהן פון שטוב און געהן מקיים זיין די מצוה פון מנחם אבל זיין, ביי

הרה"ח רבי הערש אייכלער, וועלכער איז דאן געזעסן שבעה נאך זיין פאטער הרה"ח רבי מאיר אייכלער זצ"ל, זיין הויז געזינד זענען צו איהם צוגעשטאנען און געוואלט אפהאלטן פון ארויסצוגעהן, אבער ער האט דערפון נישט געוואלט הערן.

ווען הרה"ח רבי הערש פנחס מאשקאוויטש ז"ל, האט געזעהן אז דער רבי זי"ע געהט מנחם אבל זיין צו דער אונגארישע הייזער, האט ער א פרעג געטהון דעם רבין זי"ע, דאס וויבאלד ער געהט שוין סיי ווי ארויס פון שטוב כדי צו מנחם אבל זיין, אפשר וואלט ער ביי דער זעלבער געלעגנהייט געגאנגען מבקר חולה זיין איינעם פון זיינע חסידים וועלכער ליגט קראנק אין דער שפיטאל שערי צדק.

האט זיך דער רבי זי"ע פארענטפערט און געזאגט דאס עס איז איהם זייער שווער דאס געהן און פאהרן, אבער וויבאלד ביי די מצוה פון מנחם אבל זיין איז דא אויך א נוץ פאר דער נשמה, דעריבער איז עס ביי איהם זייער חשוב צו מקיים זיין די מצוה, טראץ דעם וואס ער פיהלט זיך אזוי שוואך.

די אלע צוהערער האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם רבינס רייד, אוואו שטעהט עס אז ביי מנחם אבל זיין איז דא א נוצן פאר דער נשמה?

דער רבי זי"ע האט באלד פערשטאנען זייער ערשטוינונג און ער האט זיך אנגערופן:

— דער רמב"ם אין הל' אבלות (פ"ד) שרייבט: "יראה לי שנחמת אבלים קודם לביקור חולים, שניחום אבלים גמילות חסד עם החיים ועם המתים" — ווארשיינליך איז צו געהן מנחם אבל זיין פריהער ווי צו בעזוכן א קראנקן, ווייל ביי ניחום אבלים טהוט מען א גמילות חסד סיי מיט די לעבעדיגע און סיי מיט די טויטע.

— און דאס דארף מען וויסן — האט דער רבי אויסגעפיהרט — אז אויב דער רמב"ם זאגט "יראה לי" איז עס אויך א רמב"ם...

דער רבי האט דאן צוגעלייגט און געזאגט, דאס עס איז דא א מקור צום רמב"ם פון דער גמרא שבת (דף קנ"ב).



דער רבי זי״ע געהענדיג אין ירושלים




**דער רבי זי"ע פאר דער קריג**



**רבי מאיר אייכלער**



לינקס: רבי הערש אייכלער



דער רבי זי״ע אין שערי צדק אויף סנדקאות

און טראץ דעם אלעם, נאכדעם וואס דער רבי האט פארלאזן די שטוב פון די אבלים, האט ער אויסגעשטעלט זיין וועג צו געהן קיין "שערי צדק" און צו בעזוכן דעם קראנקן, זיין הארץ האט איהם נישט דערלאזן אפשטופן אט די מצוה, טראץ דעם וואס ער איז געווען צוגעקיהלט און דאס פאהרן איז איהם געווען שווער.

*

איינער א פערביטערטער יונגערמאן וועלכער האט אנגעהערט צו דעם כולל שומרי החומות, איז אמאל אריינגעגאנגען אין דעם אפיס פון כולל און געמאכט א גרויסן טומל מיט קולות און געוואלדן, ער האט געטענה'ט אז זיין וואוינונג וואס ער האט בעקומען פון דעם כולל אין דער אונגארישע הייזער איז זייער א פראסטע און געמיינע, עס פעלט דארטן לופט א.א.וו. ער האט די בעאמטע דערגאנגען די יאהרן.

האט איינער פון די ממונים דאן געבעטן דעם רבין זי"ע ער זאל בערוהיגן דעם יונגערמאן, בעזונדער ווען אט דער יונגערמאן איז געווען א חסיד פון רבין זי"ע.

דער רבי זי"ע האט איהם געשיקט רופן און געשמועסט מיט איהם א לאנגע צייט, איהם בערוהיגט און געשטארקט, פונקט ווי א פאטער רעדט מיט גוטנס צו זיין זון.

צווישן די רייד האט דער רבי זי"ע צו איהם דאן געזאגט:

"אין דרכם של בני תורה להתרעם על חלקם" — עס איז נישט דער שטייגער פון בני תורה צו זיך פערקלאגן אויף זייער טייל, ער האט איהם געהייסן איינקוקן אין מהרש"א מגילה (דף ו ד"ה ספוני) וואו ער זאגט, אז נאר זבולון האט זיך פארקלאגט אויף זיין טייל, אבער נישט יששכר וויבאלד זיי זענען געווען בעלי תורה.

*

איינמאל, בין כסה לעשור, ווען דער רבי זי"ע איז געגאנגען צו תשליך נעבן דעם בריק פון וויליאמסבורג, אין דער באגלייטונג פון א ריזיגן עולם חסידים. מיט אמאל, רופט ער זיך אן צו דעם גבאי:



לינקס: די פרושים שוהל פון די אונגארישע הייזער



די ממונים פון כולל שומרי החומות מיט פופציג יאהר צוריק. פון רעכטס צו לינקס שטעהען: רבי יחיאל קליין (דער שווער פון רבי יוסף אשכנזי), רבי משה וויסברג, רבי שמעון בלומנטאל, רבי חיים אלישע טננבוים, רבי מנדל כהן, רבי מרדכי ליב גוטליב, דער בוי אונטערנעמער ברזובסקי, דער אויפזיכט אנפיהרער יוסף דער תימנער, זיצן די ממונים: רבי חיים המבורגר, רבי שלמה ראטה, רבי נטע שלמה גרין (דער ברודער פון רבי דוד שליסל, מונקאטשער ראב"ד), רבי צדוק קרויז, רבי חיים זלמן וויסברג, רבי יעקב שלום אדלער, אויף דער ערד זיצן אידישע בוי ארבעטער

— געה, רוף שנעל אהער רבי ליפא לעפקאוויטש, וועלכער געפינט זיך דא צווישן דעם עולם.

רבי ליפא איז באלד געשטאנען נעבן רבי'ן זי"ע, און דער גאנצער עולם שטעהט פארגאפט און איז זייער נייגעריג צו וויסן, וואס אזוינס וויל דא דער רבי פון רבי ליפא'ן, וואס עפעס פונקט יעצט, אויפן וועג צו תשליך?

דער רבי רופט זיך אפ צו רבי ליפא און זאגט צו איהם:

— אין דעם לעצטן זומער ווען איך בין געוועזן אין ירושלים, איז צו מיר אמאל אריינגעקומען א ירושלימער איד, א סופר סת"ם, און פארגעלעגט א שאלה אין די דינים פון פרשיות שרייבן. איך האב איהם דאן געענטפערט מיין מיינונג אין יענעם ענין. אויף וויפל איך געדענק, ביסטו דאן אויך געשטאנען נעבן מיר, ווען יענער האט געפרעגט זיין שאלה. בעט איך אייך, ר' ליפא, איהר זאלט באלד אוועקשרייבן צו יענעם סופר, ער זאל אזוי גוט זיין און פרעגן די שאלה ביי נאך צוויי רבנים און זיך נישט פארלאזן אויף מיין פסק זעלבסט.

זעלבסטפארשטענדליך דאס דער ירושלימער אנפרעגער האט איבער געפרעגט די שאלה פאר נאך צוויי רבנים, וועלכע האבןביידע געפסקנט דעם זעלבן פסק וואס דער רבי זי"ע.

עס איז אבער ערשטוינט צו ווערן ווי אזוי דער רבי זי"ע, ביי וועלכן עס זענען דורכגעגאנגען אן א שיעור שווערע ענינים, פון יענעם זומער אן ביז תשליך, ווי אויך די מוראדיגע עבודה זיינע אין אלול, מיט פארשידענע בקשות און תפלות וואס זענען זיך פארלאפן אין דער צייט, האט פונדעסטוועגן געדענקט אויפן וועג צו תשליך, די אנפראגע וואס מען האט איהם געפרעגט אין ירושלים, ארום פינף פארטאג, ווען עס האט אויסגעזעהן ווי ער דרימלט, און א ירושלימער יונגערמאן האט איהם דאן געפרעגט א פערפלאנטערטע שאלה אויף וועלכן ער האט אויפן ארט געענטפערט, אבער דער רבי זי"ע צוליב זיין גרויס פארזיכטיגקייט, האט געפונען פאר נויטיג צו




דער בריק פון וויליאמסבורג



דער רבי זי"ע אין מאנארא

רופן ר׳ ליפא׳ן און איהם באפוילן אוועקשרייבן דעם אנפרעגער ער זאל זיך ווענדן צו נאך רבנים.

ווי טיף זענען געווען זיינע געדאנקען און ווי הויך זענען געווען די וועגן פון רבי׳ן זי״ע, וועלכער האט זיינס גלייכן נישט געלאזן.



**כ״ק אדמו״ר מסאטמאר בימי עלומיו**
**מרן ר׳ יואל טייטלבוים שליט״א**

**דער רבי זי״ע אין די יונגע יאהרן**

## עלפטער קאפיטל

# מיט דער דעלעגאציע פון די עדה החרדית

די מצוה פון צדקה אנדערש פון אלע מצות — פון א אנדער וועג — זרועות עולם — מנהג של ישראל תורה — א סברא פון צדיקים

אין יאהר תרצ״ב, ווען דער רבי זי״ע איז געוועזן אויף זיין בעזוך אין ירושלים, איז געקומען צו איהם אויף א בעזוך (אין ראזנבערג האטעל) א דעלעגאציע פון דער עדה החרדית אין שפיץ פון דעם דאמאלסדיגן סעקרעטאר פון דער עדה, הרב הגאון רבי ראובן שלמה יונגרייז, הרב רבי שמואל זיינוויל שפיצער, און הרה״ג רבי רפאל קאצנלבויגן זצ״ל (הרב ר׳ משה בלויא זצ״ל איז דאן געוועזן אין חוץ לארץ), עס איז דאן פארגעקומען צווישן זיי א זייער אינטערעסאנטער שמועס וואס האט זיך פארצויגן א לאנגע צייט. דער רבי זי״ע האט זיך אינטערעסירט און געוואלט וויסן איינצעלהייטן און עובדות וועגן דעם גאון און קדוש רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל, דער מרא דארעא, וועלכער איז נסתלק געווארן אין יענעם יאהר, אין מיטן אנפיהרן דעם קאמף קעגן די ציונים און דער רבנות הראשית, איבערלאזנדיג די עדה אן קיין באשיצער, פריי און אפן צו די אנגריפן פון איהרע פיינט. די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע האבן פארגעשטעלט פארן רבין זי״ע די גרויסע מסירות נפש פון רבי יוסף חיים׳ען און זיין קאמף צו בעפרייען דאס רעליגיעזע אידנטהום פון דעם יאך פון די חפשים. דער רבי זי״ע איז געזעסן א לאנגע צייט, זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, און זיך פאראינטערעסירט אין יעדן איינצעלהייט וואס איז פארבונדן מיטן לעבן און אויפטהון פון דעם גאון און צדיק רבי יוסף חיים זצ״ל, וועלכער האט זיך אויפגעהויבן ווי א לייב אין זיין קאמף אקעגן די ציונים, און זיי בייגעקומען.

דער רבי זי״ע האט פון מאל צו מאל געלאזט פאלן א באמערקונג אויף די רייד פון דער דעלעגאציע און עס איז פשוט א שאד וואס זיינע ווערטער זענען בעצייטנס נישט פארצייכנט געווארן, ווייל יעדעסווארט וואס איז ארויסגעקומען פון דאס מויל

פון רבין זי"ע, האט פארמאגט אין זיך א גאנצער אוצר פון גערדאנקען. הרב החסיד רבי אברהם יונגרייז האט אבער פארצייכנט ביי זיך איינצעלנע ווערטער וואס דער רבי זי"ע האט זיך ארויסגעכאפט, און ער האט עס איבערגענומען פון זיין פאטער. ער האט עס מיר פונקטליך איבערגעגעבן און עס איז זייער אינטרעסאנט עס דא אויפצושרייבן, ווי פאלגענד:

ווען הר"ר שמואל זאנוויל שפיצר האט דערצעהלט פארן רבין זי"ע אז דער גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד פלעגט פארשפרעכן פאר די נדיבים וועלכע האבן געשטיצט דעם כולל שומרי החומות, זיי זאלן בעגליקן אין אלעס וואס זיי טהוען און דער אויבערשטער זאל זיי געבן א שפע פון פרנסה, האט דער רבי זי"ע דאן געזאגט א וואונדערבארע דערקלערונג, פארוואס איז די מצוה פון צדקה און אויסהאלטן תלמידי חכמים און ארעמעלייט, אנדערש פון די אלע אנדערע מצות וואו מען בעקומט דעם שכר ערשט אויף יענער וועלט, דאגעגן ביי דער מצוה פון צדקה שטעהט מפורש אין פסוק "ובחנוני נא בזאת" — דאס מען קען דערמיט אויספרובן דעם באשעפער, ווי אויך "עשר בשביל שתתעשר" — דאס מען קען לכתחלה געבן מעשר כדי צו רייך ווערן דערפון, פארוואס איז עס טאקע אזוי?

האט דער רבי זי"ע דאן עס אזוי ערקלעהרט:

— עס שטעהט אין דער תורה: "כי תבוא בכרם רעך ואכלת ענבים כנפשך שבעך ואל כליך לא תתן" — ווען דו קומסט אריין אין דיין חבר'ס וויינגארטן מעגסטו עסן טרויבן צו דער זעט, אבער נישט נעמען מיט זיך. מאכט דערויף רש"י: דאס דער פסוק רעדט זיך ווען מען שניידט די פרוכט, אין דער צייט וואס דו לעגסט אריין אין די כלים פון דעם בעל הבית, אבער ביים אקערן אדער ריי'ניגן דאס פעלד טאר מען נישט עסן, און אזוי ווערט געזאגט אין בבא מציעא (דף פ"ז ע"ב).

דערפון זעהען מיר, דאס דער וואס ארבעט אין וויינגארטן טאר גארנישט עסן פון די פרוכט, טראץ דעם וואס ער ארבעט דארטן און

טהוט אלע ארבעטן צום גינסטן פון דעם וויינגארטן, דאך האט ער נישט קיין ערלויבעניש צו געניסן פון די פרוכט פון דעם וויינגארטן, נאר ווען האט די תורה איהם ערלויבט צו עסן פון די טרויבן אין דער צייט וואס ער ארבעט? — בלויז ביי דער ארבעט פון שניידן אליין, ווען ער לייגט אריין די אפגעשניטענע פרוכטן אין די כלים פון דעם בעל הבית, נאר דאן מעג אויך דער ארבעטער עסן פון די פרוכט וויפל זיין הארץ גלוסט.

קומט אויס דאס אין דער צייט ווען מען לעגט אריין אין די כלים פון דעם בעל הבית, געניסט אויך דער ארבעטער דערפון און עסט צו דער זעט. און אזוי איז עס אויך ביי אונזער ענין — האט דער רבי אויסגעפיהרט — ביי אלע מצות וואס מיר טהוען און דינען דעם אויבערשטן, איז דער שכר אנגעגרייט נאר אויף יענע וועלט, דאגעגן ביי די מצוה פון צדקה, וואס מיר גיבן פאר ארעמע תלמידי חכמים, וועלכע זענען ממש די כלים פון אויבערשטן, איז וויבאלד מיר לעגן דאן אריין אין די כלים פון דעם אויבערשטן, האבן מיר א רעכט אויך צו נעמען פאר די ארבעטער, און דערפאר בעקומט מען שכר פאר די מצוה פון צדקה אויך אויף די וועלט, און שטענדיג אזוי, יעדעס מאל וואס מיר לעגן אריין אין די כלים פון דעם אויבערשטן, וואס דאס זענען די תלמידי חכמים, שיקט דער אויבערשטער א שפע אויך אין אונזערע כלים, צו די כלים פון די נדיבים.

א) רבי ראובן שלמה יונגרייז האט דאן דערצעהלט פארן רבין זי״ע, דאס דער גאון און צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל פלעגט זיך פיהרן, ווען ער פלעגט דארפן ערגעץ צוגעהן, און דער וועג האט געפיהרט נעבן א שוהלע וואס ליגט אין חרם, האט ער זיך נישט בעגנוגנט צו געהן ארום און ארום, נאר ער פלעגט זיך באמיהען און געהן אינגאנצן פון א אנדער וועג אדער דורך א זייטיגע געסל ביז וואנען ער איז צוגעקומען צו זיין באשטימטן ציהל. ער האט זיך אזוי שטארק דערווייטערט פון די שוהלעס, דאס אפילו נעבן זיי האט ער זיך אפגעהאלטן אדורכצוגעהן. נאר געגאנגען וואס ווייטער.



רבי יוסף חיים זאנענפעלד ביים עמפפאנגען מאסאריק



**רבי שמואל זיינוויל שפיצר**

רופט זיך אן דער רבי זי"ע און זאגט: — נו, דער פרישה טייטשט דאך אזוי.

קיינער האט נישט געוואוסט צו וואס פאר א פרישה עס איז געווען דעם רבין זי"ע כוונה, בעזונדער אז דער פרישה איז א חיבור אויף הלכה, אויף די פיהר טורים און עס רעדט זיך דארט נישט וועגן אגדה.

איז מען דאן געבליבן נישט וויסנדיג.

ב) ביי יענעם שמועס האט זיך רבי רפאל קצנלבויגן אויסגעדריקט, דאס אין ירושלים האבן זיך געפונען גאונים וועלכע זענען געווען אזעלכע ריזן ממש ווי די ראשונים. רופט זיך אפ דער רבי זי"ע: רש"י זאגט דאך אז עס איז נישט מעגליך דאס די אחרונים זאלן זיין ווי די ראשונים?!

— אוואו געפינט זיך אזא רש"י? אין חומש? אין גמרא? ווער קען עס וויסן?

רבי רפאל קצנלבויגן האט פרובירט צו פאררירכטן זיינע רייד; ער האט נאכאמאל איבערגעחזרט די פריהערדיגע ווערטער נאר א ביסל אנדערש. ער האט געזאגט, אז אין ירושלים זענען געווען אזעלכע ריזן וועלכע האבן פארנומען וועלטן, אדער ווי ער האט זיך אויסגעדריקט, זרועות עולם.

און ווידער רופט זיך אן דער רבי זי"ע און זאגט: רש"י דערמאנט דאך אז ווער עס ווערט געטראטן דורך אלעמען, ער ווערט גערופן זרועות עולם, און ווי עס ווייזט אויס ווערן ליידער די ירושלים'ער אידן געטראטן אונטער אלעמענס פיס.

— אוואו געפינט זיך אזא רש"י? — ווידער איז עס געבליבן נישט געוואוסט.

ג) ביי יענעם שמועס האט רבי ראובן שלמה יונגרייז דערצעהלט, דאס עס האט אמאל געטראפן ווען אין דער שוהל וואו עס האט געדאוונט רבי יוסף חיים זאנענפעלד, זענען אלע אוועק צו תשליך. האט זיך איינער פארשפארט אין שוהל און נישט

ארויסגעגאנגען צו תשליך. די מעשה האט זייער פארדראסן פאר רבי יוסף חיים זאנענפעלד און פון דעמאלס אן האט ער אויפגעהערט צו רעדן מיט יענעם מענטשן.

האט זיך אנגערופן דער רבי זי"ע און געזאגט: נו, רבי יוסף חיים האט ריכטיג געטהון, ווייל עס איז א מפורשער רמ"א, אז דער ענין פון תשליך איז "מנהג של ישראל תורה היא".

די אלע אנוועזנדע האבן זיך זייער געוואונדערט אויף די רייד פון רבין זי"ע, ווארום אין רמ"א ווערט ביי תשליך נישט דערמאנט אזעלכע ווערטער. ער זאגט נאר (אין הל' ראש השנה סי' תקפ"ג) "און מען געהן צום טייך זאגן דעם פסוק ותשליך וכו'" — אבער וואו ווערט דארטן ביי תשליך דערמאנט אזא אויסדריק פון "מנהג של ישראל תורה היא"? איז עס טאקע מעגליך אז דער רבי זי"ע האט זיך סתם אזוי ארויסגעכאפט, אלס שיגרא דלישנא?

אלזא אויך אט די ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון רבי'נס מויל זענען געבליבן אומפארשטענדליך.

ד) ביים ענדע שמועס, האט רבי ראובן שלמה יונגרייז געפרעגט ביים רבי'ן א פריוואטע פראגע, ער זאל איהם אעצה געבן וועגן זיין פרוי וועלכע איז דאן געווען קראנק און די דאקטוירים פון שערי צדק האבן זיך פונאנדערגעטיילט אין זייער מיינונג וועגן דער אורזאך פון איהר קרענק און די וועגן ווי אזוי עס אויסצוהיילן. דער רבי זי"ע האט אויסגעהערט די פראגע מיט אלע איינצעלהייטן און געענטפערט, אז עס לאזט זיך זאגן די סברא דאס יענער דאקטאר איז גערעכט מיט זיין מיינונג און ער זאל פאלגן זיינע פעראָרדענונגען.

רבי רפאל קצנלבויגן וועלכער האט עס אויך געהערט, האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און זיך אנגערופן:

— דער רבי זאגט עס אזוי ווייל דער שכל זאגט אזוי, אדער ווייל עס איז טאקע זיכער אזוי, לאמיר נישט פארגעסן אז דא האנדלט זיך וועגן א ענין פון פקוח נפש.



דער רבי זי״ע ביי הנחת אבן הפנה צו די בניני זופניק אין ירושלים. נעבן
איהם: רבי פנחס אפשטיין



פון רעכטס צו לינקס: רבי ראובן שלמה יונגרייז, רבי יצחק ירוחם דיסקין,
רבי יוסף חיים זאנענפעלד, רבי משה לייב ברנשטיין

רופט זיך אן דער רבי מיט א שמייכל און א וואונק מיט די אויגן:

— רבי רפאל, צו ווייסט איהר דען נישט אז אפילו גלאט א פשוט'ע סברא ביי צדיקים איז אויך נישט אזוי פשוט? געדענקט איהר שוין נישט וואס דער שיטה מקובצת דריקט זיך אויס וועגן א סברא פון צדיקים?

צו וואס פאר א שיטה מקובצת האט דא דער רבי געמיינט, האבן די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע נישט געקענט דערגעהן. זיי האבן אויך נישט פארמאגט דעם מוט איבערצופרעגן דעם רבין זי"ע.

דער שמועס האט זיך געענדיגט אבער די פיהר אויסדריקן וואס האבן זיך געהערט פון דעם רבי'ן אין דעם שמועס זענען נישט געלעזט געווארן.

"ועל ארבעה לא אשיבנו" — האט זיך דאן אויסגעדריקט אויף א ווערטל רבי רפאל קצנלבויגן, ארויסגעהענדיג פון דעם האטעל וואו דער רבי איז איינגעשטאנען.

טעג און וואכן זענען אריבער. דער רבי זי"ע האט פארלאזן ארץ ישראל און צוריקגעפאהרן קיין קראלע. און ירושלימער תלמידי חכמים, (עס דארף דא ווערן דערמאנט איינער פון די אויסגעצייכנטע פון יענע געהויבענע חבורה, הרב הצדיק רבי שמעון קלפוס זצ"ל, וועלכער האט געהארעוועט און זיך געמאטערט צו אויפקלערן און אריינטראכטן אין יעדןווארט וואס איז ארויס פון דער מויל פון רבי'ן זי"ע) וועלכע האבן געוואוסט אז יעדער ווארט וואס קומט ארויס פון רבי'ן זי"ע מויל איז א גאנצע תורה און מען דארף עס קענען אפלערנען. זענען ארויס און צוזאמענגעקליבן די אויבנדערמאנטע פערל ווערטער, געהארעוועט און זיך געמאטערט, געזוכט און גענישטערט, ביז וואנען זיי האבן געפונען א שטארקן מקור צו יעדעס ווארט. זיי האבן זיך דערפרעהט אויף די מציאה ווי אויף א גרויסן אוצר. דער גאון און צדיק רבי מרדכי חיים סלאנים זצ"ל, האט געשטראהלט ווען עס איז ענטפלעקט געווארן די לייזונג צו דעם רבי'נס זי"ע רייד, וועלכע האט זיך בעצייטנס אויסגעדוכט



דער ערשטער רעכטס: רבי שמעון קלפוס



**רבי מרדכי סלונים**

אז עס איז נאר גלאט זיך אזוי ארויסגעכאפט פון מויל, און אט זעהט מען יעצט קלאהר, אז יעדעס ווארט, איז ווי באפעסטיגט מיט שטאל און אייזן.

מיר גיבן דא די מקורות צו די אויבנדערמאנטע ווערטער פון רבי״ן זי״ע.

א) דער פרישה געפינט זיך אין טור יורה דעה סי׳ שפ״ג וואו עס ווערט געזאגט: ״לך לך אמרינן לנזירא, סחור סחור לכרמך לא תקרב״ — דער עולם האט דא א טעות מיט דעם פשט, ווייל דער מאמר מיינט דערמיט צו זאגן, אז מיר ווארנען דעם נזיר, ער זאל זיך נישט דערנענטערן אפילו ארום דעם וויינגארטן, דאס מיינט א צאם אויף א צאם, אז אפילו נאהנט ארום דעם וויינגארטן זאל ער זיך אויך נישט דערנענטערן.

ב) די ערשטע רש״י געפינט זיך אין ראש השנה (דף כ״ה ע״ב) וואו עס שטעהט קלאר: ״אי אפשר שיהיו אחרונים כראשונים״. די אנדערע רש״י איז אין חולין (דף פ״ט ע״ב) ״מי שנדרס תחת הכל, הוא זרועות עולם״.

ג) דער רמ״א ברענגט דעם אויסדריק אין זיין ספר ״תורת העולה״ (חלק ג׳ פרק נ״ו) ״ומנהג של ישראל תורה היא, במה שהולכים על מים ואומרים תשליך״.

ד) עס איז מפורש אין שיטה מקובצת אין דער גמרא בבא קמא (דף נ׳ ע״א) ״שכן דרכו של הקב״ה שמסכים לסברת הצדיקים שבדור״ — עס איז שוין אזוי דער שטייגער פון ג־ט צוצושטימען צו די סברא פון די צדיקים פון דעם דור.

און ווירקליך, אויב עס איז געווען אזוי אריגינאל זיינע פשוט׳ע שמועסן, וועלכע האבן אויסגעזעהן ווי סתם אזוי גערעדט, הייגט אודאי געוויס צו די אלע הייליגע רייד וועלכע ער האט געלאזט הערן פאר אלעמען און וועלכע זענען געזאגט געווארן פאר די מאסן מיט ציטער און פארכט, און בעזונדער די אלע רייד וואס ער האט אנגעשריבן אין זיינע הייליגע ספרים, צו לערנען פאר דעם אידישן

פאלק די וועגן פון ג־ט, וועלכע זענען אלע אמת׳דיגע תורה, ווי מען וואלט זיי געגעבן אויפן בארג סיני, און ווער עס דערווייטערט זיך פון זיי איז עס גלייך ווי ער רייסט זיך אפ פון לעבן.

צו באצייכענען אין קורצן וואס דער רבי זי״ע האט אויפגעטהון אויף דער וועלט, וועלן מיר זיך בענוצן מיט די רייד פון רמב״ם (פרק א׳ מהל׳ מלכים) ״און אין אלעס זאלן זיינע מעשים זיין לשם שמים, זיין גאנצער געדאנק און שטרעבונג זאל זיין צו דערהויבן דעם אמתן גלויבן, אנצופיהלן די וועלט מיט גערעכטיגקייט, צוברעכן דעם פויסט פון רשעים, און צו קעמפן די קאמפן פון ג־ט, ווייל מען נעמט נישט אויף דעם קעניג נאר כדי צו טהון בערעכטיגקייט און אנפיהרן מיט די קאמפן״.

״גם משרתיך לא ראוך וכל חכמי לב לא מצאוך״ (שיר היחוד).

דער צוזאג וואס דער אויבערשטער האט געגעבן דאס דער אידישער פאלק וועט קיינמאל נישט אונטערגעהן, איז עס נאר דאן אויב מיר וועלן זיך געפינען אין די לענדער פון אונזערע פיינד און נישט אין ארץ ישראל. נאכדעם קומט אויס, אז דאס וואס די מערהייט פון די אידן וואוינען אין גלות און זיי פאלגן דעם באפעהל פון אויבערשטן, ראטעוועט אויך די איינוואוינער פון ארץ ישראל.

(ויואל משה עמוד לד)

דאס איז קלאהר אז עס פאדערט זיך, דאס אויך אין ארץ ישראל זאלן זיך געפינען ערליכע אידן, וואס דינען ג־ט בטהרה, און נאך אלע דעות איז דאס היטן דארטן די תורה און מצות זייער חשוב און עס האט גאר נישט קיין אפשאץ. אבער די וואס זאגן אז די אידן פון דער גאנצער וועלט זאלן פאהרן זיך באזעצן אין ארץ ישראל, אט די רעדן מיט א פוהלן מויל קעגן די אלע רייד פון אונזערע חז״ל.

(ויואל משה עמוד לח)

צוועלפטער קאפיטל

# געציילט די ווערטער

נישט קיין משולח פון צפת — ארויסגעלאזן א ווארט — א נארמאלער קען נישט וואוינען מיט אומנארמאלע — אן תורה איז גארנישט דא

עס האט מיר דערצעהלט מיין שוואגער הרה״ח רבי ישראל אברהם קלאר ז״ל, דאס אמאל איז געקומען צום רבין זי״ע א ירושלימער משולח און געברענגט אויף פורים א מתנה א מגילת אסתר וואס איז געשריבן געווארן אין ירושלים, דער משולח האט בעטאנט פארן רבין זי״ע, דאס די מגילה איז אנדערש ווי אנדערע מגילות. דער משולח האט אויפגעוויקלט פארן רבין זי״ע די מגילה וואס ער האט געברענגט און אנגעוויזן מיטן פינגער מיט וואס אט די מגילה איז אנדערש ווי אלע מגילות.

די ענדערונג איז געווען אין דעם, וואס דער עמוד אויף וועלכן עס איז געווען אנגעשריבן די עשרת בני המן, האט נישט פארנומען די גאנצע לענג פון דעם עמוד, ווי עס איז דער שטייגער אין אלע מגילות, נאר די עשרת בני המן האבן זיך אנגעהויבן אנהויב שורה אין מיטן עמוד, און זיי זענען אויך נישט געווען געשריבן מיט גרויסע אותיות נאר מיט געוויינליכע אותיות ווי אלע ווערטער.

דער רבי זי״ע האט זיך זייער געוואונדערט דערויף און ער האט געזאגט דאס ער האט נאך ביי זיין לעבן נישט געזעהן אזא מגילה, ער האט געפרעגט דעם משולח ווער האט עס געשריבן די מגילה, דער משולח האט געענטפערט דאס ער קען גוט דעם סופר וועלכער איז איינער פון די געהויבענע אידן אין ירושלים און ער געהער צו דער פרושים געמיינדע. דער רבי האט ווידער זיך איינגעקוקט אין דער מגילה אייניגע מינוטן און זיך נישט געקענט אפוואונדערן.

דער רבי זי״ע האט באדאנקט דעם משולח פאר זיין טייערן געשאנק און איהם דערלאנגט א שיינע סומע געלד ווי זיין שטייגער איז געווען, און דערביי האט ער א זאג געטהון מיט א שמייכל צו דעם משולח וואס האט איהם געברענגט די מגילה: ווי עס זעהט



לינקס: רבי ישראל אברהם קלאר



לינקס: רבי ישראל אברהם קלאר

אויס זענט איהר נישט קיין משולח פון צפת, נאר א משולח פון ירושלים.

דער משולח האט נישט אנגעהויבן צו פארשטעהן וואס דער רבי ז"ע ציהלט מיט זיינע ווערטער, אויך אלע אנוועזנדע האבן נישט געקענט דערגעהן זיין כוונה.

רופט זיך אן רבי ישראל אברהם קלאר און זאגט צו יענעם משולח: געה אריין נאכאמאל צום רבין ז"ע און פרעג איבער וואס ער האט דערמיט געמיינט, ער וועט דיר געוויס געהרן ענטפערן. ווייל דער רבי רעדט נישט קיין פארשטעלטע רייד און יעדעס ווארט וואס ער רעדט ארויס האט אין זיך א אפענע כוונה, און עס דארף זיין פארשטענדליך.

איז דער ירושלימער משולח ווידער אריינגעגאנגען צום רבין ז"ע און איהם געבעטן ער זאל איהם ערקלעהרן זיינע רייד וואס ער האט איהם נעכטן געזאגט, וואס האט ער געמיינט דערמיט צו באטאנען אז ער איז נישט קיין משולח פון צפת נאר פון ירושלים?

דער רבי ז"ע האט געשמייכלט הערנדיג זיין פראגע און זיך אנגערופן:

— איך האב דערמיט גאנץ פשוט געמיינט. דו האסט מיר נעכטן געברענגט א מגילה וועלכע איז געשריבן געווארן פיהל אנדערש ווי די אנדערע מגילות, ווייל די ווערטער פון עשרת בני המן זענען נישט געשריבן געווארן מיט קיין גרעסערע אותיות און זיי זענען אויך נישט געשריבן געווארן אויף א ספעציעלן עמוד ווי דער שטייגער איז ביי אלע מגילות, ווען איך האב זיך איינגעקוקט אין דער מגילה וועלכע איך האב אין מיין לעבן קיינמאל אזוינס נישט געזעהן, האב איך זיך דערמאנט דאס אין מיין יוגנד האב איך געזעהן אין דעם ספר נשמת אדם פון דעם מחבר פון ספר חיי אדם אין הלכות מגילה, דאס ער דינגט זיך מיטן ווילנער גאון זצ"ל וועלכער זאגט אז עס איז א גרייז דאס וואס מען פיהרט זיך צו שרייבן די עשרת בני המן מיט גרויסע אותיות איבער א גאנצן עמוד, און נאכדעם וואס דער נשמת אדם שרייבט וועגן דעם ענין באריכות און



דער אראפגאנג צום בית החיים אין צפת

ער ברענגט ראיות צו באשטעטיגן דעם מנהג ווי עס איז איינגעפיהרט ביי אלע אידן, צו שרייבן דאס ווארט איש אין אנהויב עמוד און דעם ווארט עשרת אין ענדע פון עמוד, איז דער נשמת אדם נאך אלץ נישט בערוהיגט ביז וואנען ער דערצעהלט, אז עס איז געקומען צו איהם א משולח פון ארץ ישראל וועלכער וואוינט אין צפת און ער האט עדות געזאגט פאר איהם אז אלע מגילות זענען דארטן געשריבן די עשרת בני המן אויף א בעזונדער עמוד, ווי מיר פיהרן זיך טאקע אזוי.

— און דעריבער — האט דער רבי זי״ע אויסגעפיהרט מיט א שמייכל — ווען איך האב געזעהן די מגילה וואס דו האסט מיר געברענגט, האב איך דיר געזאגט דאס דו ביסט א משולח פון ירושלים און נישט פון צפת...

*

איינמאל, ווען דער רבי זי״ע איז געווען אויף א בעזוך אין קאנאדע, איז געזעסן נעבן איהם דער גאון רבי פנחס הירשפרונג שליט״א, און געשמועסט מיט איהם, ער האט געשאטן מיט בקיאות אין ש״ס און פוסקים, ראשונים און אחרונים א.א.וו.

צווישן אנדערע האט הרב הירשפרונג דערמאנט אז ער האט געפונען אין רמב״ם א וואונדערליכע זאך ווי פאלגענד:

עס קומען פאר אונז צוויי מענטשן, איינער וועלכער איז א טהור פון קינדווייז אן, און אויף זיין לעבן איז ער נישט טמא געווארן, און דער צווייטער איז פונקט פארקערט, ער איז זיין גאנצן לעבן געווען טמא, האט זיך דער טמא בארעכנט און ער וויל ווערן טהור, איז ער געקומען און מען האט געשפריצט אויף איהם אפר פרה און ער איז טהור געווארן.

עס איז זעלבסט פארשטענדליך, דאס נאכדעם וואס דער טמא האט זיך מטהר געווען, איז נישטא קיין אונטערשייד צווישן איהם און צווישן דער וואס איז געווען זיינע אלע יאהרן טהור, ווייל פאקטיש זענען זיי יעצט ביידע טהור.



רבי פנחס הירשפרונג

אזוי וואלט זיך עס גאנץ פשוט פארשטאנען.

דער רמב"ם אבער זאגט אינגאנצן אנדערש, און דאס איז טאקע א גרויסער חידוש.

דער רמב"ם ערקלעהרט אז דער וואס איז געווען ביז יעצט טמא און ער איז טהור געווארן, שטעהט חשובער ווי דער וואס איז קיינמאל נישט טמא געווארן, דאס הייסט, אז אין די מדרגה פון טהרה איז דער וואס איז געווען טמא און נאכער טהור געווארן, שטעהט חשובער ווי דער וואס איז קיינמאל נישט טמא געווארן!

און פארוואס איז עס טאקע אזוי?

דער רמב"ם ערקלעהרט עס מיט א סברא, ווייל דער וואס איז געווען טמא און יעצט טהור געווארן, זאגט דאך אויף איהם די תורה עדות אז ער איז טהור, דער פסוק שרייט אויס אויף איהם: טהור הוא, ער האט א באשטעטיקונג פון דער תורה אז ער איז טהור, דאגעגן אט דער מענטש וואס איז קיינמאל נישט געווען טמא, האט נישט פון דער תורה קיין שום באשטעטיגונג אויף זיין טהרה, נאר פון דער ווירקליכקייט, איז אבער די תורה פיהל שטארקער ווי דער פאקט און די ווירקליכקייט. אין קורצן: דער ערשטער איז טהור מכח התורה, און דער אנדערער איז טהור מכח דער ווירקליכקייט. און די תורה איז ביי אונז פיהל שטארקער ווי דער ווירקליכקייט.

רופט זיך אן דער רבי און זאגט צו רבי פינחס הירשפרונג: געוויס לייכטן די רייד פון דעם רמב"ם ווי בריליאנטן, זיי דארפן נישט האבן קיין שום הסכמה, אבער הרב הירשפרונג, איהר האט ארויסגעלאזן איין ווארט פון די ווערטער פון רמב"ם, און אט דער ווארט וואס איהר האט פארפעלט, פארמאגט אין זיך א גרויסע באדייטונג!

— וואס פאר א ווארט האב איך פארפעהלט? — וואונדערט זיך הרב הירשפרונג.

— דער רמב"ם זאגט עס ארויס מיט אט דעם לשון — זאגט דער רבי זי"ע — "אין הבדל בין איש שלא נטמא לעולם במת ובין

איש אשר נטמא כל ימיו", און איהר האט פארגעסן און ארויסגעלאזן דאסווארט "במת"!

— נו, וואס איז די נפקא מינה וואס איך האב נישט דערמאנט אט דעם ווארט — טענה'ט ווייטער הרב הירשפרונג — עס איז דאך גאר קיין אונטערשייד נישט!

— עס איז שוין איינמאל א אונטערשייד — זאגט דער רבי זי"ע — א גאר גרויסער אונטערשייד. ווייל אט דער חידוש פון רמב"ם איז נאר געזאגט געווארן ביי איינעם וואס איז טמא געווארן דורך א מת, דאן איז דער וואס איז טהור געווארן, פיהל חשובער ווי דער וואס איז נאך קיינמאל נישט טמא געווארן, דאגעגן ביי אזא טומאה וואס געהט ארויס פון קערפער, איז אויך דער רמב"ם מודה, אז אט דער וואס איז קיינמאל נישט טמא געווארן שטעהט פיהל העכער פון דעם אנדערן וואס איז יא טמא געווארן...

אלע זענען ערשטוינט געווארן פון די ווערטער, צוזעהענדיג דעם אומגעהויערן זכרון פון דעם רבין זי"ע, ווי ער געדענקט אויף אויסנווייניג דעם פונקטליכן לשון פון דעם רמב"ם, ציילנדיג יעדעס ווארט, און נישט נאר אין דער משנה תורה פון דעם רמב"ם איז דער רבי קלאר ווי א וואסער, נאר אפילו אין דעם פירוש זיינעם אויף די משניות (ווייל אט דער חידוש פון דעם רמב"ם געפינט זיך אין זיין פירוש אויף משניות אין מס' פרה אין דריטן פרק) און די אנוועזנדע זענען ממש ארויס פון די כלים.

*

יענעם יאהר וואס דער רבי זי"ע האט זיך געפונען אין ירושלים, איז געווען זייער א שווערער יאהר, פיהל יונגע בחורים'לאך האבן זיך געלאזט פארנארן און זיי זענען פארשלעפט געווארן און זיך באטייליגט אין די ארגאניזאציעס פון אצ"ל און לח"י, צוויי ציאניסטישע ארגאניזאציעס וועלכע האבן געקעמפט מיט דער ענגלישער רעגירונג אין ארץ ישראל. דער טעראר האט זיך געהאלטן אין שטארקן פון טאג צו טאג און דער גאנצער ישוב האט געלעבט

אין שרעק, נישט וויסנדיג וואס דער מארגנדיגער טאג וועט ברענגען מיט איהם.

האט דאן פאסירט דאס די ענגלאנדער האבן זיך אנגעטשעפעט אויף איינעם א ישיבה בחור און זיי האבן איהם פארדעכטיגט דאס ער איז א מיטגליד פון דער אצ״ל ארגאניזאציע, זיי האבן איהם געוואלט שטעלן צו א מיליטערישן געריכט וואו דער שטראף איז געוועזן זייער הארב.

דער פאטער פון דעם פארדעכטיגטן בחור, האט דאן געבעטן דעם גאון רבי מתתיהו דייוויס זצ״ל, איינער פון די גדולי התורה אין ירושלים, ער זאל אריינגעהן צום רבין זי״ע און איהם פרעגן, אזוי ווי דעם בחור שטעהט צו בעקומען א הארבע שטראף צו ארעסטירט ווערן אויף א לאנגע צייט, און דער פרומער אדוואקאט ד״ר מרדכי בוקסבוים האלט, דאס מען זאל טענה׳ן אז דער בחור איז נישט ביים זינען, מען זאל צוגרייטן דערויף דאקאמענטן און באשטעטיגונגען פון אויסגערופענע נערוון דאקטוירים, אבער עס קען גאנץ מעגליך זיין, דאס אויב מען זאל אויפברענגען אט די טענה, אז דער בחור איז נישט נארמאל, וועט מען איהם אוועקשיקן אין א שפיטאל פון אומזיניגע, און ווער ווייסט אויף ווי לאנג, און דאס אליין קען איהם צוברעכן און פארשמוצן זיין נאמען, די פראגע איז אלזא זייער א ערנסטע און א הארבע.

רבי מתתיהו דייוויס איז אריינגעגאנגען צום רבין זי״ע, צוזאמען מיט דעם זיבעצן יעהריגן בחור, וועלכער איז דערווייל בעפרייט געווארן מיט א גרויסע סומע פון געלד אלס גאראנטיע, און פארגעלעגט פארן רבין זי״ע די גאנצע פראגע, ווען דער בחור קלאגט און וויינט.

דער רבי זי״ע האט געשמועסט מיטן בחור איניגע מינוטן, איהם געשטארקט און געמוטיגט, דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו רבי מתתיהו דייוויס און איהם געענטפערט מיט א קלארקייט:

— חס וחלילה צו טענה׳ן, אז דער בחור איז נישט ביים זינען, ווייל דאן וועט מען איהם געוויס אוועקשיקן אין שפיטאל, און דער



רבי מתתיהו דייוויס אין די יונגע יאהרן



רבי מתתיהו דייוויס

בחור וועט עס געוויס נישט אויסהאלטן, ער איז נישט גענוג שטארק דערצו.

רבי מתתיהו פרובירט צו טענה'ן דאס אויב מען וועט איהם פאראורטיילן מיט ארעסט, וועט זיין צושטאנד זיין פיהל הארבער, אבער דער רבי בלייבט פעסט ביי זיין מיינונג: דער בחור איז צו שוואך, און ער וועט נישט אויסהאלטן זיך צו געפינען מיט נישט קיין נארמאלע אונטער איין דאך.

דער רבי זי"ע פיהרט אויס מיט א שמייכל און זאגט: רבי מתתיהו, איהר דארפט דאך וויסן וואס דער רמב"ם זאגט אז "אין כח בבן דעת לדור עם השוטים בבית אחד".

דער בחור האט זיך דערנעהנטערט צום רבין זי"ע און געבעטן א ברכה, ער זאל ארויסגעהן פון געריכט אומשולדיג, דער רבי זי"ע האט איהם געבענטשט און צוגעוואונטשן ער זאל ווערן אויסגעלייזט פון אלע אומגליקן.

דאס געריכט פון דעם בחור איז פארגעקומען אויף מארגן פון יום כפור, און אויף א וואונדערליכע וועג איז דער בחור ארויס אינגאנצן פריי, דער אדוואקאט, ד"ר בוקסבוים, וועלכער האט איהם פערטיידיגט, איז געקומען צום רבין און איהם אנגעזאגט די גוטע בשורה אז דער בחור איז בעפרייט געווארן, ער האט דאן מודה געווען אז עס איז געווען א גרויסער נס וואס ער האט נישט געטענה'ט אז דער בחור נישט נארמאל, ווייל דאן וואלט ער געווען פערלוירן.

רבי מתתיהו דייוויס האט נאכגעזוכט און געפונען דעם רמב"ם וואס דער רבי האט דערמאנט אין זיין שמועס, ווי פאלגענד: "אין כח בבן דעת לדור עם השוטים בבית אחד" (רמב"ם הל' גירושין פרק י')

און ווען דער רבי זי"ע האט פארלאזן ארץ ישראל און ער איז אוועקגעפאהרן זיך צו באזעצן אין אמעריקא, האט הרב החסיד רבי ברוך גרינפלד געלייענט אויף איהם די רייד פון דעם קדושת לוי, ווי פאלגענד: "ווען דער צדיק פארלאזט דעם ארט, פונקט ווי יעקב



האדמו"ר הקדוש ר' יואל טייטלבוים שליט"א
אבד"ק קראשניוו-קראלא-סאטמר - ירושלים

**דער רבי זי"ע אין די מיטעלע יאהרן**

אבינו עליו השלום ווען ער האט פארלאזן באר שבע, האט זיך אפגעטהון איהר פראכט, דאס מיינט, אז דער פראכט האט זיך אפגעקעהרט און מיטגעגאנגען מיט איהם, און די קדושה פון ארץ ישראל איז מיט איהם מיטגעגאנגען, ווייל דאס איז דער פראכט" (קדושת לוי, ויצא).

★

אין יאהר תרצ"ב, ווען דער רבי זי"ע איז געווען צום ערשטן מאל אין ארץ ישראל, האט ער זיך אויפגעהאלטן א גאנצע וואך אין מירון און דארטן פארברענגט מיט די נקיי הדעת פון ירושלים, וועלכע האבן איהם מיטבאגלייט אויף דער נסיעה. ווען זיי זענען געווען אין צפת און אראפגעגאנגען דעם בארג ביז אונטן צום הייליגן ציון פון רבי פנחס בן יאיר, איז צוגעקומען צום רבין א ליטווישער איד, א מוסרניק פון די נאבהאראדאקער, און געבעטן ערלויבעניש ביים רבין צו פארזאגן ביים ציון די ברייתא פון רבי פנחס בן יאיר. דער רבי האט צוגעשטימט און יענער האט גענומען הויך לערנען די ברייתא אויף אויסנווייניג, פון אנהויב ביזן ענדע.

ווען ער האט געענדיגט, רופט זיך אן דער רבי, ווי אויף א ווערטל:

— איהר האט נישט ריכטיג איבערגעזאגט די ברייתא...

רופט זיך אן דער איד:

— רבי! שוין דרייסיג יאהר וואס איך חזר איבער טאג טעגליך אט די ברייתא, ווי אזוי זשע זאגט דער רבי אז איך זאג נישט איבער ריכטיג?! גוט, איך וועל נאכאמאל איבערזאגן די ברייתא.

און מאמענטאל הויבט ער אן נאכאמאל צו פארזאגן: רבי פנחס בן יאיר אומר זריזות מביאה לידי נקיות, נקיות מביאה לידי טהרה וכו' אזוי ביז צום ענדע.

דער רבי בלייבט אבער ביי זיינס:

— איך זאג אייך נאכאמאל דאס איהר זאגט נישט איבער ריכטיג די ברייתא. אין דער ברייתא ווערט געזאגט: "תורה מביאה



דער הויפן שטיינער אויפן ציון פון רבי פנחס בן יאיר



דער רבי זי״ע אויף דעם ציון פון האר״י הקדוש אין צפת



אויפן בית החיים אין צפת



אויפן הויף אין מירון

לידי וכו׳ — אן תורה זענען גארנישט שייך אט די אלע מדות... דער יסוד פון די אלע מדות איז נאר די ״תורה״ — פארוואס זשע הויבט איהר אן אויסצורעכענען אלע מדות און איהר היפט איבער אויף דער אנהויב פון די ברייתא...

דעם רבינס הייליגע ווערטער האבן דאן אדורכגענומען און אריינגעדרונגען ביזן טיפעניש פון הארץ.

יא, אט דאס אלעס האט פארמאגט דער רבי זי״ע אויף וועמענס הסתלקות מיר פארגיסן טרערן טאג און נאכט אן אויפהער און מיר קענען זיך נישט טרייסטן, אזא שרעקליכן און גרויסן פארלוסט האט דאס אידנטהום נישט געליטן שוין פיהל יאהרן, עס לאזט זיך פיהלן זיין פערלוסט אין יעדן ווינקל, ווי קענען מיר ווערן געטרייסט ווען אונזער קרוין איז נישטא.

די ברייתא פון רבי פנחס בן יאיר האט זיך אפגעשפיגלט אין דעם רבין זי״ע, זיין הייליגע תורה האט אים צוגעברענגט צו די אלע אויסגצרעכנטע מדרגות פון דער ברייתא און דעריבער זענען זיינע ווענן איבערגעשטיגן דעם גאנצן דור, ווייל קיינער האט איהם נישט געקענט באגרייפן.

אין אלע דורות, ווען עס איז אנגעקומען אויפן אידישן פאלק א שלעכטע צייט, פלעגט מען זוכן און פארשן פארוואס דאס איז געשעהן, וואס פאר א זינד עס האט דערצו געברענגט, כדי צו ווייסן מיט וואס צו פארריכטן און זיך אומקעהרן צו ג־ט.

(ויואל משה עמוד ה)

דער צארן פון ג־ט ביי דעם זינד פון דעם עגל, איז נישט געווען צוליב די וויניגע וואס האבן איהם פאקטיש געדינט, זיך צו בוקן פאר איהם און מקריב זיין פאר איהם קרבנות, נאר צוליב די פיהלע וואס האבן מיטגעהאלפן איהם צו שאפן, סיי דורך דעם וואס זיי זענען זיך צוזאמענגעקומען מיט זיי און סיי דורך דעם שפענדן דאס גאלד א.ד.ג.

(ויואל משה עמוד ז)



דער רבי זי"ע אין בני ברק

דרייצנטער קאפיטל

# א בעזוך פון צוויי גדולי תורה

פדיון שבויים מיט קמחא דפסחא — די זעקסטע מדה — אן תורה קען מען נישט זעהן — דינען דעם אויבערשטן מיט אלע כחות — מסירות נפש אויף תורה און מצות

איינמאל, עס איז געווען איניגע טעג פאר פסח, און דער רבי זי״ע צוזאמען מיט זיין פערטרויליכסטן הויז מענטש הרב החסיד רבי יוסף אשכנזי שליט״א, זענען צוזאמען געזעסן און צוגעגרייט צו שיקן געלד אויף קמחא דפסחא, פאר די נקיי הדעת פון ירושלים, זיי האבן איבערגעבליקט די ליסטעס פון די ביטעס־שרייבער, ווי עס איז געווען דער שטייגער יאהר־יעהרליך.

אין מיטן אויסשטעלן פון די געלדער צוטיילונג, זענען אריינגעקומען צום רבין זי״ע, צוויי גדולי תורה ויראה, זיי האבן געבעטן דעם רבין זי״ע ער זאל זיי העלפן וועגן די מצוה פדיון שבוים אין וועלכן זיי זענען זיך יעצט עוסק. זיי האבן דערצעהלט פאר דעם רבין זי״ע אז א חשובער תלמיד חכם אין פלעדבוזש האט זיך פארפלאנטערט מיט גרויסע געלדער און מען האט איהם ארעסטירט, און יעצט ריכט ער זיך צו באקומען א שווערע ארעסט שטראף, עס פאדערט זיך גרויסע געלדער איהם ארויסצודרעהען, דינגען אדוואקאטן א.א.וו. בעטן זיי דעריבער דעם רבין זי״ע ער זאל דערלאנגען הילף פאר יענעם אומגליקליכן תלמיד חכם, וועלכער איז א פאטער פון זיבן קינדערלאך, און אליין א שוואכער מענטש.

ווער זענען דאס געווען די צוויי חשובע אידן וואס זענען געקומען צום רבין און צו וועמען דער רבי זי״ע האט צוגעטיילט גרויס כבוד זייענדיג ביי איהם אין הויז?

איינער איז געווען דער גאון רבי לייב מאלין, דער ראש ישיבה פון בית התלמוד אין אמעריקע, א געטרייער תלמיד פון בריסקער רב, דער רשכבה״ג מרן רבי יצחק זאב סאלאווייציג זצ״ל. און דער צווייטער איז געווען דער גאון רבי אלי׳ משה שיסגאל, אויך א ראש ישיבה (א איידעם פון דעם גאון רבי משה פיינשטיין שליט״א).



כ״ק אדמו״ר מ׳סאטמאר מרן ר׳ יואל טייטלבוים שליט״א ב׳שווייץ

דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון רבי יוסף אשכנזי שליט״א אין שווייץ



דער בריסקער רב רבי יצחק זאב סאלאווייציג אין די יונגע יאהרן, נעבן איהם
דער לוצקער רב, לינקס: זיין זוהן רבי יוסף דוב.

דער רבי זי"ע האט מיט זיי פארבראכט א לאנגע צייט, און זיי האבן פון איהם געלערנט פארשידענע וועגן ווי אזוי ארויס צו ראטעווען דעם ארעסטירטן און איהם בעפרייען.

זיצנדיג אזוי ביים רבין זי"ע, האבן זיי אויסגעניצט די טייערע געלעגנהייט צו שמועסן מיט רבין זי"ע וועגן פארשידענע אנגעלעגנהייטן, איהם פארלעגן שווערע פראגן און פראבלעמען אין וועלכן זיי האבן זיך געמאטערט.

מיין פריינד, רבי אלי' משה שיסגאל, האט פארצייכנט ביי זיך דעם אינהאלט פון דעם שמועס מיט די אינטרעסאנטע ענטפערס, מיר וועלן דא אראפברענגען איינציגע טייערע פערל ווי אזוי מיין פריינד האט עס פארשריבן.

ווען די צוויי זענען אריינגעקומען צום רבין זי"ע און געזעהן דאס ער איז פארנומען מיט די מצוה צו שאפן קמחא דפסחא פאר ארעמעלייט, האט זיך רבי לייב מאלין פארענטפערט און געבעטן אנטשולדיגונג פון דעם רבין זי"ע וואס מען שטערט איהם מיט א אנדער מצוה פון פדיון שבוים, ווייל דאס איז א דרינגענדע מצוה וואס געהט באלד פארביי.

רופט זיך אן דער רבי מיט א שמייכל און זאגט: עס ווייזט דאך אויס אין גמרא אז עס איז דא עפעס א פארבינדונג צווישן דעם ענין פון ווייץ אויף פסח און די מצוה פון פדיון שבוים...

(אוואו געפינט זיך די גמרא, איז נישט געווען בעקאנט).

פרעגט רבי אלי' משה שיסגאל פארן רבין זי"ע מיט גרויס תמימות: זאל אונז דער רבי לערנען, ווי אזוי קען מען צוקומען צו קענען פסק'נען הלכה למעשה?!

האט דער רבי זי"ע דערויף אזוי געענטפערט:

מיר געפינען אין דער גמרא סנהדרין (דף צ"ג ע"ב) אויף דעם פסוק "ויען אחד מהנערים ויאמר, הנה ראיתי בן לישי בית הלחמי: א) יודע נגן, ב) וגבור חיל, ג) ואיש מלחמה, ד) ונבון דבר, ה) ואיש תואר, ו) וה' עמו.

אמר רב יהודה אמר רב: א) יודע נגן — שיודע לישאל. ב) גבור חיל — שיודע להשיב. ג) איש מלחמה — שיודע לישא וליתן במלחמתה של תורה. ד) ונבון דבר — שמבין דבר מתוך דבר. ה) איש תואר — שמראה פנים בהלכה. ו) וה׳ עמו — שהלכה כמותו בכל מקום.

אט האבן מיר א מפורשע גמרא דאס אויב עס איז "וה׳ עמו" — אויב דער אויבערשטער איז מיט איהם, איז מען דאן זוכה אז די הלכה זאל זיין ווי איהם אין אלע ערטער, עס איז פארבונדן איינס אין דאס אנדערע.

— אבער, רבי — פרעגט ווידער רבי אלי׳ משה — ווי אזוי איז מען זוכה צו אט די מדרגה פון "וה׳ עמו" — אז דער אויבערשטער זאל זיין מיט איהם?

— אויף אזוי פיהל — ענטפערט דער רבי זי״ע גאנץ געמיטליך — מעגט איהר דאך שוין אליין פארשטעהן. — וה׳ עמו, איז דאך די זעקסטע מדה, איהר קענט דאך דאס אליין זעהן!

וואס איז געווען דער זין פון דעם ענטפער, האבן די אנפרעגער נישט געקענט דערגעהן.

הרב שיסגאל לעגט פאר פארן רבין זי״ע נאך א פראגע וואס דריקט איהם זייער אויפן הארץ.

וואס איז געווען די פראגע?

אין די לעצטע צייטן זענען געקומען קיין אמעריקע איינעגע אידן פון די ספרד׳ישע געמיינדעס, וועלכע טענה׳ען וועגן זיך דאס זיי זענען גרויסע ספיציאליסטן אין שרייבן קמיעות און אפשפרעכן, פאראויס זאגער א.ד.ג. און נאאיווע מענטשן לויפן זיי נאך. עס איז אויך בעקאנט אז אט די אלע צויבערער האבן נישט קיין שום באגריף אין דער תורה, זיי זענען גראבע עמי הארצים, ווייל ער וויסן וואס איז די מיינונג פון רבין זי״ע, צו מען מעג זיך פארלאזן אויף זייערע ווערטער, ווייל עס פאסירט פיהל מאהל דאס זיי טרעפן צו מיט זייער זאגן, וועגן דער צוקונפט און פערגאנגנהייט, אבער ווער ווייס צו עס קומט נישט פון נישט קיין ריינע קוועלער?




**דער רבי זי״ע אויף א בעזוך אין מאנטריאל**

האט זיך דער רבי אנגערופן און געזאגט:

מיר געפינען אין דער גמרא נדה (דף ל׳ ע״ב): ״דרש רבי שמלאי, למה הילד דומה במעי אמו וכו׳ ונר דלוק על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו וכו׳ ומלמדים אותו כל התורה כולה, וכיון שיצא לאויר העולם, בא מלאך וסטרו על פיו, ומשכחו כל התורה כולה וכו׳״ — רבי שמלאי האט געדרשנט, צו וואס איז געגליכן געווארן דאס קינד ווען ער געפינט זיך אין די געדערים פון זיין מוטער. א ליכט איז אנגעצונדן איבער זיין קאפ און ער קוקט און זעהט פון איין עק וועלט ביזן אנדערן, און מען לערנט איהם אויס די גאנצע תורה. ווי נאר ער קומט ארויס אין דער אטמאספער פון די וועלט, קומט א מלאך און גיט איהם א קלאפ איבערן מויל, און ער מאכט איהם פארגעסן די גאנצע תורה.

— שטעלט זיך די פראגע — ציהט ווייטער דער רבי זיין שמועס — מילא וועגן די תורה ווערט דערמאנט אז עס קומט א מלאך און מאכט עס איהם פארגעסן, אבער וואס איז מיט דער ליכט וואס ברענט איבער זיין קאפ און ער זעהט דורכדעם פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן, פארוואס ווערט נישט דערמאנט אין חז״ל וואס איז געווארן מיט דעם ליכט? עס איז פארלאשן געווארן אדער נישט?

— דער תירוץ איז אבער גאנץ פשוט — האט דער רבי זי״ע אויסגעפיהרט — אין דער צייט וואס דער קינד לערנט תורה, דאן ברענט א ליכט איבער זיין קאפ און ער זעהט דורך דעם פון איין עק וועלט ביז צו דעם אנדערן, אבער אין דער מינוט וואס דער מלאך מאכט איהם פארגעסן זיין תורה און ער בלייבט אן תורה, דאן ברענט שוין מער נישט דאס ליכט און ער קען שוין מער נישט קוקן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן, ווארום אן תורה, קען עס בשום אופן נישט מעגליך זיין, אז דער מענטש זאל קענען זעהן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן...

רבי לייב מאלין האט אויפגעשפרונגען פון זיין ארט מיט גרויס בעגייסטערונג, הערנדיג דעם ענטפער פון רבין זי״ע.



**רבי לייב מאלין**

דא האט רבי לייב מאלין געבעטן ביים רבין זי״ע ער זאל געבן א ברכה פאר זיין חבר רבי אלי׳ משה׳ן, ווייל ער איז זייער שוואך און ער דינט דעם אויבערשטן מיט אלע קרעפטן.

רופט זיך אן דער רבי מיט א שמייכל און זאגט: אויב עס איז ווירקליך אזוי און ער דינט טאקע דעם אויבערשטן מיט אלע כחות, דאן בעקומט ער דאך פיהל לוין אויף דער וועלט, ווי עס ווייזט אויס פון רמב״ם.

צו וואס פאר א רמב״ם האט דא דער רבי זי״ע געמיינט, האט מען ווידער נישט געוואוסט.

דער רבי זי״ע האט דאן פארברייטערט זיין שמועס אפשטעלנדיג זיך וועגן דער פליכט וואס ליגט אויף די ראשי ישיבות צו אריינדרינגען אין די הערצער פון די תלמידים, מסירות נפש אויף צו היטן און אויספיהרן די מצות פון דער תורה, ווייל אן מסירות נפש און אן קידוש השם קען די תורה נישט עקזיסטירן.

— מיר געפינען — האט דער רבי זי״ע געצויגן ווייטער דעם שמועס — דאס אברהם אבינו עליו השלום האט דערקענט דעם באשעפער ווען ער איז געווען אין עלטער פון דריי יאהר, ער האט געלערנט תורה פאר זיך און מיט אנדערע, און פונדעסטוועגן ווערן אנגערופן די ערשטע צוויי טויזנט יאהר פון דער וועלט באשאף, וויסטע יאהרן, טראץ דעם וואס אברהם אבינו עליו השלום האט אין זיי געלעבט ארום פופציג יאהר.

דאס איז דערפאר ווייל אין יענע יאהרן זענען נאך נישט פארגעקומען קיין פאקטישע מעשים פון מסירות נפש און קידוש השם, ווערן דעריבער יענע יאהרן אריינגערעכנט צווישן די צוויי טויזנט וויסטע יאהרן.

ערשט שפעטער, ווען אברהם אבינו האט זיך געלאזט אריינווארפן אין קאלך אויוון צוליב זיין גלויבן, נאך דעם פאקט פון אור כשדים, ווען די גאנצע וועלט האט צום ערשטן מאל פון זינט דער וועלט באשאף געזעהן, ווי א מענטש רופט אויס אפן דעם

נאהמען פון ג-ט און ער לאזט זיך הרג'ענען פאר זיין נאהמען — ערשט דאן איז געענדיגט געווארן דער וויסטער פעריאד און עס האבן זיך אנגעהויבן די צוויי טויזנט יאהר פון תורה. מיר זעהען דערפון אז די מעשה פון אור כשדים איז געוועז דער פונדאמענט צו דער תורה פעריאד, און נאר דאן ווען אברהם אבינו איז צוגעקומען צום עלטער פון צוויי און פופציג יאהר, און ער איז דורכגעגאנגען דעם נסיון פון אור כשדים, דאן האט זיך אנגעהויבן די צוויי טויזנט יאהר פון תורה.

דער רבי זי"ע האט פארענדיגט דעם שמועס ציטירנדיג מיטן לשון די ווערטער פון רבנו יונה, וועלכער זאגט (אין מסכת אבות פ"א): "כיון שמקבל עליו עול השלטונות פעם אחת, לא יוכל לעשות אשר האדון מבקש" — וויבאלד ער האט אויף זיך גענומען דעם יאך פון דער מאכט נאר איין מאל, קען ער שוין נישט פאלגן און טהון וואס דער האר פאדערט.

דער רבי זי"ע האט מיט א בעזונדער אויסדריק ארויסגערעדט די ווערטער "פעם אחת" איבערחזר'נדיג דעם זאץ אייניגע מאל מיט גרויס גרעיהרטקייט.

דער שמועס האט זיך געענדיגט, און ווען די צוויי גדולי תורה האבן זיך צוריק געקעהרט אהיים, האבן זיי מקיים געוועזן די מצוה פון "ובלכתך בדרך" און איבערגעחזרט צווישן זיך דעם גאנצן שמועס, זיי האבן זיך געמאטערט צו פארשטעהן אייניגע זאצן פון דעם שמועס ווי פאלגענד:

א) וואס האט דער רבי זי"ע געמיינט מיט זיינע ווערטער אז עס איז דא א פערבינדונג צווישן דעם ענין פון וויין אויף פסח מיט דער מצוה פון פדיון שבוים?

ב) וואס האט דער רבי זי"ע געמיינט צו זאגן אז "וה' עמו" איז די זעקסטע מדה?

ג) צו וואס פאר א רמב"ם האט דער רבי זי"ע געציהלט ווען ער האט זיי געזאגט אז אויב מען דינט דעם אויבערשטן מיט אלע כחות בעקומט מען שוין דעם לוין אויף דער וועלט?

עס האט מיר דערציילט רבי אלי׳ משה שיסגאל זצ״ל, דאס ער האט פיהל געהארעוועט און זיך געמאטערט, גאנצע נעכט האט ער געזוכט, ביז וואנען ער איז דערגאנגען די רייד פון רבין זי״ע אין די אויבנדערמאנטע דריי זאכן, וועלכע זענען פריהער געווען ביי איהם אומפארשטענדליך, ביז וואנען דער אויבערשטער האט איהם געעפנט די אויגן און ער האט געפונען די ענטשיידונג ווי פאלגענד:

א) די גמרא געפינט זיך אין חולין (דף ז׳ ע״א) וואו עס ווערט געברענגט די מעשה פון רבי פנחס בן יאיר, ווען ער איז געגאנגען וועגן א ענין פון פדיון שבוים און ער האט געפאדערט פון דעם טייך ער זאל זיך פאר איהם שפאלטן, כדי ער זאל קענען דורכגעהן, דארטן האט זיך אויך געפונען א מענטש וואס האט געטראגן ווייץ אויף פסח, האט רבי פנחס בן יאיר בעפוילן דעם טייך ער זאל זיך אויך פאר איהם שפאלטן.

ב) די זעקסטע מדה איז די מדת היסוד, ווייל נאר דאן ווען דער מענטש היט אויף די מדה, איז דער אויבערשטער מיט איהם, און די הלכה איז אזוי ווי איהם.

ג) דער לשון געפינט זיך אין רמב״ם (הל׳ שכירות פי״ג): ״ער איז מחויב צו ארבעטן מיט זיין גאנצער כח, ווייל מיר געפינען ביי יעקב הצדיק וועלכער זאגט: ״כי בכל כחי עבדתי את אביכן״ — איך האב געארבעט פאר אייער פאטער מיט מיין גאנצע קראפט, און דערפאר האט ער באקומען בעצאהלט דערויף אויך אויף די וועלט.

ווען דער גאון רבי לייב מאלין האט געהערט פון זיין חבר רבי אלי׳ משה, וואס ער האט אויסגעפונען, איז ער געווען זייער פרייליך, ווייל אזוי ארום זענען קלאהר געווארן די רייד און די כוונה פון דעם רבין זי״ע.

די גמרא זאגט אין בבא בתרא (דף ס׳ ע״א): ״אין אדם עשוי שחותמים אורו בפניו ושותק״ — עס איז נישט דער שטייגער מען זאל פארשטעלן די ליכט פאר דעם מענטשן אין זיין קעגנווארט און ער זאל שווייגן.



דער רבי זי״ע אין שווייץ

איידער איז פארשטעלט געווארן פאר אונזערע אויגן אזא גרויסע ליכט, ווי אזוי קענען מיר שווייגן? ווי אזוי קענען מיר אריבער געהן צום טאג ארדענונג און אט דער גרויסער בעלייכטער, וואס האט גאר קיין פארגלייך נישט אין דער אידישער האריזאנט, איז פון אונז אוועקגענומען געווארן.

"עד שלא ניטל הארון, היה נכנס ויוצא לאורו של ארון, משניטל הארון, היה מגשש ונכנס מגשש ויוצא" (רא"ש יומא הלכות סדר עבודת יום הכפורים) — איידער דער ארון איז אוועקגענומען געווארן, פלעגט דער כהן גדול אריינגעהן אין קודש הקדשים און דער ארון האט איהם בעלויכטן. ווען דער ארון איז שוין נישט געווען, פלעגט ער אריינגעהן און ארויסגעהן ארומטאפנדיג אין דער פינסטער.

> ווען דער שטן קומט מאכן שטרויכלען דעם כלל ישראל אין די ווארצלען פון די אמונה און צו אפהאלטן ח"ו זייער גאולה, וואס קעגן דעם איז זיין מוראדיגער קאמף, טהוט ער געוויס אזעלכע זאכן דורך וועלכן ער פערנארט דעם אידישן פאלק מיט שרעקליכע מעשים ר"ל.
>
> (ויואל משה עמוד סא)
>
> דער פאקט בעווייזט, אז אין אלע דורות, זענען די אלע וואס האבן זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו אויפשטעלן א רעגירונג און זיך אליין אויסלייזן פון גלות נאך איידער משיח וועט קומען, זענען זיי ענדליך געווארן איינגאנצן מינים און אפיקורסים, ווייל אזעלכע געדאנקען זענען איינגעווארצלט מיטן קראפט פון מינות.
>
> (ויואל משה עמוד צא)
>
> ווען עס האנדלט זיך וועגן אמונה, זענען מיר פארפליכטעט זיך צו לאזן הרגענען צוליב דעם, דאס מען זאל נישט האלטן אז עס געפינט זיך ביי אונז א ענין פון כפירה ר"ל, באטש דער פאקט איז נישט אזוי.
>
> (ויואל משה עמוד צב)

פערצנטער קאפיטל

# א מנהיג ישראל

התפשטות הגשמיות — א פאטער פאר אידן — יענעמס ליידן — דער פאסיגער מנהיג — מדן ועד באר שבע — דער ווייטער קוק

אין דער פרשה אחרי מות ווערט געזאגט: "וכל אדם לא יהיה באוהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו" — קיין מענטש זאל זיך נישט געפינען אין אוהל מועד פון זינט דער כהן גדול געהט דארטן אריין צו פארגעבן די זינד פון די אידן ביז ער געהט ארויס.

פרעגט דערויף דער מדרש: און דער כהן גדול איז קיין מענטש נישט? ענטפערט דערויף דער מדרש: אז אין דער צייט וואס דער כהן גדול האט זיך געפונען אין אוהל מועד, האט די שכינה אויף איהם גערוהט, און זיין געזיכט איז געווען ווי א פלאם פייער, און דער מדרש פיהרט אויס, אז דאס מיינט דער פסוק: כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' צבקות הוא, זאגן דערויף די מפרשים, אז די כוונה פון דעם מדרש איז, דאס בשעת דער כהן גדול האט זיך געפונען אין קודש הקדשים האט ער געדארפט זיין אין דער מדריגה פון התפשטות הגשמיות, און ממילא איז ער דאן מער נישט געווען אין דער בחינה פון א מענטש.

אין יאהר תרצ"ב, ווען דער רבי זי"ע האט באזוכט אין ירושלים ביים עלטסטן פון די מקובלים, דער צדיק און קדוש רבי חיים שאול דוויק זצ"ל, האט אים דער רבי זי"ע דאן, צווישן אנדערע, געזאגט, דאס פון דעם אויבנדערמאנטן מדרש לערנען מיר, אז אין דער צייט וואס דער כהן גדול האט געטהון זיין עבודה אין קודש הקדשים, איז ער געווען אין דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות און ער ווערט נישט אריינגערעכנט אין דעם כלל פון פסוק "וכל אדם לא יהיה באוהל מועד".

און פונדעסטוועגן, דוקא דאן, אין דער צייט וואס ער איז נישט געווען אין דער בחינה פון א מענטש, אויף וואס האט דער כהן גדול געבעטן? וואס איז געווען זיין תפלה אריינקומענדיג אין היכל? —



רבי חיים שאול הכהן דוויק
תרי״ז — ב׳ ניסן תרצ״ג
RAV CHAIM SHAUL DWECK

# רבי חיים שאול דוויק

אויף די מאטריאליסטישע געברויכן פון אידישן פאלק, ווי עס ווערט דערמאנט אין מוסף פון יום כפור: שתהא שנה זו כו׳ גשומה, ושלא יצטרכו עמך בית ישראל לפרנסה זה לזה וכו׳ ושיתנו עצי השדה את תנובתם וכו׳ — אז דאס יאהר זאל זיין רעגנדיג, דער אידישער פאלק זאל נישט דארפן אנקומען צו פרנסה איינער צום אנדערן, די בוימער זאלן געבן גוטע פרוכט א.א.וו.

דאס איז געווען דער אינהאלט פון זיינע קורצע רייד, וועלכע האבן אבער א טיפן דערהער.

וואס לערנען מיר פון דעם דאזיגן שמועס? מיר זעהען דא די מוראדיגע גרויסקייט פון דעם רבין זי״ע מיט זיינע העכערע באגריפן. נישט ווילנדיג האט דער רבי זי״ע זיך אליין אויסגעטייטשט אין דעם דאזיגן שמועס.

פונקט אזוי איז געווען דעם רבינס הויכקייט, פון איין זייט איז ער געווען אינגאנצן אויסגעטהון פון גשמיות, זיין געזיכט איז געווען ווי א פלאם פייער, ״ער איז נישט געווען אין דער מדריגה פון קיין מענטש״, און אין דער זעלבער צייט איז זיין הארץ געווען וואך צו אלע מענטשליכע געברויכן, סיי גייסטיג סיי מאטריאליסטיש, ער האט מיטגעפיהלט דעם צער פון יעדן אידן, עס האט איהם ווי געטהון פון יעדן פארביטערטן מענטשן וואס נויטיגט זיך אין הילף, ער האט פאר יעדערן מתפלל געווען און צוגעוואונטשן, דאס האט יעדער איינער געפיהלט, צו ער איז אריינגעקומען צום רבין מיט א קוויטל אדער אן א קוויטל, ווי נאר ער האט אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ פארן רבין זי״ע, האט ער באלד געפיהלט א דערלייכטערונג, ווי דער רבי נעמט אנטייל אין זיינעליידן, מען האט באלד געפיהלט ווי דער רבי זי״ע איז אין דער בחינה פון ״עמו אנכי בצרה״, און דער דאזיגער געפיהל פאר זיך אליין האט שוין געווירקט און אריינגעבלאזן א לוסטיגן גייסט אין דעם דאזיגן מענטשן וועלכער נויטיגט זיך אין הילף און מיינט אז די גאנצע וועלט איז איבער איהם פינסטער געווארן.

דער רבי זי״ע האט געטראגן אויף זיין ריינע הארץ די ליידן פון דעם כלל און פון דעם פרט, ער איז געווען דער פאטער פון אידן, זייער הארץ. טראץ דעם וואס ער איז געווען אפגעזונדערט פון אלע וועלטליכע גענוסן, טראץ דעם וואס זיין הייליגקייט איז געווען זייער הויך און איבערגעשטיגן די אלע מענטשן פון זיין דור, זענען זיינע אויערן געווען צוגעהארכט צו די פיהלע געברויכן פון פאלק, מתפלל געווען פאר זיי און ערוועקט אויף זיי רחמים, געטראגן אויף זיינע פלייצעס זייער שווערן לאסט ווי א אם טראגט דאס קינד.

אויפן פסוק ״וירא בסבלותם״ טייטשט רש״י, ער האט צוגעלייגט זיינע אויגן און הארץ און געפיהלט מיט זיי מיטלייד, ״ויגדל משה ויצא אל אחיו״ — דוקא דאן, ווען ער איז גרויס געווארן, איז ער ארויס צו זיינע ברידער, און מיטגעפיהלט זייערע ליידן — וירד משה מן ההר אל העם — — —

*

ווען דער רבי זי״ע האט זיך געפונען אין לאנדאן, האב איך אמאל געזען ווי א ירושלימער איד וועלכער האט דאן געוואוינט אין לאנדאן, איז אריינגעקומען צום רבין צוזאמען מיט זיין קינד וועלכער איז געווען פאראליזירט אויף א טייל פון זיין קערפער. דאס קינד איז געקראכן אויף די הענד און די פיס. דער רבי זי״ע האט צוגעקוקט צו די ליידן פון קינד און ער האט עס נישט געקענט אויסהאלטן, זיין הארץ איז פוהל געווארן מיט צער, זיין געזיכט איז פארענדערט געווארן, און ער האט פשוט געציפט זיין אייגענער הייליגע לייב פון גרויס עגמת נפש, די אלע אנוועזנדע זענען געשטאנען פארוואונדערט צוקוקנדיג ווי טיף עס האט באריהרט דעם רבין און ווי גרויס עס איז זיין צער צוזעהענדיג די ליידן פון קינד.

*

איינמאל אין כ״א כסלו, דער טאג וואס דער רבי זי״ע איז בעפרייט און געראטעוועט געווארן, בין איך געפאהרן צוזאמען מיט דעם ראש בית דין, הגאון הצדיק רבי דוד יונגרייז זי״ע קיין בני ברק, זיך צו באטייליגן אין דעם יום טוב פייערונג וואס האט דארטן געדארפט פארקומען, אין דער גאנצע צייט פון דער רייזע פון ירושלים קיין בני ברק האט רבי דוד נישט אויפגעהערט צו באוואונדערן די גרויסע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטהון אראפשיקנדיג אויף דעם דור דעם רבין זי״ע, וועלכער איז אויך אין די פריהערדיגע דורות געווען א מוסטער.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין בני ברק, איידער מיר האבן אפגעשטיגן פון דער טאקסי, האט רבי דוד פארענדיגט זיין שמועס מיט קורצע ווערטער, ער האט מיר דאן אזוי געזאגט:

— קוקט אריין אין דעם חתם סופר אין דער סדרה כי תשא, ווי אזוי ער באצייכנט דאס וועזן פון א מנהיג ישראל, וועט איהר וויסן דערפון צו שעצן די גרויסקייט פון רבין.

איך האב נאכגעזוכט און געפונען פאלגענדע ווערטער:

״דאס איז די גרעסטע מדרגה צו זיין שטענדיג באהעפט אין באשעפער, און אין דער זעלבער צייט צו אנפיהרן מיט דער הייליגע שאף און ג־טליכע געמיינדע, אויך מיט וועלטליכע זאכן, נישט יעדער מנהיג און פאסטאך איז דערצו זוכה, דאס בשעת ער האנדלט און איז פארנומען מיט עולם הזה׳דיגע ענינים זאל ער פונדעסטוועגן זיין אין די העכסטע מדרגה פון דביקות אין ג־ט ברוך הוא.

— און דערמיט — שרייבט ווייטער דער חתם סופר — קען מיין פארטייטשן דעם פסוק ״וראה כל העם אשר אתה ׳בקרבו׳״ — דורך דעם וואס דו געפינסט זיך שטענדיג ״צווישן זיי״, וועלן זיי זעהן און פארשטעהן די גרויסקייט פון דעם באשעפער.

ווען יעקב אבינו האט זיך צוריקגעקעהרט פון לבן, האט צו איהם דער מלאך געזאגט: ״כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל״ — ער האט דערמיט געמיינט צו זאגן, אז יעקב אבינו איז געווען



דער רבי זי"ע אויף א מסיבה פון כ"א כסלו



פון לינקס: רבי דוד יונגרייז, אין א שמועס מיט רבי ישראל מאיר גוטליב

באהעפט אין ג־ט אויך דאן ווען ער האט געהאנדלט מיט מענטשן, מיט וועלטליכע זאכן, ער איז נישט אראפ פון זיין הויכקייט און איז געבליבן דער אויסדערוועהלטער פון די אבות וועמענס בילד איז אויסגעקריצט אונטערן כסא הכבוד.

די בני חת האבן געלויבט אברהם אבינו אז ער שטעהט אויף די העכסטע שטופע, זיי האבן צו איהם געזאגט: "נשיא אלקים אתה בתוכנו" — טראץ דעם וואס דו ביסט אויסגעקאכט מיט מענטשן און דו האנדלסט מיט זיי, ביסטו פארט דערהויבן און דו ביסט דאן אויך א נשיא אלקים, דאס מיינט: נשיא אלקים אתה — בתוכנו — טראץ דעם וואס דו ביסט צווישן אונז.

דאס מיינט אויך דער פסוק: "ודבר ה׳ אל משה פנים אל פנים ושב אל המחנה" — דאס אלעס איז געשעהן אין דעם זעלבן מאמענט, אין דער זעלבער מינוט, דאס רעדן פון ג־ט מיט איהם און זיין צוריקקעהרן צו דער מחנה, זענען געווען ביי איהם אין דער זעלבער מדריגה, עס איז איהם גאנץ לייכט געווען און ער האט נישט געדארפט האבן דערצו קיין בעזונדערע צוגרייטונג אדער פונאנדערטיילונג.

— אזא מענטש — פיהרט אויס דער חתם סופר — איז ווירקליך דער פאסיגסטער צו זיין א פיהרער און א געטרייער פאסטאך פארן פאלק.

דאס געלונגענע פארשטעלונג פון דעם חתם סופר שטימט מיט דעם געשטאלט און הויכקייט פון דעם רבין זי״ע, ער איז געווען באהעפט אין באשעפער פון דעם טאג וואס ער איז אראפגעקומען אויף דער וועלט — י״ח טבת תרמ״ז — ביז די מינוט וואס ער האט פארלאזן די וועלט — כ״ו אב תשל״ט — און אין איין און דער זעלבער צייט האט מען געזעהן ביי איהם דער "וראה כל העם אשר אתה בקרבו" — אנגעפיהרט מיטן דור, געלערנט תורה מיט גרויס און קליין, זיך צוגעשטעלט צו יעדער פראבלעם וואס אנבעלאנגט צו תורה פערהאלטונג, מתפלל געווען צום אויבערשטן מיט די גרעסטע כחות אויף יעדער צרה זאל נישט אנקומען, זיין האנד איז געווען



רבי משה סופר, דער חתם סופר

אויסגעשטרעקט צו יעדע צובראכענע הארץ און פארביטערטער מענטש, און זיין אויג האט געבליקט און געוועזן וואכזאם איבער אלץ וואס געשעהט און קומט פאר ביי דעם אידישן פאלק איבער גאר דער וועלט, און די ליכט פון זיין ווירקונג האט געשיינט אין אלע עקן פון דער וועלט, עס איז נישטא קיין געזעלשאפט אדער געמיינדע אויף וועלכן עס האט נישט געשיינט די זון פון זיין תורה און לעהרע. און אויך די יעניגע וועמענס אויגן זענען געווען פארשטעלט פון צו זעהן די שטראלן, די וואס האבן נישט זוכה געווען זיך צו דערווארעמען אין זיין ליכט, אויך אויף זיי האט געשיינט זיין ליכטיגע זון און פון אונטער זייער באוואוסטזיין האבן זיי זיך געשפייזט פון דעם דאזיגן באהאלטענעם ליכט.

מען קען זאגן עפנטליך: אויב עס געפינט זיך אין היינטיגן פינסטערן דור, א איד וואס פארמאגט א ריינע אמונה און עס איז נישט אנגעקלעפט אויף איהם קיין פלעק פון ציונות און ער גלויבט באמונה שלמה, אז די גדולים פון פריהערדיגן דור וועלכע האבן זיך אפגעזאגט פון ציונות און איהר פערפאלגט זענען געווען גערעכט. אויב עס געפינען זיך היינט אזעלכע אידן און עס איז נישט וויכטיג וואו, צו אין ירושלים אדער א אנדער שטאדט, צו אין ארץ ישראל אדער חוץ לארץ, צו עס איז אין רוסלאנד אדער אין ארגענטינע א.א.וו. — איז עס נאָר א דאנק די ווירקונג פון רבין זי״ע, וואס אין דער צייט ווען די גאנצע וועלט איז געווען אויף איין זייט, איז ער געווען פון דער אנדער זייט.

★

דער צדיק און קדוש רבי חיים אלעזר שפירא זצ״ל, דער מונקאטשער רב, דער "מנחת אלעזר" זי״ע, האט געשיקט א בריוו צו דער "עדה החרדית" אין ירושלים, אין יאהר תרצ״ב, נאכדעם וואס דער גאון און צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל איז נסתלק געווארן, און ער לייגט דארטן פאר צו אויפנעמען אנשטאט איהם, דעם רבין זי״ע, וועלכער איז דאן געווען רב אין קראלע, ער שרייבט



דער מונקאטשער רבי, רבי חיים אלעזר שפירא

אין ברייו דאס דער רבי זי"ע איז בכח צו מטהר זיין די גאנצע לאנד פון דן ביז באר שבע.

דער מנחת אלעזר האט גאר נישט איבערטריבן, פארקערט, מיר זעהען היינט דאס דער רבי זי"ע האט אויפגעטהון צו בעלייכטן די אויגן פון אידן נישט נאר פון דן ביז באר שבע, נאר פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן, די אלע וואס זענען פארגיפטעט געווארן מיט דער ציאניסטישער גיפט, די ווייטע און פארשטויסענע, ווי נאר זיי קוקן אריין אין די ספרים פון רבין, אדער זיי הערן זיך צו צו זיינע היילינע רייד און זיי ווערן געהיילט.

★

איך געדענק, עס איז געווען נאך די זעקס טעגיגע קריג, ווען די מאסן, בעזונדער אין ירושלים, זענען ארויס פון די כלים, פארשיכורט פון דעם גרויסן זיג. די ציאניסטישע ווירקונג און דאס באוואוסטזיין פון כחי ועוצם ידי האט כמעט ווי אלעמען פערכאפט. געהט צו צו מיר א טייערער איד, פוהל מיט התפעלות פון דעם גרויסן נצחון און ער זאגט מיר: רבי יוסף, איך מיין, דאס די רבנים וואלטן געדארפט באשטימען א נייעם פורים אלס אנדענק פון דעם גרויסן נצחון. ער האט עס געזאגט מיט גרויס תמימות, אט דער איד איז גראדע געווען א גרויסער ירא שמים און שטארקער מתמיד.

אזוי איז דאן געווען די שטימונג. אלע זענען געווען צוטומלט, א גייסטיגע צומישונג האט זיך פארשפרייט איבער דער גאנצע וועלט, און ווער האט דאן אפגעהאלטן די דאזיגע עפידעמיע? ווער האט זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין גאנצער הויך ביים טויער פון דער וועלט אין אנגעשריען אויף דעם שטן: שטעל אפ! — דער רבי איז עס געווען, און אויך דאן איז ער געווען איינער אליין.

אין אנהויב האבן זיך אלע געוואונדערט פארוואס ער וויינט אין דער צייט וואס אלע שאלן און יובלען, וואס ער מיט זיינע לויטערע אויגן איז אזוי פעסימיסטיש געשטימט אין דער צייט ווען אלע טאנצן און פאטשן מיט די הענד, פאדוואס ער קלאגט און יאמערט

ביי דער סעודה שלישית פון יענעם שבת ווען די גאנצע וועלט לאזט זיך ארויס איבער די גאסן צו טאנצן און שפרינגען, די שנאה צו סאטמאר איז דאן געווען מורא׳דיג, די צייטונגען האבן איהם באשמוצט, די שרייבער האבן בעפאלן און די נאציאנאלע האבן געשפיגן אויף אונז.

יאהרן זענען אריבער, די מאסן האבן זיך אויפגעניכטערט פון זייער פארשכורטקייט, זיי האבן איינגעזעהן ווי ווייט ריכטיג עס איז געווען דעם רבינס ווייטער קוק, ווי אזוי מען האט איהם געדארפט באלד פאלגן.

״רבי יהושע בן לוי זאגט, ווען די אומות העולם וואלטן געוואוסט וואס פאר א נוצן זיי האבן פון דעם משכן און בית המקדש. וואלטן זיי ארום געשטעלט וועכטער עס צו היטן״ (תנחומא פר׳ תרומה)

ווען די מענטשן פון דער וועלט וואלטן פארשטאנען וואס פאר א שפע האט דער רבי משפיע געווען אויף דער גאנצער וועלט, ווען זיי וואלטן געמאכט פאר זיך א חשבון הנפש וויפל קדושה, וויפל טהרה, וויפל גליק דער רבי זי״ע האט צוגעטיילט פארן גאנצן כלל ישראל, און ווי ווייט די וועלט איז טונקל געווארן מיטן אונטערגעהן פון זיין זון און זיין אויפשטייגן אין הימל — וואלטן אלע ארויס אין די מאסן צו דעם הייליגן ציון, און זיך מתוודה געווען וואס זיי האבן נישט צוגעהערט צו זיין ווארנונג און זיך נישט גערעכנט מיט זיינע רייד, ווען זיי וואלטן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און געגאנגען אין זיין וועג, וואלטן זיי ביי היינטיגן טאג נישט געווען פערכאפט אין די הענט פון די ציונים און פארקויפט צו דער ציאניסטישע רעגירונג, זיי וואלטן זיך נישט געדארפט בוקן פאר דער געטשקע פון דער כנסת מיט איהרע מיניסטארן און בעטן ביי זיי שטיצע־ברעקלאך פאר די תורה אנשטאלטן אין ארץ ישראל, אך און וויי צו וואו מיר זענען דערגאנגען, אז די תורה־אנשטאלטן דארפן אויסקוקן צו דעם פארשמוצטן טיש פון דער כנסת און אויסהאלטן די אנשטאלטן דורך אזעלכע ג־ט לעסטערער וועלכע רייסן אויס די הייליגע תורה.




**דער ציון פון רבין זי"ע**

הלואי וואלטן די אלע, וואס פיהרן אן די מוסדות באקומען אביסל פערשטאנד און עס באגריפן.




**דער רבי זי"ע**

## פופצנטער קאפיטל

# נגלה און נסתר

ביי דער פראבע פון קבלה — בקיאות אין זוהר — שלעכטע חלומות — אלע כתבי האריז״ל

ווען דער רבי זי״ע איז אמאל געווען אין לאנדאן אויפן וועג קיין ארץ ישראל, איז אריינגעקומען צו איהם הר״ר ישעי׳ רעטעק הי״ו און זיך פארקלאגט פאר איהם, אזוי ווי זיין שוואגער, הרה״ג רבי חיים ערלאנגער שליט״א וואס וואוינט אין דער שטאדט לוצערן, אין שווייץ, האט זיך אינגאנצן אריינגעטהון אין לערנען קבלה און נסתר, און וויבאלד ער איז נאך זייער יונג, בעט ער דעם רבין זי״ע ער זאל איהם אפהאלטן פון צו לערנען און איהם אויסריידן דערויף.

דער רבי זי״ע האט באלד געשיקט רופן צו איהם רבי חיים ערלאנגער, זיך פארשפארט מיט איהם ארום אנדערהאלבן שטונדן, און איהם פרובירט אין קבלה און נסתר. באלד ווי רבי חיים האט פארלאזן דעם צימער פון רבין זי״ע, איז רבי ישעי׳ רעטעק אריינגעקומען און געוואלט הערן דעם רעזולטאט פון דעם שמועס.

ווי ערשטוינט איז ר׳ ישעי׳ געווארן ווען ער האט געהערט פון רבין זי״ע זיין קלאהרן פסק, אין וועלכן ער האט ערקלעהרט: איך האב איהם פארהערט און איינגעזעהן, אז פאר איהם איז עס טאקע צוגעפאסט און ער קען רוהיג ווייטער לערנען תורת הנסתר!

דער מקובל רבי חיים ערלאנגער שליט״א האט מיר שפעטער דערצעהלט, דאס אין די שטונדע וואס ער איז געשטאנען ביים רבין אויף דער פראבע, איז ער ממש געבליבן ערשטוינט צוזעהענדיג ווי אזוי דער רבי זי״ע איז קלאהר אויסנווייניג אויפן לשון די אלע שריפטן פון אריז״ל, דעם זוהר און די אלע אנדערע קבלה ספרים.

*

דער רבי זי״ע האט געהארעוועט און זיך באמיהט אלע יאהרן צו בעהאלטן זיין גרויסע ידיעה אין חכמת הנסתר, צו פארשטעלן פאר די אויגן פון די מענטשן פון זיין דור די קבלה קוואלן וואס האבן

גערוהט און געשפרודלט אין זיין הייליגן מוח, און אז קיין געהיימניש איז פאר איהם נישט פארשוואונדן — אבער עס האט זיך איהם נישט איינגעגעבן געגצליך צו בעהאלטן זיין קראפט און גרויסקייט אין די סודות התורה, און שוין אין יאהר תרצ״ב, ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל אויף א בעזוך, און געפאהרן קיין ירושלים און מירון, האבן די מקובלים דאן אויפגעכאפט זיין טיפער וויסן אין אזעלכע בעהאלטענע זאכן.

*

עס האט מיר דערצעהלט הרב החסיד רבי שלמה אליעזר מרגליות (דער זון פון דעם ירושלים׳ער מקובל רבי אשר זעליג זצ״ל): ווי בעקאנט איז דער רבי זי״ע געווען אין יאהר תרצ״ב איבער א וואך צייט אין מירון, זיך משתטח געווען אויף די הייליגע ציונים פון רבי שמעון בן יוחאי און זיין זוהן רבי אלעזר א.א.וו. מתפלל געווען און מייחד געווען יחודים.

זייענדיג אין דער מערה צוזאמען מיט א גרופע חסידים וועלכע זענען געקומען מיט איהם פון ירושלים און טבריא, האט דער רבי ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז אויך דער רמב״ם און אויך רש״י האבן געקענט דעם הייליגן זוהר, און טראץ דעם וואס עס איז דאן נאך נישט געווען בעקאנט, אבער זיי איז געווען בעקאנט די ווערטער פון דעם זוהר.

אלס ביישפיל, האט דער רבי זי״ע דאן געבראכט א ראיה, אז דער רמב״ם האט זיך גענוצט מיט די רייד פון דעם זוהר הקדוש ווי פאלגענד:

אין דער מצוה פון ״אל תצר את מואב״, אין חומש דברים, איז דא א מחלוקת פון דעם רמב״ם מיט דעם רמב״ן (זעה דעם רמב״ם אין ספר המצות שורש ג און דער רמב״ן דארטן אין די השמטות, און אין תוס׳ בבא קמא דף ל״ח). די שיטה פון דעם רמב״ם איז, דאס די מצוה איז נאר געזאגט געווארן צייטווייליג אבער נישט פאר די שפעטערדיגע דורות און דעריבער רעכנט ער עס נישט צווישן די תרי״ג מצות. דאגעגן די שיטה פון דעם רמב״ן איז דאס די מצוה איז נוהג אויך פאר די שפעטערדיגע דורות.



דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון רבי אשר זליג מרגליות אין מירון



די אלטע שול אין מירון

אלע וואונדערן זיך אויפן רמב"ם, פון וואנען נעמט ער עס צו זאגן אז אט די מצוה איז נאר געזאגט געווארן אויף יענע צייט און נישט פאר די שפעטערדיגע דורות?

האט דער רבי זי"ע דערויף געזאגט, דאס עס איז זיכער ביי אים, אז דער רמב"ם האט געוואוסט פון דעם זוהר הקדוש וואו עס שטעהט מפורש אזוי, ווי דער זוהר זאגט אין בלק (דף קצ):

"פתח ואמר, ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב וגו' — ויאמר ה' אלי, וכי עד השתא לא ידענא דעם משה הוה ממלל קוב"ה ולא עם אחרא, דכתיב ויאמר ה' אלי, אלי למה?

אלא למשה פקיד קודשא בריך הוא דלא לאבאשא למואב אבל לאחרא לא לדוד לא פקיד וכו'.

דער זוהר הקדוש פרעגט א קשיא אויפן פסוק, פארוואס שטעהט אין פסוק אז משה רבינו זאגט, דאס דער אויבערשטער האט צו איהם געזאגט, ער זאל זיך נישט טשעפען מיט מואב, און ביז אהער מיט ועמען האט דען דער אויבערשטער גערעדט. נישט מיט משה רבינו נאר מיט פרעמדע?

נאר דער פסוק קומט אונז לערנען, אז נאר צו משה רבינו האט דער אויבערשטער אנגעזאגט דעם "אל תצר את מואב" און נישט צו קיין אנדערע, צו דוד'ן האט ער עס נישט באפוילן א.א.וו.

דאס זעלבע איז אויך מיט רש"י וועלכער שרייבט אין זיין פירוש כמעט די זעלבע ווערטער פון דעם זוהר הקדוש, ווי פאלגענד:

די גמרא זאגט אין שבת (דף קיח) אמר רבי יוסי יהא חלקי מגומרי הלל בכל יום, איני והאמר מר הקורא הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף, כי קאמרינן בפסוקי דזמרה. — רבי יוסי זאגט, זאל איך האבן א טייל מיט די וואס ענדיגן הלל יעדן טאג. פרעגט די גמרא, מיר האבן דאך געלערנט אז דער וואס זאגט הלל יעדן טאג איז ער ווי איינער וואס לעסטערט און שפעט אפ, וויל די ערשטע נביאים האבן עס אויסגעשטעלט צו זאגן אין בעזונדערע צייטן אלס

לויב און דאנק, אבער דער וואס זאגט עס שטענדיג, נישט צו דער צייט, זעהט עס אויס ווי ער שפאט אפ, ענטפערט די גמרא אז רבי יוסי מיינט נאר די פסוקי דזמרה. זאגט דערויף רש״י, דאס מען מיינט דא די צוויי מזמורים פון די הללוי־ה׳ס, הללו את ה׳ מן השמים, און הללו ק־ל בקדשו.

פון וואו נעמט עס רש״י צו זאגן אז רבי יוסי מיינט פונקט אט די צוויי מזמורים? און פארוואס האט רש״י איבערגעהיפט אויף דעם מזמור הללו שירו לה׳ שיר חדש וואס איז צווישן די צוויי אויבנדערמאנטע מזמורים?

איז אבער זייער אינטרעסאנט ווען מען קוקט אריין אין זוהר הקדוש (פר׳ פקודי דף רלב) וואו עס ווערט געזאגט: ״הללוי־ה הללו את ה׳ מן השמים וגו׳, תא חזי תושבוחתא דא אמר דוד לקבל רזא דשמא קדישא דאיהו כללא דתושבחתא דכלה תרין תושבחן אינון כגונא דרגא דשמא קדישא עלאה, דא׳יהו כללא דתושבחתא דכלא, דכתיב הללוי־ה הללו א־ל בקדשו״ — אט דא ווערט מפורש געזאגט אין זוהר הקדוש, אז די צוויי מזמורים פון הללו את ה׳ מן השמים און הללו א־ל בקדשו, זענען די גרעסטע לויב ווערטער פארן אויבערשטן. דאס זעלבע איז אויך אין דער גמרא תענית (דף ה) וואו עס ווערט געזאגט אז יעקב אבינו לא מת, און די גמרא לערנט עס ארויס פון א פסוק ואתה אל תירא עבדי יעקב נאם ה׳ ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים, און די גמרא פיהרט אויס: מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים, אבער רש״י אויפן ארט פערטייטשט, דאס יעקב וועט אויך קומען אין גלות כדי מען זאל אויסלייזן זיינע קינדער פאר זיינע אויגן, און אט די זעלבע ווערטער ממש, ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש שמות דף נג.

*

עס האט מיר דערצעהלט הרב החסיד רבי אורי ראזנבערג ע״ה, וועלכער איז געווען א מלמד אין דער תלמוד תורה פון שומרי החומות, די פאלגענדע מעשה: ווי עס איז באקאנט האט דער רבי



רבי אורי רוזנבערג אין ישיבת המתמידים



מירון

זי״ע, זייענדיג אין ארץ ישראל אין יאהר תרצ״ב, אויך געפאהרן קיין מירון זיך צו משתטח זיין אויף די קברי צדיקים, און ער האט פארברענגט אין דער מערה פון רבי שמעון בר יוחאי מיט רבי אלעזר ברבי שמעון אייניגע טעג. צוזאמען מיט איהם זענען דאן מיטגעפאהרן פון די נקיי הדעת פון ירושלים, צווישן זיי אויך דער אויבנדערמאנטער רבי אורי.

איינמאל, ווען דער רבי זי״ע האט זיך געפונען אין דער מערה, איז צוגעגאנגען צו איהם א ספרדי׳שער איד און זיך פארקלאגט, דאס ער חלומ׳ט זיך זייער אפט שלעכטע חלומות אויף וועלכן מען דארף פאסטן. און ער האט דערפון גרויס צער, ווייל מערסטנס קומט אויס ביי איהם אז די שלעכטע חלומות קומען צו איהם אין פרייטאג צו נאכטס. ער איז זייער פארלוירן און קען זיך נישט קיין עצה געבן. דער ספרדי׳שער איד האט אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ פאר דעם רבי׳ן זי״ע, ער זאל אוועקנעמען פון איהם דעם דאזיגן אומגליק און מתפלל זיין פאר איהם אז די שלעכטע חלומות זאלן מעהר נישט קומען צו איהם.

פרעגט איהם דער רבי זי״ע צו ער איז געווארנט צו עסן שבת די סעודה שלישית? ענטפערט איהם דער ספרדי׳שער איד, דאס ער עסט שבת נאר צוויי סעודות, אבער די סעודה שלישית עסט ער נישט ווייל ער האט נישט קיין אפעטיט ביז מוצאי שבת קודש.

— דו זאלסט נעמען אויף דיר — האט צו איהם דער רבי געזאגט דורך דער פארמיטלונג פון רבי אורי — דאס פון היינט און ווייטער וועסטו נישט פארפעלן צו עסן אויך די דריטע סעודה פון שבת, דו זאלסט עסן שבת אלע דריי סעודות, וועלן די שלעכטע חלומות זיך פון דיר אפקעהרן.

וואס האט זיך אויסגעלאזט פון דער דאזיגער מעשה איז אונז נישט בעקאנט. עס לייגט זיך אויפן שכל דאס דער ספרדי׳שער איד האט אויסגעפיהרט דעם רבי׳נס ווערטער און מיר ווייסן דאך אז צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים, זענען די שלעכטע חלומות

געוויס מעהר צו איהם נישט געקומען און זיי האבן איהם אויפגעהערט צו באלעסטיגן.

עס איז אבער ביים עולם דאן געווען א גרויסער וואונדער, וואס פאר א שייכות האט דאס עסן דריי סעודות אום שבת צו שלעכטע חלומות? וואס פאר א סארט סגולה איז דאס, פון וועלכן קיינער האט דערפון ביז דאן נישט געהערט. דאס איז אבער געווען זיכער אז דער רבי האט נישט גערעדט סתם אין דער וועלט אריין און יעדעסווארט וואס קומט ארויס פון רבי׳ן זי״ע מויל האט א מקור אדער אין תורת הנגלה אדער אין תורת הנסתר, פון וואו זשע נעמט זיך טאקע אט די סגולה?

איז איינער פון די טברי-ה׳ער איינוואוינער אוועק און דערצעהלט פון די דאזיגע עובדא פאר דעם גאון און צדיק רבי משה קליערס זצ״ל, דער טברי-ה׳ער רב, וועלכער האט נאכגעפאלגט מיט גרויס עהרעפורכט נאך יעדעס ווארט און באוועגונג פון דעם רבין זי״ע. האט רבי משה דערויף געענטפערט אז דער מקור צו די רייד פון דעם קראלער רב געפינט זיך אין זוהר הקדוש.

האבן די תלמידי חכמים פון טברי-ה דורכגעבלעטערט דעם זוהר הקדוש ביז וואנען זיי האבן צוגעקומען צו דער אדרא זוטא ביי האזינו (רפ״ח סע״ב) און דארטן געפונען ווי פאלגענד: ״רבי שמעון זאגט, איך זאג עדות אויף מיר דאס איך האב נאך ביי מיין לעבן קיינמאל נישט מבטל געווען צו עסן שבת אלע דריי סעודות און דערפאר האב איך נישט געדארפט אנקומען צו פאסטן אום שבת.

האט זיך דער גאון רבי אשר שולמן אויפגעשטעלט און אויסגערופן: איך האב אויך נאכגעזוכט צו געפינען א מקור צו די רייד פון דעם קראלער רב און איך האב געטראפן אין מגיד מישרים פון דעם בית יוסף אין פרשת צו (אור ליום ג׳ של פסח) וואו דער מגיד האט איהם געזאגט: ״דו האסט נישט געדארפט פאסטן אום שבת צוליב א חלום, ווייל דו האסט מקיים געווען צו עסן אלע דריי סעודות״.

האט זיך אנגערופן איינער פון די אלטע חשובע אידן אין

טברי-ה און געזאגט: אז דער קראלער רב קען אויסנווייניג דעם זוהר הקדוש מיט דעם ספר מגיד מישרים און אלע כתבי האריז״ל, איז עס ביי מיר גאר קיין וואונדער נישט, אבער דאס וואס דער צדיק האט געוואוסט צוצוטרעפן דאס יענער ספרדישער איד וואס ווערט געשטערט פון שלעכטע חלומות, עסט נישט די דריטע סעודה אום שבת, דאס וואונדערט מיר יא.

רופט זיך אן דער גאון און צדיק רבי משה קליערס און זאגט: אויך דאס וואונדערט מיר נישט, ווייל עס ווייזט אויס דאס איהר האט נישט קיין שום באגריף ווי ווייט עס דערגרייכט די גרויסקייט פון דעם קראלער רבי׳ן.

יעדער מיטגליד פון דער כנסת, איידער ער געהט אריין צו ווערן א מיטגליד, דארף פריהער שווערן אויף דער עקזיסטענץ פון דער קעניגרייך מיט איהרע געזעצן, און אט די שבועה אליין איז פיהל ערגער ווי דער וואס איז מודה אין עבודה זרה, ווייל דער וואס איז מודה אין עבודה זרה איז עס נישט מעהר ווי גערעדט, אבער דא איז ער מודה מיט א שבועה.

(ויואל משה עמוד קד)

עס איז שוין א בעקאנטע זאך און אויך די חז״ל ערקלעהרן עס אין פיהל ערטער, דאס מען טאר נישט לויבן די רשעים און זיך נישט באהעפטן מיט זיי, און קיין מענטש האט דערין קיינמאל נישט געצווייפלט, און אודאי געוויס אויף די רשעים פון היינטיגע צייט וועלכע זענען אויסגערופן אין זייער רשעות צו אראפפירן פון אידישן וועג, און זיי קומען מיטן קראפט פון זייער הערשאפט און צווינגען דערצו. זיי האבן שוין ארויסגעגעבן פיהל שלעכטע גזירות און זיי גרייטן זיך נאך אויף ווייטער צו ארויסגעבן נייע גזירות, איז עס געוויס אז אויב מען שטארקט זיי און מען טיילט זיי צו כבוד און צו זייערע אויפטוהונגען, פעראורזאכט מען דערמיט א גרויסע שלעכטס.

(על הגאולה עמוד לא)



**רבי אשר שולמן**



רבי משה הליערס



פון רעכטס: רבי מרדכי סלונים, רבי משה קליערס, דער ערשטער לינקס: רבי
אשר שולמן

זעכצנטער קאפיטל

# פיהל גרעסער

אן דעם שולחן ערוך איז מען נישט קיין גדול — א ווייטע מחלוקת — טהרה פאר אלעמען — א מקור פון דער גמרא זיך צו ראטעווען פון שווערד

איינער א אייגנטימער פון א ספרים געשעפט וועלכער האט זיך געפונען אין פאר ראקאוועיי, אין ניו יארק, האט אין זיין ספרים געשעפט פארקויפט אויך נישט קיין כשרע ספרים. האט מען איהם אמאל אויסגעמוסרט פארוואס ער טהוט אזא זאך, וואו ער איז א מחטיא את הרבים. דער אייגנטימער וועלכער איז אויך געווען א איד א תלמיד חכם, האט געטענה'ט, דאס ער באגעהט נישט דערמיט קיין שום זינד, וויבאלד ער פארקויפט די ספרים נאר פאר אזעלכע אידן, וועלכע האבן זיך שוין דערווייטערט פון צו היטן די תורה. זיינע פריינד האבן נישט געוואלט אננעמען דעם תירוץ און זיי האבן געווירקט אויף איהם ער זאל געהן צו א באוואוסטן ראש ישיבה און איהם פרעגן צו ער מעג האלטן און פארקויפן אין זיין געשעפט נישט קיין כשרע ספרים.

דער אייגנטימער פון דעם ספרים געשעפט איז אריינגעגאנגען צו יענעם ראש ישיבה און ער האט געפסקנט דאס ער טאר זיי נישט פארקויפן. דער אייגנטימער האט אבער נישט אנגענומען דעם פסק און ער האט ווייטער געהאלטן אין זיין געשעפט נישט קיין עהרליכע ספרים און זיי פארקויפט, ער האט געטענה'ט דאס דערפון ציהט ער זיין עיקר פרנסה, און ווידער — האט ער געטענה'ט — יענער ראש ישיבה איז טאקע זייער א שארפער, זיינע שעורים זענען זייער טיפע, אבער וואס פאר א שייכות האט ער צו הלכה, ער האט דאך קיינמאל נישט געטהון אין דעם פאך.

אין זומער צייט, ווען דער אייגנטימער פון דעם ספרים געשעפט איז געקומען אויף דאטשע קיין שעראן ספרינגס, איז דארטן גראדע געווען אויך דער רבי זי"ע, איז יענער אריינגעגאנגען און פארגעלעגט פארן רבין די שאלה, דער רבי זי"ע האט אויפן ארט געפסקנט אז עס איז אסור.

דער אייגנטימער האט דערנאך דערצעהלט פאר דעם רבין זי"ע, דאס ווירקליך האט ער שוין אמאהל פארגעלעגט די שאלה פאר איינעם א גרויסער ראש ישיבה, אבער ער האט זיך נישט געוואלט פארלאזן אויף זיין פסק, ווייל ער האלט אז אויסער זיין גרויסן כח אין פלפול און זאגן שעורים, האט ער נישט קיין ידיעה אין שולחן ערוך און פוסקים.

דער רבי זי"ע האט איהם איבערגעהאקט אין מיטן רעדן און צו איהם געזאגט מיט גרויס הקפדה, אז עס קען אזוינס נישט זיין אויף קיין פאל, ווייל ווער עס איז א גדול אין תורה, האט געוויס געלערנט דעם שולחן ערוך מיט זיינע נושאי כלים, מיט די אלע מפרשים, עס איז א פאלשע מיינונג דאס מען קען זיין א גדול נישט קענענדיג דעם שולחן ערוך, אזא זאך וועט קיינמאל נישט זיין, דער וואס ווייסט נישט דעם שולחן ערוך, איז קיין גדול נישט...

יענער ספרים פארקויפער האט אבער געוואגט זיך קעגן שטעלן און אפווענדן די ווערטער פון רבין זי"ע, ער האט זיך אנגערופן: מיר זעהען דאך אז עס זענען געווען מחברים, גדולי תורה און פונדעסטוועגן האט מען גארנישט געהערט און געזעהן אויף זיי דאס זיי ווייסן עפעס אין הוראה.

— צום ביישפיל? — פרעגט איהם ווייטער דער רבי זי"ע מיט א הארבן טאן.

דער פרעגער האט גענומען שטאמלען ווי א צוטומלטער און געזאגט:

— לאמיר נעמען אלס ביישפיל דעם ספר שב שמעתתא, וועלכן איך קען איהם כמעט אויף אויסנווייניג, ער איז פול מיט חריפות און גאונות, און ער האט גאר קיין שייכות נישט צו קיין פסקים.

נאך איידער דער ריידנער האט געענדיגט זיינע ווערטער, האט זיך דער רבי זי"ע אויפגעהויבן פון זיין בענקל און אויסגערופן מיט פייער, ווי ער וואלט זיך אנגענומען פארן כבוד פון דעם שב שמעתתא:



דער רבי זי"ע אין ירושלים אין דער באגלייטונג פון רבי געצל בערגער

— ווער איז נאך אזוי גרויס אין הוראה ווי דער גאון רבי עקיבא איגער זצ״ל, און ער ברענגט אראפ הלכות פון דעם ספר שב שמעתתא.

— זיי אזוי גוט און גיב נאר א קוק — זאגט צו איהם דער רבי זי״ע — אין יורה דעה סי׳ ס״ט סעי׳ י׳ אין די חידושים פון דעם גאון רבי עקיבא איגער, ווי אויך אין די חידושים פון רבי עקיבא איגער אויף משניות טהרות (פ״ו מ״א) (דארטן ווערט געבראכט, אז דער שב שמעתתא פסקנט דאס א גוי וואס ווייסט פון אידישע דינים, איז נישט בעגלויבט ביי מסיח לפי תומו (נאר ביי עדות אשה).

דער רבי זי״ע האט נאכאמאל איבערגעחזרט זיינע ווערטער מיט מעהר פעסטקייט און געזאגט, דאס עס איז נישטא אזא מעגליכקייט מען זאל נישט קענען קיין הלכה און טראץ דעם זיין א גדול בישראל.

*

ווען דער רבי זי״ע איז געווען אין ירושלים אין יאהר תרצ״ב, איז געקומען צו איהם אויף א בעזוך א מורה הוראה א תלמיד חכם, וועלכער האט געהאט א שטעלע אין דער רבנות פון דער קהלה (וואס האט אנבאלאנגט צו רב קוק). דער תלמיד חכם האט עס נישט אנטפלעקט פארן רבין זי״ע, ער איז נאר געקומען נעמען א ברכה פון רבין זי״ע און באלד אוועקגעגאנגען.

נאכדעם וואס יענער מורה הוראה האט פארלאזן דעם ראזנבערג האטעל, וואו דער רבי זי״ע האט זיך אויפגעהאלטן, האט איינער פון די אנוועזנדע דערצעהלט פאר דעם רבין זי״ע, אז יענער תלמיד חכם איז א פערקויפטער ביי די רבנות הראשית, דער רבי זי״ע איז ערשטוינט געווארן צו הערן אזא זאך, דאס א תלמיד חכם וואס געהט חסידיש געקליידט, מיט א שיינעם זיידענעם ראק און שטאמט פון א חשובע פאמיליע, זאל געהן און זיך פארקויפן פאר א רב מטעם ?...

רופט זיך אן איינער פון די אנוועזנדע און זאגט: יענער תלמיד

חכם האט קיין שכל נישט, ער איז אין די מדרגה פון א שוטה, און וואס ער האט געטהון איז געווען אן פארשטאנד און נישט איבערגערעכנט...

דארטן איז אויך געווען אנוועזנד הר"ר אברהם יונגרייז ז"ל, רופט ער זיך אן צום רבין זי"ע און זאגט: איך דינג זיך מיט מיין חבר, איך זאג אז יענער תלמיד חכם איז גראדע א קלוגער און ווייט פון צו זיין א נאר, נאר די ארעמקייט האט איהם פערפיהרט און ער האט דעריבער נישט געקענטביישטעהן דעם נסיון.

רופט זיך אן דער רבי זי"ע און זאגט מיט א שמייכל: איך האב קיינמאל נישט געהערט אזא סארט מחלוקת, דאס איינער זאל זאגן אז יענער איז א קלוגער תלמיד חכם און דער אנדערער זאל זאגן אז ער איז גאר א תלמיד חכם א נאר, א מחלוקת אין דערווירקליכקייט...

— אבער — רופט זיך באלד אן דער רבי זי"ע — מיר געפינען איין מאל אין ש"ס אזא סארט מחלוקת צווישן רש"י און תוספות, וואו רש"י האלט אז יענער איז געוען א חכם און מורה הוראה און תוספות האלט אז ער איז געווען א שוטה...

(די מחלוקת פון רש"י און תוספות געפינט זיך אין עבודה זרה דף מ"ב ע"א).

*

אין א שמועס וואס הרה"ח רבי ברוך פעלדבראנד זצ"ל האט געהאט מיטן רבין זי"ע אין ירושלים, האט ער צווישן אנדערע דערמאנט איינעם פון די ירושלימער אידן וועלכער איז קאליע געווארן און רבי ברוך האט זיך דאן אויסגעדריקט: יענער איז "אין לו טהרה עולמית" — ער וועט זיך קיינמאל נישט קענען אפרייניגן.

רופט זיך אן דער רבי זי"ע און זאגט: מיט געפינען גארנישט אזא שטראף, אז א איד זאל זיך אויף אייביג נישט קענען אפרייניגן, פארקערט, די גמרא זאגט: הבא ליטהר פותחין לו — דאס מען העלפט יעדערן וואס וויל זיך צוריקקעהרן צום ריכטיגן וועג.



**רבי ברוך פעלדבראנד (הולמינער)**

— אזא שטראף — זאגט ווייטער דער רבי זי״ע — צו פארשליסן די טהרה טויערן פאר א אידן אלס א קנס, געפינען מיר נישט מעהר ווי איין מאל.

דער רמב״ם שרייבט אין הל׳ טומאת צרעת (פ״י) — ״מי שנקצצה בהרתו כולה, שלא בכוונה טהור, קצצה בכוונה, אם קצץ כל הבשר החי המקיפה, אפילו כחוט השערה, אין לו טהרה עולמית״ — דער וואס האט אפגעשניטן דעם גאנצן בהרת, אויב ער האט אפגעשניטן די גאנצע רויהע פלייש וואס רינגלט ארום דעם נגע, אפילו נישט מעהר ווי א האר, וועט אייביג נישט קענען ווערן טהור. זאגט דארטן דער כסף משנה אין נאהמען פון רבינו שמשון, אז דאס איז נאר א קנס.

אבער אויסער דעם — האט דער רבי אויסגעפיהרט — זענען די טהרה טויערן אפן פאר אלעמען, פאר וועמען וואס וויל זיך מטהר זיין, און דער אויבערשטער איז מטהר די אידן.

*

הרה״צ מוהר״ר עמרם בלוי זצ״ל איז אמאל געזעסן ביים רבין זי״ע אין שטוב, אין ירושלים און איהם דערצעהלט וועגן די גרויסקייט און הייליגקייט פון דעם בריסקער רב, רבינו הקדוש רבי יהושע ליב דיסקין זצ״ל, וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער הרה״ג רבי יצחק שלמה בלוי זצ״ל, וועלכער איז געווען פון די מקורבים פון בריסקער רב.

צווישן אנדערע האט רבי עמרם דערצעהלט וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער, דאס איינמאל איז איינער א איד געקומען צום בריסקער רב, ציטערנדיג אינגאנצן פון גרויס שרעק, און ער האט זיך פארקלאגט, דאס איינער א גוי פערפאלגט איהם, און וויל איהם הרגענען וויבאלד יענער האט ביי איהם דערלעגט זיין גאנצן פארמעגן, און ער ציטערט זייער טאמער ער וועט אויספיהרן זיין ווארנונג. ער בעט דעריבער דער בריסקער רב זאל איהם העלפן און אנווייזן וואס צו טהון.



רבי יצחק שלמה בלוי פארהערט א חדר אין דער תלמוד תורה פון כולל שומרי החומות

צו אלעמענס ערשטוינונג האט איהם דער בריסקער רב געראטן צו לערנען יעדן טאג די משניות פון מסכת מדות, וואו עס ווערט פארגעשטעלט דאס אויסזעהן פון דעם בית המקדש און אזוי ארום — האט ער איהם פארשפראכן — וועט ער געראטעוועט ווערן פון זיין פיינד.

דער איד האט אזוי געטהון און דער גוי האט איהם אויפגעהערט צו פערפאלגן און מעהר קיינמאל קיין שלעכטס נישט געטהון.

— די ירושלימער תלמידי חכמים — האט רבי עמרם פארענדיגט זיין ערצעהלונג — האבן געהארעוועט צו געפינען א מקור צו דער עצה פון דעם בריסקער רב אבער אן ערפאלג. האבן זיי דעריבער באשלאסן, אז עס האט טאקע נישט קיין מקור, נאר וויבאלד דער בריסקער האט אזוי געזאגט, האט דער אויבערשטער אויסגעפיהרט זיין ווילן, און ווען דער בריסקער רב וואלט איהם דאן געהייסן לערנען א צווייטן ענין. וואלט ער אויך דורך דעם געהאלפן געווארן.

רופט זיך אן דער רבי זי"ע און זאגט: איך מיין אז דער מקור צו דער עצה פון דעם בריסקער רב איז גאר א מפורשער פסוק:

אין תנ"ך שמואל (א, יט) ווערט דערצעהלט, אז שאול האט געוואלט הרגענען דוד'ן מיט א שפיז, האט שאול געשיקט שלוחים צו דער וואוינונג פון דוד'ן, צו איהם כאפן און הרגענען, איז דוד אנטלאפן און געקומען צו שמואל'ן קיין רמה, און דערנאך איז ער אוועק מיט שמואל'ן קיין ניות.

פרעגן די חז"ל אין זבחים (דף נד), וואס פאר א שייכות האט עפעס ניות צו רמה? און דערויף ענטפערן זיי, דאס זיי זענען געזעסן אין רמה און זיך באשעפטיגט "בנויו של עולם". טייטש רש"י: צו געפינען א ארט פאר דעם בית המקדש פון דער תורה.

דאס מיינט, אז נאכדעם וואס דוד האט געזעהן אז שאול וויל איהם הרגענען, און דער געפאהר פאר זיין לעבן איז גרויס, איז ער אנטלאפן צו שמואל הנביא קיין רמה, און דארטן האבן זיי זיך ביידע



פון רעכטס צו לינקס: רבי אורי בלוי, רבי עמרם בלוי, רבי אלימלך בלוי



רבי יהושע ליב דיסקין

געזעצט לערנען דעם ענין פון בויען דעם בית המקדש. דאס הייסט, אז בשעת דוד'ס לעבן איז געווען אין געפאהר און דער מעסער איז געלעגן איבער זיין האלז, איז ער גאר געזעסן און געלערנט די ענינים פון בויען דעם בית המקדש, און אזוי ארום איז ער געראטעוועט געווארן.

— אט האבן מיר א מפורשער מקור — האט דער רבי זי״ע אויסגעפיהרט — צו די עצה פון דעם בריסקער רב, אז דורך לערנען די מסכת מדות, ווערט מען געראטעוועט פון שווערד.

רבי עמרם איז געבליבן געפלעפט הערנדיג דעם טרעפליכן מקור.

אויף מארגן האט רבי עמרם דערצעהלט פאר די ישיבה לייט פון "אהל משה" מיט גרויס התפעלות דעם ענטפער פון רבין זי״ע, און דער עולם איז געווארן דערפון זייער ערשטוינט.

רופט זיך אן הרה״צ רבי שמואל דייטש זצ״ל און זאגט: פאר דעם קראלער רב, איז עס ממש א קלייניגקייט, ווייל ער איז פיהל גרעסער.

בייַ צדיקים געפינען זיך פארשידנארטיגע מדרגות און איינע איז נישט גלייך צו די אנדערע. עס איז זייער מעגליך דאס אין איין זאך איז איין צדיק גרעסער פון דעם אנדערן און אין די איבריגע זאכן איז גאר דער אנדער צדיק גרעסער.

(ויואל משה עמוד מב)

עס קען בשום אופן נישט מעגליך זיין דאס ביים אידישן פאלק זאל ח״ו נישט זיין קיין שומרי תורה ומצות. ווייל דאס געהט אריין אין דעם צוזאג פון באשעפער אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן פון אידישן פאלג. און אייביג וועלן זיך געפינען ביי אידן שומרי תורה ומצות.

(ויואל משה עמוד נב)



רבי שמואל דייטש אין זיין יוגנד

## זיבעצנטער קאפיטל

# די אויגן וואס בליקן ווייט

סייעתא דשמיא — פונקט פארקעהרט — ויבא יעקב שלם — א קוויטל צום רב

דאס איז געווען דאנערשטאג, י״ד סיון תש״ו, איינער פון די נקיי הדעת פון ירושלים, הרב הגה״צ רבי יעקב ראטמאן ז״ל (דער איידעם פון דעם מקובל און קדוש רבי עקיבא פרוש זצ״ל) איז אריינגעקומען צום רבין כדי צו פרעגן א עצה וועגן זיינע פריוואטע ענינים.

דער רבי זי״ע איז אין יענעם מאמענט געווען שטארק פארנומען, ער איז דאן געווען באשעפטיגט אין ראטעווען די פון חורבן אנטרונענע וועלכע זענען ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און דעריבער האט ער געבעטן ביי רבי יעקב ראטמאן ער זאל מוחל זיין און קומען צו איהם א אנדערש מאל, ווייל ער איז יעצט זייער פארנומען.

רבי יעקב האט זיך באלד געלאזט ארויסגעהן, נישט אויספיענדיג ארויסרעדן פארן רבין אפילו קיין איינציג ווארט, ער האט נישט דערצעהלט פארן רבין דאס וואס דריקט איהם אויפן הארצן.

רבי יעקב האט זיך געזעגנט פון רבין און פארלאזן די שטוב ווען דער רבי זי״ע באגלייט איהם ביז אין דרויסן, ווייל דער רבי זי״ע האט זייער געהאלטן פון רבי יעקב׳ן, צוליב זיין תמימות און יראת שמים.

אזוי באגלייטנדיג, רופט זיך אן דער רבי צו איהם און זאגט:

— רבי יעקב, איהר דארפט נישט זיין געפאלן ביי אייך, איהר קענט רוהיג ווייטער פערבלייבן אויף אייער שטעלע אין תורה ויראה, און איהר דארפט חס ושלום נישט זיין פארצווייפלט, איהר וועט זעהן דאס איהר וועט האבן סייעתא דשמיא.



**רבי יעקב רוטמן**

געהענדיג אהיים, האט רבי יעקב אנגעטראפן זיינעם א גוטן פריינד, דער גאון רבי הערש מיכל העלער זצ״ל, ער האט באלד באמערקט אויף רבי יעקב׳ן ווי ער איז זייער צוטראגן.

— וואס איז מיט אייך, רבי יעקב? — האט זיך רבי הערש מיכל אנגערופן — וואס זענט איהר אזוי צוטראגן? מיט וואס קען איך אייך ארויסהעלפן?

— ניין, ניין — האט רבי יעקב געענטפערט — עס פאדערט מיר גארנישט קיין הילף, נאר איך מוז אייך דערצעהלן דעם אמת, פארוואס איך בין אזוי איבערראשט, די מעשה איז אזוי:

— אזוי ווי איך האב היינטיגע וואך געהערט פון דער פטירה פון רבי משה בלויא זצ״ל, אז ער איז נסתלק געווארן ביי די זעכציג יאהר, האט זיך איין מיר דערוועקט דער ווילן צו פארענדיגן מיין צוואה פאר מיין פאמיליע. איך האב זיך אוועקגעזעצט ביינאכט און אפגעשריבן. צווישן אנדערע האב איך דארטן געשריבן, דאס איך צווייפל זייער צו איך וועל ווייטער אנגעהן מיט מיין מלמדות אין תורה ויראה, ווייל עס פאלט מיר צו זייער שווער, און איך זעה נישט קיין סייעתא דשמיא אין מיין ארבעט א.א.וו. — דאס אלעס האב איך אפגעשריבן פאר מיר, כדי עס שפעטער איבערגעבן פאר מיין בני בית.

איך בין יעצט ארויפגעגאנגען צום סאטמער רב, כדי צו הערן זיין מיינונג און עצה, נאך איידער איך האב אויספיעט ארויסרעדן אווארט, האט ער מיר געבעטן קומען א צווייטן מאל, ווייל ער איז זייער פארנומען, אבער ווי ערשטוינט בין איך געווארן ווען ארויסגעהענדיג פון רבין, טראץ דעם וואס ער האט פון מיר נאך קיין ווארט נישט געהערט, האט ער מיר געענטפערט א קלאהרע זאך, ווי איינער וואס פרעגט אן אין אורים ותומים, ער האט מיר אראפגענומען א שטיין פון הארץ, עס איז געווען ממש אפענע רוח הקודש.

— מורא׳דיג, מורא׳דיג — האט רבי הערש מיכל אויסגערופן



פון לינקס צו רעכטס: רבי הערש מיכל העלער, רבי אלי׳ זלוטניק



רבי צבי מיכל העלער



די לווי׳ פון רבי משה בלוי

הערנדיג די רייד פון רבי יעקב׳ן — עס איז טאקע דא פון וואס צו ערשטוינט ווערן.

(זעה דעם ספר אבני שיש עמוד ר״ה, וואו ער אליין מערקט אן וועגן דעם).

*

דערמאנענדיג וועגן די לוויה פון רבי משה בלויא זצ״ל, איז אינטערעסאנט צו ברענגען וואס דער רבי זי״ע האט זיך דאן ארויסגעכאפט. ביי דער לווי׳ האבן זיך באטייליגט די גדולי ישראל פון יענעם דור וואס זענען געווען אין ארץ ישראל, און דער רבי זי״ע האט באגלייט דעם ארון, צוזאמען מיט די אנדערע גדולי תורה, ווי דער גאון רבי יוסף צבי דושינסקי זצ״ל, דער גאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ״ל, דער בריסקער רב הגאון רבי יצחק זאב סאלאווייציג זצ״ל, דער גאון בעל חזון איש זצ״ל, דער טשעבינער רב, הגאון רבי דוב בעריש ווײדנפעלד זצ״ל, דער פרעשבורגער רב, הגאון רבי עקיבא סופר זצ״ל, דער בית דין צדק די גאונים, רבי פנחס עפשטיין זצ״ל, רבי ישראל יצחק רייזמן זצ״ל, רבי דוד יונגרייז זצ״ל א.א.וו.

געהענדיג אויף דער לווי׳, האט הרה״ג רבי חיים אלי׳ שטערנבערג שליט״א דערצעהלט פארן רבין זי״ע, דאס דער נפטר, רבי משה בלויא, האט פאר זיין פטירה א זאג געטהון פארן גאון רבי מאיר קארעליץ זצ״ל, דאס טראץ דעם וואס ביי זיין פריוואט לעבן איז ער געווויס נישט ריין פון זינד, ווי עס שטעהט אין פסוק אין צדיק בארץ אשר לא יחטא, אבער וואס איז שייך צו זיין טעהטיגקייט אין אגודת ישראל האט ער אלץ געטהון לשם שמים, אן קיין שום אייגננוץ.

האט דער רבי זיך אנגערופן און באמערקט:

— איך זאג פונקט פארקערט, וואס איז שייך צו אגודת ישראל, נו, ווייס מען דאך, די אגודה... אבער אין זיין פריוואט לעבן איז רבי משה בלויא געווען א אמתער ירא שמים, א אמתער עהרליכער איד



רבי משה בלוי



דער בריסקער רב רבי יצחק זאב סאלאווייציג אין דער באגלייטונג פון זיינע
זיהן, רעכטס: רבי יוסף דוב, לינקס רבי משולם דוד.



רבי אברהם ישעי׳ קארעליץ, חזון איש



רבי עקיבא סופר, פרעשבורגער רב



פון רעכטס צו לינקס: רבי אברהם יוחנן בלומנטאל, רבי דוד יונגרייז, רבי
פנחס עפשטיין



רבי דוב בעריש ווידנפעלד, טשעבינער רב

*

א ענליכע מעשה האט מיר אמאל דערצעהלט דער גאון און חסיד רבי חיים יעקב קלפהולץ פון ירושלים. איינמאל אין א פרייטאג — דאס איז געווען אין דער פרשה וישלח, י״ח כסלו תש״ו, — האט ער זיך אוועקגעזעצט אפשרייבן א תשובה להלכה ולמעשה (די תשובה ענטהאלט אכט און צוואנציג סימנים און זי איז געדרוקט אין זיין ספר עקבי חיים דף רי״ב). ער האט אנגעהויבן שרייבן די תשובה מיט די פאלגענדע ווערטער: ״יום ו׳ עש״ק לסדר ויבא יעקב שלם״, אבער נאך איידער ער האט גענומען שרייבן די תשובה, האט ער אפגעשטעלט דעם שרייבן, און באשלאסן ארייננצוגעהן פריהער צום רבין זי״ע און נעמען ביי איהם א ברכה ער זאל זוכה זיין צו מכוון זיין לאמיתה של תורה, אין די תשובה וואס ער געהט יעצט אפשרייבן.

פרייטאג מיטאג איז רבי חיים יעקב קלפהולץ זצ״ל אריינגעגאנגען צום רבין זי״ע, ווי נאר ער האט איבערגעטראטן דעם שוועל פון צימער, האט איהם דער רבי זי״ע אויפגענומען מיט גרויס פריינדליכקייט און אויסגערופן:

— רבי חיים יעקב, אין היינטיגע סדרה ווערט געזאגט: ויבא יעקב שלם, און דערויף זאגן די חז״ל, שלם בגופו, שלם בממונו, שלם בתורתו — גאנץ, קערפערליך — גאנץ, מאטעריאליסטיש, און גאנץ אין תורה — אבער ביי אייך זעה איך נאר דעם שלם בתורתו, אבער איך זעה נישט ביי אייך עס זאל זיין דער שלם בגופו און נישט דער שלם בממונו...

א לייכטער שוויס האט באדעקט דעם שוואכן קערפער פון רבי חיים יעקב קלפהולץ, הערנדיג די רייד וואס קומען ארויס פון דעם רבינס מויל, אויף וועלכן עס רוהט די הייליגע שכינה און זיינע אויגן בליקן ווייט.

*



רבי חיים יעקב קלפהולץ



דער רבי זי״ע אין בני ברק

איינמאל איז איינער א בחור צוגעגאנגען צו הרה״צ רבי יוסף חיים שיינברגער זצ״ל, ווען ער איז געווען אין דער חסידישע שוהל פון די אונגארישע הייזער, און איהם געבעטן ער זאל מתפלל זיין פאר איהם, ער זאל צוקומען צו טהון א שידוך, ווייל ער איז שוין א עלטערער בחור און עס מאכט זיך איהם נישט קיין רעכטן שידוך.

רופט זיך אן צו איהם רבי יוסף חיים און זאגט: שיק אוועק א קוויטל צום קראלער רב (קיין חוץ לארץ) וועסטו באלד געהאלפן ווערן.

און אזוי איז טאקע געווען, עס איז נישט אוועק קיין לאנגע צייט נאכדעם וואס דער בחור האט דערהאלטן די ברכה און ער האט א שידוך געטהון.

מען דארף זיך אנשטרענגען מיט אלע מיטלען צו אויפהאלטן די איינוואוינער פון ארץ ישראל גייסטיג און מאטעריאליסטיש מיט אלע מעגליכקייטן, בעזונדער אין היינטיגע צייטן וואו עס איז זייער נויטיג זיי צו העלפן זיך ראטעווען פון דעם שטראם פון מינות ר״ל, און וויפל מיה און כחות ליגט אויף אונז צו אויסהאלטן די ארץ ישראל׳דיגע איינוואוינער.

(ויואל משה עמוד לט)

דער סוד פון די צייט פון די גאולה איז זייער באהאלטן און אפילו פאר די נביאים איז עס נישט אנטפלעקט געווארן, מיר האבן נישט דערפון קיין שום ידיעה און נישט קיין ארט צו מאכן א טעות, נאר אונזערע אויגן זענען אויפגעהויבן צום הימל דאס מען זאל אונז אנטפלעקן פון הימל לויט די וועג פון דער תורה און טראדיציע.

(ויואל משה עמוד מ)



זיצט: רבי יוסף חיים שיינבערגער, שטעהט: זיין זוהן, רבי ישעיה שיינבערגער

## אכצנטער קאפיטל

# צוגעוואונטשן א ברכה

וואס דארף וויסן א ראש ישיבה — ביים פארהערן די בחורים — א ברכה פאר די קינדער — גאר א אנדער ברכה

ווען דער רבי זי״ע איז אמאל געווען אין טעלזער ישיבה אין קליוולאנד, איז צו איהם צוגעגאנגען איינער פון די ישיבה בחורים און געפרעגט צו עס איז א מצוה צו פאסטן אין דעם טאג וואס זיין רבי איז נסתלק געווארן.

דער רבי זי״ע האט זיך ענטזאגט איהם צו ענטפערן זאגנדיג ער זאל פרעגן די שאלה פון דעם ראש ישיבה, דער בחור האט נאכאמאל געבעטן דעם רבין ער זאל אים ענטפערן אבער דער רבי האלט זיך ביי זיינס, זאגנדיג דאס אין דעם ארט וואו עס געפינט זיך דער רב און ראש ישיבה פסקנט ער נישט קיין שאלות, און אפילו אזא פשוטע זאך — האט דער רבי אויסגעפיהרט — ווי אט די פראגע וועלכע שטעהט מפורש אין די הגהות פון דעם גאון רבי עקיבא איגר.

יענער ישיבה בחור האט באלד פערשטאנען דעם וואונק פון רבין זי״ע, האט ער זיך אוועקגעזעצט און גענומען זוכן אין די הגהות פון דעם רבי עקיבא איגער אויף יורה דעה, ביז וואנען ער האט עס געפונען אין סי׳ ת״ב.

דערנאך איז יענער ישיבה בחור ווידער געקומען צום רבין זי״ע און דאס מאל האט ער איהם געבעטן א עצה ווי אזוי ער זאל לערנען תורה לשמה. ווידער האט איהם דער רבי זי״ע צוגעשיקט צו זיין רבין דער ראש ישיבה און צו איהם געזאגט: בעט דיין ראש ישיבה ער זאל מתפלל זיין אויף דיר דו זאלסט לערנען תורה לשמה, אזוי ווי רב ספרא האט געטהון.

יענער ישיבה בחור האט דערנאך איבערדערצעהלט די מעשה פאר זיין רבין דער ראש ישיבה, דער גאון רבי אלי׳ מאיר בלאך זצ״ל, און ער האט באוואונדערט דאס גרויסע עניוות פון רבין זי״ע

וועלכער האט אויף קיין פאל נישט געוואלט פסקענען קיין הלכה אין דעם ארט וואו עס געפינט זיך דער ראש ישיבה.

— איך האב דאן געלערנט — האט דער גאון רבי אלי׳ מאיר בלאך געזאגט — דריי זאכן פון דעם סאטמאר רבין:

א) אז א ראש ישיבה קען זיך נישט בעגנוגענען מיט דעם וואס ער זאגט שיעורים פאר די תלמידים און לערנט מיט זיי תורה, נאר ער דארף אויך קענען פסקענען א הלכה, און אפילו אזא דין וואס ווערט געברענגט אין די הגהות פון דעם רבי עקיבא איגר אויף דעם שולחן ערוך דארף ער אויך קענען.

ב) דאס צו זוכה זיין לערנען תורה לשמה, איז פארבונדן מיט תפילה.

ג) אז דער ראש ישיבה דארף מתפלל זיין דאס זיינע תלמידים זאלן לערנען תורה לשמה.

(דער ענין וואס דער רבי זי״ע האט דערמאנט אז אזוי האט געטהון רב ספרא, ווערט געברענגט אין דער גמרא ברכות (דף טז): ״רב ספרא בחר צלותי׳ה אמר, יהי רצון מלפניך ה׳ אלקינו שתשים שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה ובין התלמידים העוסקים בתורתך בין עוסקין לשמה בין עוסקין שלא לשמה וכל העוסקין שלא לשמה יהי רצון שיהיו עוסקין לשמה״ — רב ספרא פלעגט נאכן דאווענען מתפלל זיין א בעזונדער תפלה ווי פאלגענד: זאל זיין דער ווילן פון דיר ג־ט, דו זאלסט מאכן פרידן אין דער פמליא של מעלה (די שרים פון די פעלקער) און אין דער פמליא של מטה (די תלמידי חכמים) און צווישן די תלמידים וואס לערנען די תורה, סיי די וואס לערנען לשמה און סיי צווישן די וואס לערנען שלא לשמה, און די אלע וואס לערנען שלא לשמה זאל זיין דער ווילן פון דיר זיי זאלן לערנען לשמה.

עס איז אויך אינטרעסאנט צו דערמאנען נאך א אינטרעסאנטע זאך וואס איז פארגעקומען אין יענעם טאג וואס דער רבי זי״ע האט באזוכט די טעלזער ישיבה און דארטן געזאגט א שיעור.



טלזער ישיבה אין קליבלאנד



**רבי אלי' מאיר בלוך**

די בחורים אין דער ישיבה קטנה האבן דאן געלערנט די גמרא כתובות און דער גאון רבי חיים מרדכי קאטץ זצ״ל דער ראש ישיבה, האט דאן פארגעשטעלט פארן רבין זי״ע א יונגער בחור׳ל פון דער ישיבה וועלכער קען קלאהר די גמרא כתובות מיט אלע תוספות׳ן און מפרשים, ער האט געבעטן דעם רבין זי״ע ער זאל פארהערן דעם בחור׳ל.

האט דער רבי זי״ע א פרעג געטהון דעם בחור׳ל: ווי קען עס מעגליך זיין אז א שטאדט זאל זיין ארומגערינגלט מיט א מויער און פונדעסטוועגן וועט די קדושה פון די חומה בטל ווערן?

דער בחור׳ל האט א וויילע א טראכט געגעבן און זיך באלד אנגערופן: אויב אין דער שטאדט געפינט זיך א מערהייט פון גויים, ווערט בטל די קדושה פון דעם ארומגערינגלטן מויער, אזוי האלט דער ר״י אין כתובות (דף מה ע״ב תוד״ה על פתח).

דער רבי זי״ע האט ווידער געפרעגט דעם בחור׳ל: וואו איז דער מקור פון די הלכה? פון וואנען האט עס תוספות ארויסגעלערנט אזא דין דאס אויב אין שטאדט געפינען זיך די מערהייט פון גוים ווערט די קדושה פון די חומה בטל?

דער בחור׳ל האט דערויף נישט געקענט ענטפערן.

האט זיך דער גאון רבי ברוך סורוצקין זצ״ל (איינער פון די ראשי ישיבה) אריינגעמישט און געזאגט: אויב דער מנחת חנוך האט נישט געפונען דעם מקור פון אט דער הלכה וואס ווערט געברענגט אין תוספות אין נאמען פון דעם ר״י (זעה מנחת חינוך סי׳ קע״א) פון וואנען זאל עס קענען וויסן א יונגער זעכצן יעהריגער בחור׳ל?

— איהר זענט גערעכט — האט דער רבי זי״ע געענטפערט מיט א שמייכל — עס איז זייער שיין וואס דער בחור האט באלד געדענקט דעם תוספות.

ווען דער רבי זי״ע האט פארלאזן די ישיבה אין דער בעגלייטונג פון די ראשי הישיבה, הגאון רבי אלי׳ מאיר בלאך און הגאון רבי חיים מרדכי קאטץ, האבן זיי געפרעגט דעם רבין זי״ע, אוואו איז



רבי חיים מרדכי קאטץ



**רבי ברוך סורוצקין**

טאקע דער מקור פון אט די הלכה, האט זיי דער רבי געענטפערט אויפן ארט, אז דער מקור איז פון א ירושלמי אין מגילה, ער האט זיי אויך געהייסן אריינקוקן אין דעם ביאור הגר״א אויפן שולחן ערוך אורח חיים סי׳ תרפ״ח סעי׳ א׳.

*

עס איז אינטרעסאנט צו אנמערקן דאס פון זינט יענעם בעזוך פון רבין זי״ע אין דער טעלזער ישיבה אין קליוולאנד, איז דער גאון רבי אלי׳ מאיר בלאך זצ״ל געווארן א בעשווארענער פריינד פון רבין זי״ע, און עס איז צו בעוואונדערן, דאס אין יאהר תשי״ד איז אויסגעקומען רבי אלי׳ מאיר׳ן צו זיין אין ניו יארק, איז ער דאן ארויף צום רבין זי״ע אין זיין וואוינונג און דערלאנגט א קוויטל דעם רבין ער זאל מתפלל זיין פאר זיין אינגל און מיידל, דער גאון רבי אלי׳ מאיר בלאך האט אנגעשריבן זיין ביטע אויפן קוויטל ווי פאלגענד:

— ״איך בעט מען זאל מתפלל זיין איך זאל זוכה זיין צו ערציהען צו תורה און יראת שמים מיין אינגל יוסף זלמן בן נחמה און מיין מיידל פנינה בת נחמה״.

דער רבי זי״ע האט איהם געוואונטשן נישט ווי זיין שטייגער און ער האט צו איהם אזוי געזאגט:

— נו, די תורה קומט דאך שטענדיג צוריק צו איהר אכסניא, וועלן די קינדער טאקע ערצויגן ווערן אין תורה און יראת שמים.

דער גאון רבי אלי׳ מאיר בלאך האט געוואלט פארריכטן דעם רבינס ווערטער און ער האט געזאגט: ״און אז איך זאל זוכה זיין צו ערציהען צו תורה און יראת שמים״. דער רבי זי״ע האט אבער ווידער איבערגעחזרט זיינע פריהערדיגע ווערטער און געזאגט: די קינדער וועלן זוכה זיין צו ערצויגן ווערן אין תורה און יראת שמים.

דאס איז געווען אין ענדע פון יאהר תשי״ד, און נאך איידער עס איז אריבער א יאהר (אין כ״ח טבת תשט״ו) איז רבי אלי׳ מאיר זצ״ל נסתלק געווארן און די צוויי קליינע קינדער זענען געבליבן יתומים.



פון רעכטס צו לינקס: רבי חיים שטיין, רבי ברוך סורוצקין



רבי אלי׳ מאיר בלוך ביי א תנאים שרייבן, נעבן איהם לינקס: רבי יעקב יוסף הרמן



דער רבי זי״ע אין דער באגלייטונג פון רבי יוסף אשכנזי שליט״א

עס איז איבריג צו דערצעהלן אז די ברכה פון רבין זי״ע איז פולקאם פערווירקליכט געווארן, דער אינגל יוסף זלמן איז אויפגעוואקסן און געווארן ראש ישיבה און אויך די מיידל האט שפעטער חתונה געהאט מיט הרה״ג רבי דוד בארקין, וועלכער איז אויך א ראש ישיבה.

*

דער גאון רבי אשר שולמן זצ״ל פון טבריא פלעגט שטענדיג דערצעהלן א שרעקליכע מעשה וואס איז פארגעקומעןביים רבין זי״ע, וואו ער אליין איז דערביי געווען אנוועזנד.

די מעשה איז אזוי געווען:

אין דעם חודש אלול פון יאהר תש״ו, איידער דער רבי זי״ע האט פארלאזן ארץ ישראל אויפן וועג צו אמעריקע, איז רבי אשר שולמן אריין צום רבין זי״ע צוזאמען מיט זיין איידעם הר״ר משה אייזן, און יעדער איינער האט בעזונדער דערלאנגט א קוויטל פאר איהם און פאר זיין בני בית.

דער ערשטער איז צוגעגאנגען רבי אשר און דערלאנגט א קוויטל מיט א פדיון, דער רבי האט איהם אנגעוואונטשן ברכה און הצלחה.

נאך איהם איז צוגעגאנגען רבי משה אייזן און דערלאנגט א קוויטל, אין וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן זיין נאהמען, דער נאמען פון זיין פרוי מיט זיינע מיידעלעך, צוזאמען מיט א פיינעם פדיון.

דער רבי זי״ע האט איהם צוריקגעגעבן דעם פדיון, רבי משה האט איהם געבעטן ער זאל עס נעמען, דער רבי האט זיך אבער נישט געלאזט און איהם צוריקגעגעבן דעם פדיון.

אויפן קוויטל איז געווען אנגעשריבן ווי פאלגענד:

״משה יהושע העשל בן חיה לאה
זיין פרוי, באשע לאה בת שרה
די מיידל הדסה שושנה

די מיידל דבורה דינה
די מיידל נחמה גיטל
צו לאנגע גוטע און פיינע יאהרן".

דער קוויטל איז געלעגן אין דער הייליגער האנד פון רבין זי"ע, און אין מיטן לייענען האט דער רבי איינגעדרימלט (עס האט אזוי אויסגעזעהן ווי זיין הייליגער שטייגער איז געווען). ארום צוואנציג מינוט איז ער אזוי געזעסן און געדרימלט, דערווייל איז דער קוויטל אראפגעפאלן פון זיין האנד אויף דער ערד, ר' משה איז געשטאנען אנטקעגן איהם ווי פארשטיינערט און געווארט דער רבי זאל זיך אויפכאפן און איבערלייענען דעם קוויטל.

דער רבי זי"ע האט זיך אויפגעוואכט, ער האט א וואונק געטהון צו ר' משה'ן ער זאל אויפהויבן דעם קוויטל פון דער ערד און עס איהם דערלאנגען, דער רבי האט אנגעטהון די ברילן און גענומען איבערלייענען דעם קוויטל, און ווידער האט ער איינגעדרימלט און דער קוויטל איז נאכאמאל אראפגעפאלן אויף דער ערד.

ענדליך האט דער רבי זי"ע איבערגעלייענט דעם קוויטל, און ווען ער האט געענדיגט, האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און אנגעקוקט ר' משה'ן און דערנאך א זאג געטהון מיט א זיפצענדיגן טאן:

"זאל אייך השם יתברך העלפן עס זאל נאך זיין ביי אייך א שמחה — כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם".

אויך רבי אשר און אויך רבי משה זענען געבליבן ערשטוינט צוהערנדיג די רייד פון רבין זי"ע, וואס אנשטאט צו אנווינטשן די מענטשן וואס זענען אויסגערעכנט אין קוויטל, יעדערן לויט זיין וואונטש, האט ער גאר צוגעוואונטשן פאר ר' משה'ן ער זאל זוכה זיין צו נאך א שמחה, ר' משה האט דאך גאר נישט געבעטן אזא ברכה, און דא האט זיך אויסגעשטעלט אז דאס וואס ער האט געבעטן האט ער גארנישט בעקומען, נאר דאס וואס ער האט נישט געבעטן האט ער בעקומען.



רבי אשר שולמן

עס איז דאן געוועזן די טעג פון "ימי הרחמים והסליחות", יעדערער איז געוועזן פארנומען מיט עבודת הבורא, מיט תורה און תפלה, מיט טהון וואס מעהר גוטע מעשים און גמילות חסדים און דעריבער איז די מעשה מיטן קוויטל פארגעסן געווארן, אלעמענס הערצער זענען געווען פארנומען מיט אנדערע זאכן וואס מאכן פארגעסן די ערשטע.

דאס יאהר תש"ו איז אריבער, עס איז אנגעקומען דאס יאהר תש"ז, דער רבי זי"ע האט באשטימט זיין וואוין ארט אין אמעריקע און גענומען אויפשטעלן פונדאסניי דאס קעניגרייך פון סאטמאר, ווי עס איז אלעמען בעקאנט.

די ברכה פון רבין איז פולקאם פארווירקליכט געווארן, רבי משה'ן איז געבוירן געווארן א טאכטער און מען האט איהר א נאמען געגעבן "ברכה".

דאס יאהר תש"ז איז אויך אוועק און עס איז אנגעקומען דאס יאהר תש"ח, און צווישן פסח און שבועות, ווען ר' משה אייזן זיצט זיך ביי איהם אין שטוב וואס אין מאה שערים, צוזאמען מיט זיין פרוי און קינדער, איז פלוצלונג אריינגעפאלן אין הויז א הארמאטן קויל וואס די אראבער האבן געשאסן, דאס הויז איז צושמעטערט געווארן און ר' משה מיט זיין פרוי און דריי מיידלאך זענען אויפן ארט געהרגעט געווארן.

נאר די קליין מיידעלע, די האלב יעהריגע ברכה, איז געראטעוועט געווארן דורך א נס (יעצט וואוינט זי אין ירושלים און זי איז די פרוי פון הר"ר דוב זאקס).

רבי אשר שולמן פלעגט אויספיהרן אט די מורא'דיגע ערצעהלונג, דאס זיין גאנצן לעבן קלינגען איהם אין די אויערן די לעצטע ווערטער וואס ער האט געהערט פון דעם רבין זי"ע מויל, און וועלכע זענען געזאגט געווארן מיט א ספעציעלער בעטאנען און אומפארגעסליכער אקצענט:

כי "שם" צוה ה' את ה"ברכה" — חיים עד העולם.

# על אלה אני בוכיה

כלם באחד נהרגו עקה"שע"-פגז אויב ביום כ"ד אייר התש"ח בירושלים הנצורה
הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו







הדסה שושנה בת 8



דבורה דינה בת 7



נחמה גיטל בת $3\frac{1}{2}$

רבי משה אייזן מיט די פאמיליע (פרוי, צוויי שוועסטער און דריי קינדער)
וועלכע זענען אומגעקומען פון א אראבישן הארמאטן קויל

### נייצנטער קאפיטל

# א שמועס אין ירושלים

דאס געזיכט פון א פרוש — וואס איז געווארן מיטן צדוקי — נישט באהעפטן זיך מיט א רשע אפילו צו תורה — די עצה אין נימוקי יוסף — מען דארף עפענען די אויגן — ווען די תלמידים פיהרן

אין יאהר תרצ״ב ווען דער רבי זי״ע איז געוועזן אין ירושלים, האט ער באעהרט מיט א בעזוך איינעם פון זיינעם א נאהנטע פאמיליע, הרב החסיד רבי ליפא זלמן וועבער, וועלכער איז געוועזן א ממונה פון דעם כולל שומרי החומות און זייער א איידעלער און געעהרטער מאן.

רבי ליפא זלמן האט געוואוינט אין דעם קווארטל פון בתי אונגרין אויפן צווייטן שטאק. ווען דער רבי זי״ע איז געקומען צו זיין שטוב, און ארויף אויף די טרעפ צוזאמען מיט זיינע באגלייטער, האט ער באמערקט ווי אונטן אויפן חצר, שפאצירט זיך א אידל מיט א עהרליכן און ליכטיגן געשטאלט, אין האנד האלט ער א לאבל ברויט מיט א ביסל טאמאטעס און ער געהט זיך געלאסן אהיים.

דער רבי זי״ע האט באלד א פרעג געטהון רבי ליפא זלמנ׳ען:

— ווער איז עס אט דער איד, וואס געהט דא אונטן אויפן חצר?

— אט דעם אידן — האט רבי ליפא זלמן געענטפערט — רופט מען רבי יונה לעפקאוויטש, ער לערנט אין דער ישיבה פון דעם כולל שומרי החומות, און ער דאוונט אין דער פרושים שוהל.

— זיין געזיכט זאגט עדות אויף איהם דאס ער איז א פרוש — האט דער רבי זי״ע געזאגט — זיין שמייכל איז אויף די ליפן און זיין טרויער באהאלט ער אין הארצן אינווייניג (דער לשון פון דעם חובת הלבבות אין שער הפרישות פרק ד׳: ״צהלתו בפניו ואבלו בלבו״).

דער רבי זי״ע איז זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג אין דער ריכטונג פון ר׳ ליפא זלמנ׳ס וואוינונג, ער האט אבער די גאנצע וועג



רבי יונה לפקוביץ



רבי ליפא זלמן וועבער

נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן ר׳ יונה׳ן, כסדר זיך פעראינטערעסירט וועגן איהם און נישט צוגעלאזן אריבערפיהרן דעם שמועס אויף א אנדער טעמע.

ווען ר׳ ליפא זלמן בעמערקט די גרויסע נייגעריגקייט פון רבי׳ן זי״ע זיך צו דערוויסן איינצעלהייטן וועגן ר׳ יונה׳ן, האט ער גענומען דערצעהלן פארן רבי׳ן זי״ע, אז ר׳ יונה לערנט א גאנצן טאג און זיין מויל שטעלט זיך נישט אפ פון לערנען, ער לערנט שטעהענדיגערהייט. ער האט אויך זוכה געווען צו זעהן דעם הייליגן בריסקער רב, דער גאון און צדיק רבי יהושע ליב דיסקין זצ״ל, און ער האט זוכה געווען צו משמש זיין דעם גאון און צדיק רבי משה יוסף האפמאן זצ״ל, דער פאפא׳ער דיין, וועלכער האט אין זיינע לעצטע יאהרן געלעבט אין ירושלים א.א.וו. ער האט אויך זוכה געווען זיך צו ווייקן ביים צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל.

ווען דער גבאי הרב החסיד רבי פייוויש אשכנזי ז״ל האט געזעהן דעם גרויסן באגעהר פון רבי׳ן זי״ע זיך צו טרעפן מיט רבי יונה לעפקאוויטש, האט ער באלד געגעבן א וואונק צו הרה״ח רבי מרדכי אייזנבאך ז״ל וועלכער איז געשטאנען נעבן איהם, ער זאל געהן און ברענגען אהער רבי יונה׳ן.

רבי מרדכי אייזנבאך האט באלד געגעבן א שפרונג אראפ צו ר׳ יונה׳ן אין שטוב און איהם געפרעגט צו ער וואלט זיך געוואלט באמיהען און ארויפקומען צו רבי ליפא זלמנ׳ען אין שטוב, כדי צו מקבל פנים זיין דעם קראלער רב וועלכער געפינט זיך דארטן.

רבי יונה האט שנעל אנגעטהון דעם זשובע (אויבעררראק) און ביז א סעקונדע איז ער שוין געווען ביי ר׳ ליפא זלמן אין שטוב.

דעם רבי׳נס געזיכט האט אויפגעשיינט דערזעהענדיג רבי יונה׳ן. ער איז אויפגעשטאנען פאר איהם אין זיין גאנצער הויך און איהם דערלאנגט א בענקל צום זיצן. דער עולם וואס איז געווען אנוועזנד אין הויז, האט זיך זייער געוואונדערט פון דעם גרויסן כבוד וואס דער רבי זי״ע האט צוגעטיילט פאר רבי יונה׳ן.



**די אונגארישע הייזער**



**אנטקעגן: דאס וואוינונג פון רבי ליפא זלמן וועבער**



**רבי מרדכי אייזנבאך**

רבי יונה האט זיך געזעצט אויפן בענקל וואס איז געשטאנען צו דער רעכטע זייט פון רבי'ן זי"ע, זיין קאפ אראפגעבויגן, און ער טרייסלט זיך פון שרעק, זיין גאנצער קערפער ציטערט. ער זיצט מיט גרויס פחד און מורא ווי איינער וואס זיצט פאר א קעניג.

דער רבי זי"ע הויבט אן צו מאכן רעדנדיג רבי יונה'ן. ער האט זיך אריינגעלאזן אין א געשמאקן און לעבהאפטן שמועס.

— וויפל יאהר וואוינט איהר שוין אין ירושלים? — פרעגט איהם דער רבי זי"ע.

רבי יונה, פון גרויס שרעק, קען זיך נישט קאנצענטרירן צו ענטפערן אויף די פראגן, ער נעמט שמועסן וועגן די הויכקייט פון זיין גרויסן רבי'ן, דער פאפא'ער דיין, דער גאון און צדיק רבי משה יוסף האפמאן זי"ע. רבי יונה דערצעהלט וועגן איהם אותות און מופתים, אפענע רוח הקודש וואס ער האט ביי איהם געזעהן. ער דערצעהלט אויך דאס ער האט געהערט פון זיכערע קוועלן דאס זיין רבי האט געהאט גילוי אליהו.

רבי יונה דערצעהלט פארן רבי'ן זי"ע צווישן אנדערע די פאלגענדע מעשה:

איינמאל איז רבי יונה מיטגעגאנגען מיט זיין רבי'ן, דער פאפא'ער דיין אויפן וועג צום כותל מערבי. קומענדיג נעבן דעם כותל מערבי, האט איהם בַּעפאלן איינער א מחוצף, וואס געהערט צו דער מזרחי פארטיי און איהם זייער פארשעמט, ער האט איהם געזידלט און געטאדלט מיט שטעכעדיגע חוצפה'דיגע רייד. דער פאפא'ער דיין האט אויסגעהערט זיינע זידלערייען און קיין ווארט נישט געענטפערט. ער האט אויך נישט דערלאזן רבי יונה'ן ער זאל זיך פאר איהם אננעמען און מיט עפעס ענטפערן דעם זידלער.

— פארוואס האט יענער מזרחי'סט אנגעפאלן אויף דעם פאפא'ער דיין? — פרעגט רבי יונה און ער ענטפערט באלד — ווייל דאס איז געווען אין חודש אייר פון יאהר תרפ"ו, און ווי עס איז בעקאנט איז דאן געווען דער געזעץ פון דער ענגלישער רעגירונג, אז



רבי משה יוסף האפמאן, פאפאער דיין אין זיין יוגנד



דער פאפאער דיין, רבי משה יוסף האפמאן

יעדער איד וואס איז געבוירן געווארן אדער ער וואוינט אין ארץ ישראל, איז ער אוטאמאטיש א מיטגליד פון דער ציאניסטישע קהלה, דער ועד הלאומי. די עדה החרדית האט אבער אויסגעפועלט מען זאל בעקומען א ערלויבעניש, דאס יעדער איינער וואס וויל נישט פארקערהן צו דער דאזיגע קהלה וואס אלע גדולי ישראל האבן איהר געאסר׳ט, דארף אנגעבן א שריפטליכע דעקלעראציע דאס ער געהט ארויס פון דער געמיינדע. דאס אלעס האט מען געדארפט אנגעבן אין דעם חודש אייר, וועלכער איז געוועז דער איינציגער מאנאט אין יאהר, וואו מען האט געהאט א רעכט ארויסצוגעהן פון זייער קהלה און מען האט עס גערופן "דער מאנאט פון ארויסגעהן".

די גדולי התורה אין ירושלים אין שפיץ פון דעם גאון און צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד מיט זיין בית דין זענען ארויס מיט א אויפרוף צו אלע אידן אין לאנד און פארפליכטעט די אלע שומרי תורה זיי זאלן זיך אויסשרייבן פון די ציאניסטישע קהלה אין חודש אייר. אויך דער פאפא׳ער דיין האט זיך אונטערגעשריבן אויף דעם דאזיגן אויפרוף. די צייטונגען פון די ציונים מיט דער מזרחי א.א.וו. האבן ווי זייער שטייגער, אנגעגריפן די רבנים וואס "פיהרן מחלוקת" און באפוילן זיך אפטיילן פון דער אפיציעלע געמיינדע. דער צייטונג "קול יעקב", דער טריפה׳ער ארגאן פון דער רבנות הראשית, האט געזידלט און געלעסטערט די גאונים און צדיקים פון ירושלים, ער האט כמעט ווי ערלויבט צו פארגיסן זייער בלוט.

אלס רעזולטאט פון דער דאזיגע העצע, האט יענער מזרחי׳סט אנגעפאלן אויף דעם פאפא׳ער דיין מיט אזא געמיינעם אנפאל.

דער פאפא׳ער דיין האט זיך דאן אנגערופן צו רבי יונה׳ן: איך האב נישט קיין טענות אויף דעם אנגריפער, ער האט זיך אנגעלייענט מיט זייערע צייטונגען, און לויט זיין פאלשן מיינונג האט ער גוט געטהון, און דעריבער בין איך איהם מוחל.

ווען רבי יונה האט געענדיגט זיין ערצעהלונג, רופט זיך אן דער רבי זי״ע און פרעגט:

— נו, ומאי הוה עליה דההוא צדוקי?*

ב"ה

# שיר היוצאים

(לאשור חקת הקהלות בארץ ישראל ביום ח' טבת תרפ"ח)

---

## א.

## היוצאים.

יוצאים ביד רמה, היו אבותינו.
יוצאים בעז ועצמה, נהיה גם אנו
עדה חרדית תפח, תהיה לכלנו.
ימין ד' רוממה, זאת תקותנו.
ואתה!— הלנו אתה, אם לצרינו ? !.
כמוך כמוני חרד הנני
חפשים אזרה הלאה ממני
בין היוצאים תמצא שמי
בעדה חרדית שכה מקומי.

שם, בימין שגל נצבה, ובשמאל הדת גלובה.
במרכז, שבת מחלל, ופום רברבן ממלל
מאכל כשר וטהרה, בקבוצות בכל ימצא
כיוסף באין ברירה, במנוסה החוצה צא.
ואתה!— הלנו אתה, אם לצרינו?!.
כמוך כמוני חרד הנני
חפשים אזרה הלאה ממני
בין היוצאים תמצא שמי
בעדה חרדית שמה מקומי

להתחבר עם ציונים, חטאת לאמים
אסור לחכמים וזקנים, אף לעולי ימים.
אשור מארצו יצא, וזנח זרים.
ואברהם לעולמים יצא, מאור כשדים.
ואתה !— הלנו אתה, אם לצרינו ? !.
כמוך כמוני חרד הנני
חפשים אזרה הלאה ממני
בין היוצאים תמצא שמי
בעדה חרדית שמה מקומי.

לחרדים הארץ מתוקה, מימים ימימה
אהבתה קדושתה חקוקה, בלבבם פנימה.
לחדשים מקרוב באו לה, הארץ מתקוממה·
לקהלת מחרדים שכולה, לא תהיה תקומה.
ואתה!— הלנו אתה, אם לצרינו?!.
כמוך כמוני חרד הנני
חפשים אזרה הלאה ממני
ביי היוצאים תמצא שמי
בעדה חרדית שמה מקומי

בקהלה אסורה לנו, נפשנו קצה,
חרדים להשאר בארצנו, עוצו עצה.
כיצחק העדה נטה, ומארץ לא יצא.
כיעקב ברכתו עטה ואף יצא יצא.
ואתה!— הלנו אתה, אם לצרינו?!.
כמוך כמוני חרד הנני
חפשים אזרה הלאה ממני
בין היוצאים תמצא שמי
בעדה חרדית שמה מקומי.

צבור בלי דת ומועצה, כגוף בלי נשמה
לנו עדה חרדית נחוצה, כאויר לנשימה,
יוצאים לאלף ורבבה, שמנו לנו למגמה,
אחר כן השמועה טובה עדתנו תהיה רשומה.
ואתה!— הלנו אתה, אם לצרינו?!.
כמוך כמוני חרד הנני
חפשים אזרה הלאה ממני
בין היוצאים תמצא שמי
בעדה חרדית שמה מקומי.

אבן שלמה.

## המנגינה

י. א. נאמן




ירושלם ת"ו כ"ח כסלו תרפ"ח
דפוס העברי

**דער ארויסגאנגס ליד "שיר היוצאים" פערפאסט פון רבי אלי' פרוש**




דער רבי זי״ע אין שווייץ



דער רבי זי״ע אין א שמועס מיט רבי יוסף שיינבערגער

רבי יונה איז געווארן צוטומלט, ער פארשטעהט נישט וואס דער רבי ציהלט מיט זיין פראגע און וואס זאל ער דערויף ענטפערן, האט ער געשוויגן.

דער רבי זי״ע האט אבער אליין ערקלעהרט זיינע רייד, און ער האט אזוי געזאגט:

— מיר געפינען אין גמרא (ברכות דף נ״ח) אז רב ששת איז געווען א סגי נהור. האט איהם באגעגנט איינער א צדוקי און אפגעלאכט פון איהם. דערנאך, פיהרט אויס די גמרא און פרעגט: ומאי הוי עליה דההוא צדוקי? — וואס איז שפעטער געווארן מיט יענעם צדוקי?

דערפון זעהען מיר, דאס ביי די חז״ל איז עס געווען א פשוט׳ע זאך, אז דער צדוקי וואס האט אפגעלאכט און אפגעשפאט פון רב ששת׳ן, וועט נישט גוט אפשפילן, ער וועט דערפאר טייער בעצאהלן, און דעריבער פרעגן באלד די חז״ל, וואס איז געווארן מיט יענעם צדוקי, ווייל די חז״ל האבן פארשטאנען, דאס עס איז נישט מעגליך אז נאכן אפשפאטן פון דעם צדוקי, זאל דער צדוקי נישט בעקומען דעם שטראף אויפן ארט.

— אט דאס האב איך געמיינט מיט מיין פראגע — האט דער רבי זי״ע אויסגעפיהרט — וואס איז געווען די ענדע פון יענעם צדוקי? וואס האט שפעטער פאסירט מיט יענעם מזרחי׳ניק, וואס האט אזוי געזידלט דעם פאפא׳ער דיין?

דער רבי זי״ע האט דאן דערצעהלט אז א ענליכע מעשה האט פאסירט ביים גאון רבי יעקב עמדין זצ״ל, וואו איינער האט איהם אנגעפאלן און געשאלטן מיט ביטערע קללות, געשימפט און געזידלט איהם. דער גאון רבי יעקב עמדין זצ״ל, האט איהם צוגעשאקלט מיטן קאפ און געזאגט דאס ער איז איהם דן לכף זכות, ווייל לויט זיין מיינונג, איז איהם ערלויבט צו פארגיסן זיין בלוט, און ער איז איהם מוחל מיטן גאנצן הארצן.

— אבער — האט דער רבי זי״ע אויסגעפיהרט — יענער

אנגריפער האט זייער נישט גוט אויסגעשפילט, זייער נישט גוט (אויספיהרליך די ערצעהלונג, זעה אין די הגהות פון רבי יעקב עמדין אויף פרקי אבות, פרק ד׳).

אלנפאלס האט קיינער פון די אנוועזנדע נישט געוואוסט רעכט צו ענטפערן אויף די פראגע פון רבי׳ן זי״ע, וואס איז ענדע געווארן מיט יענעם מזרחי׳סט. דערווייל האט רבי יונה ווייטער דערצעהלט וועגן די גרויסקייט פון זיין רבי׳ן, דער פאפא׳ער דיין און ער האט דערמאנט צווישן אנדערע, דאס שטענדיג פלעגט זיין רבי חזר׳ן דעם מאמר וואס ווערט געברענגט אין אבות דרבי נתן (פרק ט): ״אל תתחבר לרשע אפילו לתורה״ — דו זאלסט זיך נישט באהעפטן צו א רשע אפילו וועגן תורה.

רופט זיך אן דער רבי זי״ע און זאגט:

— פיהל לומדים לערנען אפ פשט אין דעם אבות דרבי נתן, דאס מען טאר נישט לערנען קיין תורה פון א רשע. אבער דאס איז דאך גאר קיין נייעס נישט, עס איז דאך א פשוטע זאך אז מען טאר נישט לערנען קיין תורה פון א רשע, נאר די כוונה פון דעם אבות דרבי נתן איז, דאס מען טאר זיך נישט באהעפטן צו קיין רשע אפילו כדי איהם צו מקרב זיין צו דער תורה, אויך דאן טאר מען נישט, און גערעכט איז דער ווילנער גאון זצ״ל, וועלכער איז טאקע אזוי מגיה דארטן די ברייתא: ״אל תתחבר לרשע ואפילו לקרבו לתורה״.

די באמערקונג פון רבי׳ן זי״ע האט געבראכט צו ערשטוינונג די אלע צוהערער.

רבי יונה דערצעהלט ווייטער, דאס איינמאל איז אנגעקומען א בריוו פון איינעם פון אונגארן וועלכן ער האט געשיקט צום פאפא׳ער דיין, וואו ער פארקלאגט זיך דאס ער האט א קראנקן זוהן אין שטוב, וועמענס הויט איז פוהל מיט וואונדן. די דאָקטוירים האבן זיך שוין פיהל באמיהט און אויסגעפרובט פארשידענע מיטלען, אבער אן ערפאלג. זיי וויסן נישט מעהר קיין מיטל צו פרובן און היילן דעם קראנקן, ער בעט דעריבער פון דעם פאפא׳ער

דיין ער זאל מתפלל זיין פאר זיין זוהן, ער זאל געזונד ווערן אדער איהם שיקן עפעס א סגולה.

דער פאפא׳ער דיין האט איהם באלד געענטפערט א בריוו אין וועלכן ער גיט איהם א עצה זיך צו ווענדן צו א רב וואס פיהרט אן מיט א ישיבה און פון איהם נעמען א ברכה און א עצה. ער פארשפרעכט איהם דאס ער וועט געהאלפן ווערן.

דער פאטער פון קינד האט געפאלגט די עצה פון דעם פאפא׳ער דיין, ער איז געפאהרן מיט זיין קינד צו די שטאדט מאד, צום גאון רבי מרדכי לייב ווינקלער זצ״ל, וועלכער האט אנגעפיהרט מיט א גרויסע ישיבה און מיט דער רבנות פון שטאדט, און פאר איהם אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ.

ווען דער גאון רבי מרדכי לייב ווינקלער זצ״ל, האט געהערט די רייד פון פאטער און צוגעזעהן די ליידן פון דעם זוהן, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט:

— גוט וואס איהר זענט געקומען צו מיר, ווייל פונקט אזא פאל האט געטראפן ביי איינעם פון מיינע תלמידים. ער איז געפאהרן צו א געוויסן דאקטאר וועלכער האט איהם געהיילט מיט א מעדיצין און ביז א קורצע צייט איז ער גענצליך געהיילט געווארן. דעריבער איז מיין עצה, איהר זאלט אויך פאהרן צו יענעם דאקטאר און איך האף דאס מיטן אויבערשטנ׳ס הילף וועט אייער זוהן אויך אין גיכן געזונד ווערן.

און אזוי איז טאקע געוועזן.

רבי יונה האט דערביי געזעהן א אפענעם מופת פון זיין רבי׳ן דער פאפא׳ער דיין.

רופט זיך אן דער רבי זי״ע און זאגט:

— מען מוז נישט אננעמען אז דא שטעקט א מופת, וויבאלד דער פאפא׳ער דיין האט נאר געהייסן טהון די עצה וואס ווערט געברענגט אין דעם נימוקי יוסף — — —

(וואו געפינט זיך אזא נימוקי יוסף איז נישט געוועזן בעקאנט,



**רבי מרדכי ליב ווינקלער**

ערשט שפעטער האט מען געפונען דעם נימוקי יוסף אין בבא בתרא אין פרק יש נוחלין (דף קט"ז) וואו ער שרייבט: "יעדערער וואס האט א קראנקן אין שטוב, זאל זיך ווענדן צו א רב וואס פיהרט אן מיט א ישיבה ער זאל איהם בענטשן".

רבי יונה דערצעהלט ווייטער, דאס ווען אלע גדולי ירושלים זענען ארויס מיטן אויפרוף אז יעדערער איז פערפליכטעט ארויסצוגעהן פון די פרייע קהלה, איז ער געגאנגען אין שליחות פון זיין רבי'ן צו איינעם א חשובער און בעוואוסטער רב, וועלכער האט געוואוינט אין דער אלטע שטאדט, און ער האט איהם געבעטן ער זאל זיך אויך אונטערשרייבן אויף דעם אויפרוף, צוזאמען מיט די אנדערע רבנים, אבער יענער רב האט זיך אויסגעמיטן און זיך נישט געוואלט אונטערשרייבן מיט דער טענה, אז ער זיצט זיך אין שטוב און לערנט און ער וויל נישט וויסן און זעהן וואס טהוט זיך אין דרויסן. עס אינטערעסירט איהם נישט וואס טהוט זיך אויפן גאס.

האט דער רבי זי"ע זיך אנגערופן צו רבי יונה'ן:

— איך וועל אייך דערצעהלן א מעשה: דער רשב"ם ז"ל האט זיך שטענדיג געפיהרט צו געהן אויף דער גאס מיט פערמאכטע אויגן. איינמאל האט ער געוואלט אויפשטייגן אויף א וואגן וועלכער איז געווען איינגעשפאנט מיט א פערד און א אייזל (ביי וועלכן עס איז דא א איסור פון כלאים). וויבאלד ער האט געהאלטן פארמאכט די אויגן, האט ער עס נישט אויפגעמערקט.

האט איהם געטראפן א נס און זיין ברודער, דער רבינו תם ז"ל, איז פונקט דורכגעגאנגען אין יענעם ארט, האט ער זיך אנגערופן צו זיין ברודער: "זיי נישט קיין צו גרויסער צדיק, הויב אויף דיינע אויגן וועסטו זעהן אז דער וואגן איז איינגעשפאנט מיט א פערד און אייזל".

אט די מעשה ווערט אראפגעברענגט אין מרדכי (מסכת עירובין, הגהות פרק ראשון). שטעלט זיך אבער די פראגע, נאכוואס האט דער מרדכי געדארפט אראפברענגען פונקטליך דעם לשון פון רבינו תם ווארט ביי ווארט? ער האט דאך געקענט ברענגען אין קורצן נאר די

רייד פון רבינו תם וואס געהערן צו דער מעשה, ווי צ.ב.ש: "הויב אויף דיינע אויגן, וועסטו זעהן ווי דער וואגן איז איינגעשפאנט מיט א פערד און אייזל". אבער די ערשטע רייד פון רבינו תם האט דאך דער מרדכי, וועמענס ווערטער זענען געציילט און געמאסטן, נישט געדארפט אראפברענגען?

נאר ער קומט אונז דא לערנען, אז עס זענען דא פאלן וואו מען דארף יא עפענען די אויגן און טאקע גוט צוקוקן וואס עס פאסירט אויף דער וועלט, ווייל אויב נישט, קען מען חס ושלום ווערן געשטרויכלט מיט כלאים — — —

צום ענדע האט זיך רבי יונה פארקלאגט פאר דעם רבי'ן זי"ע און געזאגט:

— איך האב, א דאנק ג־ט, זוכה געווען צו משמש זיין און לערנען פון דעם צדיק, דער פאפא'ער דיין. איך בין בעקאנט אין זיינע וועגן און מיינונגען, דאס ער איז געווען ווי א פאקל פייער אין אלע הינזיכטן וואס באריהרן דעם כבוד שמים און זיין הארץ האט ממש געברענט קעגן יעדע בענייאונג און קעגן יעדער שפאלט אין דער מויער פון אידישקייט. שטענדיג האט ער געקעמפט מיט גרויס אפפער פאר ג־ט'ס וועגן און מיט זיינע אלע קרעפטן האט ער געשטיצט דעם גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל אין זיין קאמף קעגן די צושטערער.

— און יעצט — פארקלאגט זיך ווייטער רבי יונה — האט ער זיך דערוואוסט — אז עס געפינען זיך שרייבער וואס ווילן פערפאסן א ספר און בעשרייבן זיין לעבן און ביאגראפיע, ער איז דעריבער זייער בעזארגט טאמער וועלן זיי איהם אוועקשטעלן אין נישט קיין ריכטיגע ליכט און איהם פאלש אפלערנען, און די שפעטערדיגע דורות וועלן בעקומען א פאלשע בילד פון זיין גרויסקייט און אמתע שיטה, ער האט דערפון גרויס צער.

האט דער רבי זי"ע דערויף באמערקט:

— איך האב אמאל געזאגט על פי דרוש אויף די גמרא אין

ברכות (דף כח) וואו עס ווערט געזאגט, דאס ווען רבן יוחנן בן זכאי איז קראנק געווארן, האבן זיינע תלמידים געקומען איהם בעזוכן. ווען ער האט זיי דערזעהן, האט ער אנגעהויבן צו וויינען, און ווען זיי האבן איהם געפרעגט פארוואס ער וויינט האט ער צו זיי אזוי געזאגט: ווען מען וואלט מיר געפיהרט פאר א מלך בשר ודם וועלכער איז היינט דא און מארגן אין קבר א.א.וו. פונדעסטוועגן וואלט איך דאן געוויינט. יעצט ווען מען פיהרט מיר פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וועלכער לעבט אייביג א.א.וו. און נישט נאר דאס, נאר עס זענען דא פאר מיר צוויי וועגן, איינע פון גן עדן און איינע פון גיהנם און איך וויס נישט אין וועלכן וועג מען וועט מיר פיהרן, זאל איך נישט וויינען?!

עס איז זייער שווער צו פארשטעהן, וואס רבן יוחנן בן זכאי האט דא צוגעגעבן ווייל שטענדיג אוואו עס ווערט דערמאנט די ווערטער "ולא עוד" — און נישט נאר דאס — איז דער פשט דאס דער לעצטער מאטיוו איז פיהל הארבער ווי די פריהערדיגע, אבער דא האט דאך רבן יוחנן בן זכאי פריהער געטענה'ט דאס ער וויינט דערפאר ווייל ער דארף זיך שטעלן צום געריכט פאר דעם אויבערשטן, און דאס איז דאך די שווערסטע און הארבסטע זאך, און דערנאך פיהרט ער אויס אז נישט נאר דאס, נאר ער ווייס אויך נישט אין וועלכן וועג מען וועט איהם פיהרן, צו אין דעם וועג פון גן עדן אדער אין דעם וועג פון גיהנם, דאס איז דאך אבער א פיהל לייכטערער מאטיוו ווי דער ערשטער, ווארום וואס פאר א פערגלייך איז דאס דער שטראף פון גיהנם צו דעם שטעלן זיך פארן געריכט פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, איז דאך דעריבער שווער צו פארשטעהן וואס האט דא רבן יוחנן בן זכאי צוגעלייגט נאך א מאטיוו?

— האב איך דערויף געזאגט — האט דער רבי זי"ע געזאגט — דאס ווען רבן יוחנן בן זכאי האט נאך געלעבט, איז ער דאך געווען דער מנהיג הדור, און אלע האבן געזעהן און געוואוסט זיין

קלאהרע וועג, מען האט געוואוסט אז ער קעמפט קעגן די בריונים א.א.וו. און מען האט איהם נישט געקענט פאלש אפלערנען.

אבער וואס וועט זיין נאך דער פטירה, ווען די תלמידים און די קומענדיגע דורות וועלן "מיר פיהרן", און נישט איך וועל זיי פיהרן, ווער ווייסט ווי אזוי זיי וועלן מיר אפלערנען און פערטייטשן, ווער ווייסט ווי אזוי זיי וועלן ערקלעהרן מיין שיטה און ווי אזוי זיי וועלן מיר אוועקשטעלן פאר די וואס קומען נאך מיר, אט די צרה איז פיהל גרעסער ווי די פריהערדיגע צרות, און ווי אזוי זאל איך נישט וויינען? אט דאס האט ער געמיינט מיט דעם "ולא עוד" — — —

*

צום ענדע פון די מעשה וויל איך צולייגן דאס הרב החסיד רבי שלמה קליין זצ"ל פון ירושלים האט דערצעהלט, דאס אין יאהר תרפ"ט ווען עס האט אין ארץ ישראל אויסגעבראכן פאגראמען און אומרוהען, איז פארגעקומען א מארד אין דעם דארף מוצא נישט ווייט פון ירושלים, צווישן די געהרגעטע האט זיך אויך געפונען יענער מזרחיסט וועלכער האט אנגעגריפן דעם פאפא'ער דיין זצ"ל נעבן דעם כותל מערבי, זיין נאהמען איז געווען בעקאנט אין ירושלים, אבער צוליב דעם כבוד פון דער פאמיליע איז גלייכער נישט אנצוגעבן זיין נאהמען, מען האט געזעהן קלאהר דאס דער אויבערשטער נעמט זיך אן פאר דעם כבוד פון זיינע צדיקים.

מען האט אויך געזעהן קלאהר ווי א אפענער רוח הקודש האט ארויסגערעדט פון דעם רבינ'ס זי"ע מויל וועלכער האט געפרעגט מיט אזא זיכערקייט: מאי הוה עליה דההוא צדוקי? — וואס איז געווארן שפעטער מיט יענעם מזרחיניק?

*

כה אמר ה' אלקים, הסר המצנפת והרם העטרה, בזמן שהמצנפת בראש כהן גדול, עטרה בראש כל אדם, נסתלקה מצנפת מראש כהן גדול, נסתלקה העטרה מראש כל אדם.



**רבי שלמה קליין**

## צוואנציגסטער קאפיטל

# וואס האט דער צדיק אויפגעטהון

די לעצטע ביטע פון צדיקים — די איינציגע טרייסט — דער פיהרער און פאסטאך — די פראגע וואס זיי פרעגן — מיטן כח פון צדיק

אין תהלים ווערט געזאגט: ״כי השתות יהרסון צדיק מה פעל ה׳ בהיכל קדשו״. דערויף פערטייטש רש״י: עס זענען געהרגעט געווארן די כהנים פון ג־ט, די צדיקים, וואס זיי זענען די פונדאמענטן פון דער וועלט.

אט דער פסוק זאגט אונז פיהל, זייער פיהל.

מיר געפינען אין דער סדרה פנחס: ״וידבר משה אל ה׳ לאמר יפקוד ה׳ אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם ולא תהיה עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה״. זאגט רש״י: ״דא קומט ער אונז לערנען די ליבּ פון צדיקים, דאס בשעת זיי דארפן פארלאזן די וועלט, אינטערעסירן זיי זיך נישט מיט די אייגענע געברויכן און זיי פארנעמען זיך מיט די באדערפענישן פון דעם צבור״.

דערפון זעהן מיר, אז די צדיקים, די פונדאמענטן פון דער וועלט, אין זייערע לעצטע מינוטן, אין דער צייט וואס זיי דארפן זיך אפשיידן פון דער דאזיגער וועלט, וואס איז זייער וואונש? וואס בעטן זיי ביים באשעפער פון דער וועלט?

זייער לעצטע ביטע איז, אז דער אויבערשטער זאל נישט פארלאזן זיין פאלק און נישט מפקיר זיין דעם כלל ישראל, נאר זיי צושטעלן א פאסטאך און פיהרער וואס זאל זיי פאשען און פיהרן. דאס איז די לעצטע ביטע פון די אנפיהרער פון אידישן פאלק אין אלע דורות.

לויט דעם לאזונג, איז פאר אונז זיכער און קלאר דאס אין די יאהרן פון דעם לעצטן חורבן, אין דער צייט וואס הונדערטער הייליגע קהלות זענען פארשיקט געווארן אין די קאלך אויוונס, אין דער שפיץ פון די גדולים און גאונים, די אנפיהרער פון פאלק הי״ד,

וואס איז געווען די תפילה פון די אידישע אנפיהרער אין זייערע לעצטע סעקונדעס ווען זיי זענען געשטאנען אויף דער שוועל פון די קאלכאויוונס? וואס האבן זייערע ליפן געשעפטשעט אין די מינוטן ווען זיי האבן זיך געשיידט מיט אט דער וועלט?

עס איז קיין צווייפל נישט אז זייער תפלה איז געווען דאס זעלבע וואס משה רבינו האט מתפלל געווען אין אזא מאמענט: יפקוד ה׳ אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה, אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם, ולא תהיה עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה.

דאס הייסט: מיר געהען אויף קידוש השם, עס איז א גזירה אויף א דריטל פון אידישן פאלק צו אוועקגעהן פון דער וועלט צוזאמען מיט זיינע רבנים און רביים, מיט זיינע לעהרער און אנפיהרער, אבער מיר בעטן פון דיר אונזער פאטער אין הימל, דו זאלסט היטן דאס רעשט פון אידישן פאלק, נעהם אויף איבער זיי א געטרייען פאסטאך וואס זאל ציהען ווייטער די קייט צו לערנען מיט זיי דעם אמתן וועג, דעם דרך התורה, זאלן דיינע אנטרונענע קינדער, די פון פייער ארויסגעראטעוועטע, נישט פערבלייבן אן קיין פיהרער און בעזארגער, וועלכער זאל זיי פיהרן מיט פארשטאנד אויפן גלייכן וועג, זאל דאס אידישע פאלק נישט פארלוירן געהן.

געוויס איז דאס געווען דער שטארקער טרוים און דאס לעצטע לויטערע תפלה פון די אידישע מנהיגים וועלכע זענען ארויף אויפן פייער, אזוי ווי רש״י ערקלעהרט אין דער סדרה פנחס.

מיר נעמען אן אויף זיכער דאס זייער ביטע און תפלה איז אנגענומען געווארן, דער אויבערשטער מיט זיין גרויסן חסד און דערבארימקייט האט זיי געוויס פארשפראכן אז דער כלל ישראל וועט נישט בלייבן הפקר אן קיין מנהיג, די פון שווערד געבליבענע וועלן נישט ווערן איבערגעלאזן אן קיין וועג ווייזער און לעהרער, אזוי ווי דער פסוק זאגט: ואף גם זאת בארץ אויביהם לא מאסתים ולא גאלתים, און דערויף דרשענען די חז״ל: שהעמדתי להם בית רבי. — איך האב נישט פארלאזן מיין פאלק אפילו דאן ווען זיי

האבן זיך געפונען אין גלות, אויפשטעלנדיג פאר זיי רבנים און תלמידי חכמים, געוויס האט מען פארשפראכן פאר די צדיקי הדור הי"ד ווען זיי האבן זיך געשיידט פון דער וועלט, דאס דער אויבערשטער וועט איבערגעבן זיין פאלק אין געטרייע הענד, צו א מענטש וואס פארמאגט די פיהלע פעהיגקייטן צו שטארקן דאס גייסט פון דעם ביסל פארבליבענע, זיי זאלן קענען ביישטעהן אין די נסיונות און אויפשטעלן פונדאסניי א וועלט פון תורה און חסידות, א וועלט פון אמונה און קלאהרע מיינונג, א מענטש וואס קען זיך באגעהן מיט יעדן איינעם בעזונדער, וועלכער זאל אויפשטעלן און פערשטארקן די אלע צוימען וואס זענען צושטערט געווארן און אלע גרעניצן וואס זענען פארגעסן געווארן צוליב דעם חורבן, אזא מנהיג וואס זאל קענען אפן אויסרופן דעם נאהמען פון ג־ט, ער זאל אומקערן די הערצער צו זייער פאטער אין הימל, און מאכן געוועלטיגן ג־ט איבער דער גאנצער וועלט — "על פיו יצאו ועל פיו יבואו, הוא וכל בני ישראל אתו וכל העדה".

עס איז קלאר אז אט די גאראנטיע איז געווען די איינציגע טרייסט פון די מנהיגים פון פאלק וואס זענען ארויף אין די פלאמען, זיי האבן איבערגעגעבן זייער נשמה פאר דעם באשעפער מיט א רוהיגן געמיט, וויסנדיג אז דער אויבערשטער שטעלט אויף א געטרייען פאסטאך צו פאשן די איבערגעבליבענע שאף, און די אידישע נשמות וואס וועלן לעבן נאך דעם חורבן, וועלן טרעפן א ריכטיגן מנהיג און געטרייען וועכטער, וואס וועט קענען ביישטעהן און זיך שטעלן קעגן די פארברעכערס.

עס איז געוויס אז מען האט בעוויזן פאר די צדיקי הדור הי"ד ווען זיי זענען נאך געווען ביים לעבן, דאס דער רבי זי"ע איז אויפגענומען געווארן פון הימל צו היטן אויף דאס פארבליבענע פון דעם גרויסן פייער, און ער וועט עס פאשען די שאף און אכטונג געבן זיי זאלן זיך נישט פאשען אויף פרעמדע פעלדער און זיי זאלן ח"ו נישט אריינפאלן אין קיין פארצוויפלונג, געוויס האבן די קדושים הי"ד געזעהן מיט זייערע גייסטיגע אויגן דאס געשטאלט פון רבין זי"ע אין וועלכן דער באשעפער האט אויסדערוויילט צו

איינוואָרצלען אמונה און תורה אין די פון שווערד אנטרונענע וואס זענען פארשפרייט איבער גאר דער וועלט, און וועמענס זוהן האט נאך געלויכטן און געוואָרימט איבער דעם אידישן האריזאנט ביי זייער לעבן — אט דער פאקט האט בערוהיגט די צדיקים הי״ד וויסנדיג אז דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן זיין וועלט פאר וועכטער און זיין שאף פאר א געטרייען פאסטאך.

און יעצט, ווען דער רבי זי״ע האט פארענדיגט זיינע יאהרן צו אנפיהרן מיט דער וועלט און ער איז ארויף אין דער מתיבתא דרקיע, און אין אלע זיבן הימלען רופט מען אויס: מאכט פלאץ פארן צדיק הדור און זיין פיהרער (זעה כתובות דף קד.) דאן געהען ארויס אלע צדיקים און אנפיהרער פון לעצטן דור, וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, איהם צו מקבל פנים זיין, און זיי רופן אויס פאר איהם: דער פיהרער פון פאלק, די גרויסע ליכט, געבענטשט זאל זיין דיין קומען צו פרידן!

דאן שטעלן זיך אוועק די אלע צדיקים, די פיהרער פון דור הי״ד און זיי פרעגן דעם רבין זי״ע א גרויסע פראגע. וואס וועט זיין זייער פראגע?

השתות יהרסון, צדיק מה פעל?

דאס מיינט: די פונדאמענטן זענען צושטערט געווארן, עס זענען געהרגעט געווארן די כהנים פון ג־ט, די צדיקים, וועלכע זענען די פונדאמענטן פון דער וועלט, די הייליגע קהלות אין אייראפע זענען אויסגעמעקט געווארן, די גדולי הדור זענען אוועקגעפיהרט געווארן אין די קאלך אויוונס, מיר האבן איבערגעלאזן דעם גורל פון אידישן פאלק און זיין צוקונפט, די הנהגה פון די איבערגעבליבענע הייפל ערליכע אידן, דאס אלעס האבן מיר איבערגעגעבן צו אייך אין די הענד, סאטמארער רבי, איהר זאלט אנפיהרן מיטן דור, ערציהען אונזערע קינדער און שטעהן אויף דער וואך אויף די מויערן פון דאס אידישקייט, נישט דערלאזן צו ענדערן דעם געשטאלט פון אידישן פאלק אפילו אויף א קוצו של יוד, און איהם צו אפראטעווען פון די אומגליקן וואס די ציונות

טראגט מיט זיך, אט די וויכטיגע אויפגאבע האבן מיר איבערגעגעבן אין אייערע הענד און דאס איז געווען אונזער איינציגע טרייסט אין אונזערע לעצטע מינוטן, וויסנדיג אז די וועלט פון מארגן וועט נישט זיין הפקר, און דער רבי וועט שטעהן אין קאמף און נישט צולאזן קיין שפאלטן, יעדערער וואס וועט ווערן פארגיפטעט מיט די גיפט וואס די צייט טראגט מיט זיך, וועט קוקן אויפן צדיק, זיך צוהערן צו זיינע רייד און בלייבן לעבן.

עס איז נאהנט צו פערציג יאהר פון זינט דאן וואס מיר האבן איבערגעלאזן אין אייערע הענד, סאטמארער רבי, די שליסלען פון דער הנהגה איבער דעם אידישן פאלק וואס איז דערדריקט און צובראכן, און יעצט ווען איהר האט געענדיגט אייער אויפגאבע אויף דער וועלט, ווילן מיר פון אייך הערן, צדיק מה פעל? נאך די שרעקליכע פאסירונג פון "השתות יהרסון", ווילן מיר אפנעמען א בעריכט וואס האט דער צדיק אויפגעטהון אין די פערציג יאהר פון זיין פיהרערשאפט? וואס איז דער צושטאנד פון דעם רעשטל איבערגעבליבענע פון פארלענדונג? וואס איז דער אויסזעהן פון די ארטאדאקסישע אידן וואס געפינען זיך אונטער אייער הנהגה? וואס מאכן די שאף? ווי זעהט אויס די ערציהונג? דער שבת? די מיינונגען? די ליניע? נאך דרייסיג יאר פון דער ציאניסטישע מדינה ווי זעהען דארטן אויס די עהרליכע אידן? מיר ווילן הערן און אפנעמען א בעריכט פון אלעס וואס טהוט זיך דארטן און וויסן צדיק מה פעל, וואס האט דער צדיק אויפגעטהון אויף דער וועלט?

ווייסט איהר וואס עס וועט זיין דער ענטפער אויף די פראגע פון "צדיק מה פעל"? וואס האט דער רבי זי"ע אויפגעטהון פון דעם חורבן ביז זיין לעצטן טאג?

ה' בהיכל קדשו!

דאס איז אין קורצן דער ענטפער אויף דער פראגע פון די קדושים הי"ד: צדיק מה פעל?

א דאנק די פעסטע הנהגה פון דעם רבין זי"ע אין די פערציג פון זיינע לעצטע יאהרן, א דאנק די ווירקונג פון דעם רבין זי"ע מיט זיין



דער רבי זי"ע אין בני ברק

קלאהרע און שטארקע שטים, וואס האט זיך אויף קיין איינציגע מינוט נישט אפגעשטעלט, און מיט וועלכע ער האט געלאזט הערן ג־ט׳ס ווארט אין דער הויך, א דאנק זיין עבודה און לעהרע, איז די הייליגע שכינה געבליבן אין ג־ט׳ס געצעלטן, אין די תלמודי תורה, אין די כוללים און ישיבות, אין די שוהלן און בתי מדרשים און מען האט איהר נישט פארטריבן פון איהר וואוינונג, טראץ דעם גרויסן שטראם פון כפירה וואס האט פארפלייצט אלע גאסן, זענען ג־ט׳ס געצעלטן געבליבן פעסט מיט דעם גייסט פון תורה און אמונה, און די אלע וואס קומען אריין אין זיי, האבן בעקומען ווידערשטאנד פעהיגקייט קעגן די שלעכטע ווינטן וואס בלאזן אין דרויסן, דאס מעכטיגע קראפט פון דעם רבין זי״ע, זיין ווירקונג און שאפן, האבן נישט דערלאזן די כפירה פלאמען צו זיך אנהאלטן אין די ד׳ אמות של הלכה, די ישיבות זענען אפגעראטעוועט געווארן פון די ברויזענדע וואסער, יבנה מיט איהרע חכמים האבן אפגעראטעוועט דעם כלל ישראל — און אזוי ווי דאן אזוי איז אויך יעצט, ה׳ בהיכל קדשו, דאס האט דער צדיק אויפגעטהון.

צו אונזער גרויסער בעדויערונג, האט מען אוועקגעשטויסן דאס רוה פון די הייליגע שכינה מיט דער הייליגע תורה פון פיהל ערטער, דאס אידעע פון דער ציונות האט אנגעמאכט חורבנות אין דעם אידישן וויינגארטן, גרויסע און חשובע זענען געכאפט געווארן צו ציונות, דאס אויפשטעהן פון די ציאניסטישע מדינה האט פארבלענדט די אויגן פון כמעט דאס מעהרסטע טייל פון אידישן פאלק, צענדליגער טויזנטער נשמות זענען פערסמט געווארן און עס איז כמעט פארגעסן געווארן די אלע אפזונדערונגס ווענן וואס אונזערע רביים האבן אונז איבערגעגעבן פון דורי דורות, א טונקלקייט און פינסטערניש האט באהערשט אונער גאנצער לעבן, יעדער צווייטער מענטש איז געווען אנגעשטעקט מיט פאלשע דעות פון ציונות און גאולה, דאס שלעכטס האט געהויבן די קאפ אין דער הויך.

די וועלט איז געשלאגן געווארן מיט פינסטערניש, אבער איין ווינקל איז געבליבן גאנץ און ריין, דאס איז דער תורה ווינקל, די



דער רבי אויף די עלטערע יאהרן

פעסטונגען פון די ישיבות און די תלמודי תורה, אין זיי האט נישט באריהרט די קליפה פון ציונות, די בני תורה האבן אויסגעהאלטן די פראבע, זיי זענען געלייטערט געווארן ווי אין א שמעלץ גרוב, און קיין אויסערליכע ווירקונג איז נישט אריינגעדרונגען אין די תורה געצעהלטן, דער ציוניסטישער גייסט האט געוואלט אריינדרינגען אויך דארטן אינווייניג, אבער אן ערפאלג, דער באשעפער האט געהיט און געשיצט איבער די תורה פעסטונגען.

מיט וואס פאר א קראפט האבן די תורה פעסטונגען זיך פארטיידיקט און נישט צוגעלאזן דעם שטן המשחית צו אריינדרינגען אינווייניג? וואס איז דער געהיימניס פון זייער העלדישקייט דאס א קליין הייפל זאל קענעןביישטעהן קעגן אזא גרויסע מאסע? מיט וואס האט אונזער דור זוכה געווען אז די הייליגע שכינה זאל נישט פארטריבן ווערן פון די שוהלן און בתי מדרשות, און טראץ דעם אלעם זאל בלייבן ה׳ בהיכל קדשו?

דאס איז געווען אויסשליסלאך נאר מיטן כח פון דעם אלטן צדיק, פון רבין זי״ע, אין וועמענס הענד עס איז געווארן איבערגעגעבן אט דער לעצטער דור, ער האט עס צובראכן אין דער עפנטליכקייט פון די גאנצע וועלט די געטשקעס פון דער ציאניסטישע עבודה זרה, און פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער האט ער אויסגערופן אז די הייליגע תורה וועט נישט ווערן געטוישט, און עס וועט נישט זיין קיין אנדער תורה פון דעם באשעפער, ער איז דאס געווען וועלכער האט צוגעטיילט א לויטערער גייסט, א קלאהרע מיינונג, א ריינער געדאנק און אמתע תורה צו די אלע וואס זוכן צו קענען דעם באשעפער און זיין תורה, און אזוי האט ער אויפגעשטעלט צענדליגער טויזנטער אידן איבער דער גאנצע וועלט, וועלכע זענען צוזאמענגעפלאכטן מיט תורה און מצות און זיי זענען ווידערשטאנד פעהיג קעגן אלע היינטיגע ווינטן, ער האט אריינגעבלאזן א הייליגן פייער און איבערגעבנקייט צום באשעפער אין אלע ערציהונגס אנשטאלטן, אין די ישיבות און כוללים, אין די שוהלן און בתי מדרשות, אין אלע איז געווען — וה׳ בהיכל קדשו.

און אז די גדולי הדור וועלן פרעגן: די פונדאמענטן זענען צושטערט געווארן, די וועלטן זענען חרוב געווארן, און וואס האט דער צדיק אויפגעטהון? וועט קומען דער ענטפער: דאס דער אויבערשטער געפינט זיך אין די הייליגע געצעלטן!

אויב אין אזא וועלט פון הפקר, אין א דור פון אפיקורסות און כפירה, אין א סעזאן וואו פאלשע דעות שטארקן זיך און די פיינד פון ג־ט הויבן דעם קאפ, אויב אין אזא צומישונג געפינען זיך נאך פיהלע צענדליגער טויזנטער אידן איבער גאר דער וועלט וועלכע לייקענען אין דער ציאניסטישע עבודה זרה און איהר לאזונג, זיי באיקאטירן די "כנסת" מיט איהרע גויאישע געזעצן, און גלויבן איינפאך אין ביאת המשיח, זיי האבן זיך נישט אוועקגערוקט אפילו אויף קיין האר פון די ליניע פון אונזערע רביים נ"ע, זיי ווילן נישט געניסן פון די געלדער וואס ווערט צוטיילט פון א רעגירונג וואס לייקנט אפ אין תורת משה, און האלטן פאר בעסער און העכער צו לעבן א פיינליך לעבן, זיי מיט די אנשטאלטן, כדי עפנטליך נישט צו פארשוועכן ג־ט׳ס נאמען, אויב נאך די אלע פראבעס און הסתר פנים, געפינען זיך נאך צענדליגער טויזנטער וואס האבן נישט געקניהט צום בעל, און זיי היטן אבער אלע אפזונדערונגס צוימען וואס מיר האבן איבערגענומען פון אונזערע עלטערן און רביים — איז עס אלעס מיט דער קראפט און אין זכות פון רבין זי"ע, וועלכער האט ערצויגן דעם דור אויף תורה, אויף תפלה און מלחמה, ווי עס איז פארצייכנט אין דעם הייליגן ספר ויואל משה.

> עס זענען דא אזעלכע וואס מאכן א טעות און זיי מיינען, אז דאס וואס די חז"ל זאגן אז די גאולה וועט קומען אין א דור וואס איז כולו חייב, אז דאס איז די אורזאך צו ברענגען משיח׳ן, און דאס איז א ענדגילטיגער און פשוטער טעות, פארקערט, וואס מעהר מען טהוט מצות און מעשים טובים און מען דערווייטערט זיך פון זינד, העלפט עס צו דערנענטערן די גאולה.
>
> (ויואל משה עמוד נג)

# אינהאלט פון נעמען


רבי אברהם חיים נאה קכה
רבי אברהם יונגרייז קעב רמח
רבי אברהם יפה'ן קמה
רבי אברהם ישעי' קרליץ רסב
רבי אברהם קלמנוביץ עד
רבי אורי רוזנברג רלו
רבי איסר זלמן מלצר נג
רבי אליהו מווילנא קמ
רבי אלי' מאיר בלאך רעד רפא
רבי אלי' משה שיסגאל רג
רבי אלי' פרוש מ
רבי אלתר יברוב קנג
רבי אשר זעליג מרגליות סו רלב
רבי אשר שולמן צ קכז קלא רמ רפד
רבי ברוך גרינפלד כג קצה
רבי ברוך סורוצקין רעח
רבי ברוך פעלדבראנד רמח
רבי דוב בעריש ווידנפלד רסב
רבי דוד יונגרייז נ נז קג רכ רסב
רבי הערש אייכלר קנט
רבי הערש מיכל העלער רנט
רבי הערש פנחס מאשקאוויטש מז קנט
רבי וועלוול מינצבערג קיד קטז קיח
רבי זונדל סאלאנטער קמז
רבי זליג ראובן בענגיס נג קז רסב
רבי חיים אלי' שטערנבערג רסב
רבי חיים אלעזר שפירא רלא
רבי חיים האלבערשטאם סו
רבי חיים חיימאוויטש לד
רבי חיים יעקב קלפהולץ נ רסט
רבי חיים מרדכי קאטץ רעח
רבי חיים סאלאווייציג נ
רבי חיים ערלאנגער רלא
רבי חיים שאול דוויק רטז
רבי חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים רסב
מסעמיהאלי קלה קנג
רבי יהודה אייזיקזאהן לב לד
רבי יהושע ליב דיסקין מז עא צה רנ
רבי יונה לעפקאוויטש רצ
רבי יוסף אשכנזי נז רג
רבי יוסף דינקליס קמה
רבי יוסף חיים זאנענפעלד כח לד צט קעא רצז
רבי יוסף חיים שיינברגר סו ערב
רבי יוסף צבי דושינסקי כח קכג רסב
רבי יחיאל יהודה שלזינגער קיד קטז
רבי יעקב אייזנבאך צה
רבי יעקב חי זריהן צ
רבי יעקב כ"ץ לב
רבי יעקב עמדן ש
רבי יעקב רוטמן רנז
רבי יצחק הוטנער עב
רבי יצחק זאב סאלאווייציג רג רסב
רבי יצחק שלמה בלוי רנ
רבי ירוחם פישל פערלא צ צה
רבי ישעי' רעטעק רלא
רבי ישראל אברהם קלאר קפה
רבי ישראל יצחק רייזמן סו רסב
רבי ישראל שקלאווער נז קלט
רבי לייב מאלין רג
רבי ליפא זלמן וועבער רצ
רבי ליפא לעפקאוויטש קסז

רבי ליפא שוורץ מג
רבי מאיר אייכלער קנט
רבי מאיר קארעליץ רסב
רבי מרדכי אייזנבאך רצב
רבי מרדכי בוקסבוים קצג
רבי מרדכי חיים סלאנים קפ
רבי מרדכי לייב ווינקלער שב
רבי משה אייזן רפד
רבי משה בלוי רנט
רבי משה יוסף האפמאן רצה
רבי משה סופר נז קג
רבי משה קליערס כג רמ
רבי מתתיהו דייוויס קצג
רבי נתן אדלער קג
רבי עמרם בלוי רנ
רבי עמרם בלום פא
רבי עקיבא איגער נ
רבי עקיבא סופר רסב
רבי סענדער אשכנזי סב
רבי פייוויש אשכנזי צט קיב רצב
רבי פנחס אפשטיין קיח רסב
רבי פנחס דוד קליין צג
רבי פנחס הירשפרונג קפט
רבי ראובן שלמה יונגרייז לב קעא
רבי רפאל קצנלבויגן קעא
רבי שלמה אהרן ווערטהיימער קט
רבי שלמה אליעזר מרגליות רלב
רבי שלמה קליין שז
רבי שמואל דייטש סו רנה
רבי שמואל הלל שיינקער קלט
רבי שמואל מועד קלא
רבי שמואל זיינוויל שפיצר קעא
רבי שמעון קלפוס קפ
רבי שניאור זלמן וועבער סב

**התודה והברכה לידידי הנאמנים העומדים לימיני בכל עת.**
**ידידי הותיק והנאמן הר״ר שלמה יוסף וואלדמאן שליט״א**
**ידידי היקר הר״ר טובי׳ אביגדור פעלדמאן שליט״א**
**זכות רבינו הקדוש זי״ע יעמוד להם ולביתם להתברך בכל מילי דמיטב.**
**ויעמוד על הברכה ידידי עוז הרה״ר שמואל גור שליט״א**
**על היענותו ועזרתו הנדיבה. יבורך מאת ה׳ וימלא כל משאלותיו לטובה**